STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10076

YAAKOV DINEZON

Shemuel Rozshanski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל ראָזשאַנסקי

יעקב דינעזאָן

די מאַמע צווישן אונדזערע קלאַסיקער

(1919 — 1856)

*

אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס
בוענאָס־איירעס
1956

Copyright, 1956, by
CONFEDERACION PRO CULTURA JUDIA
Ayacucho 483/485 Buenos Aires

Hecho depósito que marca la ley 11.723

Printed in Argentina *Impreso en la Argentina*

תוכן

זייטן

א זיסער מענטש אין א ביטערער צײַט — — — — — — — — — — 7—12

פּאַרוואָס איז דינעזאָן דער העברייער געוואָרן א שרײַבער אויף יידיש — — — — — — — — — — — 13—20

א נייער טיפּ משכיל: אַנשטאָט זידלען באַוויינט ער „הנאהבים והנעימים" — — — — — — — 21—27

דער מחבר וואָס דערשרעקט זיך פאַר זײַן גרויסן דערפאָלג — 28—32

„אבן נגף", דער ערשטער יידישער פאַמיליע־ראָמאַן, פון קאָנפליקט צווישן השכלה און חסידיזם — — — — — — 33—40

די פאַרבינדונג מיט שלום עליכמען און דער צוזאַמענשטויס איבער מענדעלען — — — — — — — — — — — 41—54

די נײַע ווענדונג דורך „הערשעלע" און „יאָסעלע" — — — — 55—68

דינעזאָנס פאַרהאַנדלונגען צו באַזעצן זיך מיט י. ל. פּרצן אין אַרגענטינע — — — — — — — — — — — 69—74

האָט דינעזאָן ווייניק געשאַפן אין די לעצטע יאָרן — — — — 75—78

קינדער־ליבע אין „צוויי מאַמעס" און די קללה פון געלט אין „אַלטער" — — — — — — — — — — — — 79—85

די אַלטע היים און אַמעריקע אין „פאַליק און זײַן הויז", און „דער קריזיס" פון שטאָטישן יידן — — — — — 86—94

א וווּנדערלעכער בײַשפּיל פון פרײַנדשאַפט — — — — — — 95—108

דער מיטגרינדער פון קינדערהיימען פאַר זײַנע העלדן — — — 109—117

דינעזאָן דער אָפּגעשאַצטער און דער ניט־דערשאַצטער — — — 118—129

נעמען־רעגיסטער — — — — — — — — — — — — — 130—131

בילדער

יעקב דינעזאָן — — — — — — — — — — — — — — — 5

יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — 97

יעקב דינעזאָן אין א שול צוזאַמען מיט די תּלמידים — — — — — 111

יעקב דינעזאָן אין 1913 (אין באָברויסק, ביי מענדל עלקין אין שטוב)

אַ זיסער מענטש אין אַ ביטערער צייט

**צייטגייסט און גייסט פון מענטשן. — פון ריב״ל ביז מענדעלע. — סאַ-
טירע. — אַ משכיל מיט מידת־הרחמים. — פּרצעס כאַראַקטעריסטיק. —
תמימות צווישן איבערגעשפּיצטע חכמים. — דינעזאָנס ראָמאַן און
דראַמע: „תפילה בלחש". — ווידוי.**

צווישן די יידישע שרייבערס פון 19טן יאָרהונדערט איז יעקב דינעזאָן געווען אַ יחיד במינו.

געווען אַנדערש אין כאַראַקטער. אַנדערש מיט זיין לעבן. ממילא אַנדערש אין שרייבן.

געווען אַ משכיל און דאָך ביז גאָר נאַיוו, שעמעוודיק, עניוותדיק, סענטי־מענטאַל און צניעותדיק. געוויזן, ווי חסידישער פאַנאַטיזם ברענגט אומגליקן, און דאָך נישט אַרויסגערופן צו אים קיין האַס. אפילו קעגן די פאַרדאָרבענע מענטשן, וואָס ער האָט געשילדערט, האָט ער קיין פאַרביטערונג נישט אַרויסגע־רופן.

ווען ער האָט זיך באַוויזן מיט זיינע ערשטע ראָמאַנען, אין די 70ער און 80ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט, האָבן יידישע שרייבערס נאָך אַלץ דונערדיק געשטראָפט, געריסן פּאַסן פון די אַלטפרענקישע פירונגען אָדער געלאַכט מיט יאַשטשערקעס פון דער פינצטערניש און סאָציאַלע עוולות אין די יידישע שטעטלעך. עס איז נאָך אַלץ געווען אין דער מאָדע ביטער אַריינזאָגן, ווי עס האָט איינגעפירט ריב״ל, דער טעאָרעטיקער פון דער השכלה אין רוסלאַנד. מען האָט זיך נאָך נישט באַפרייט פון רושם, וואָס עס האָט געמאַכט לינעצקי מיט זיין זידלען און באַשמוצן דעם חסידיזם. און אויב מענדעלע מוכר ספרים האָט מיט זיין שניידיקער סאַטירע נישט אַזוי שאַקירט, איז דאָס געווען אין זכות פון זיין וואָרטקונסט, אין וועלכער דער למדן האָט זיך געבריהט מיטן סטילמייסטער און שפּילמייסטער. אין כלל גענומען האָט אָבער געבושעוועט אַ פאַרביטערונג, אַזוי אין לעבן, ווי אין דער ליטעראַטור.

„מע׳ דאַרף נאָר וואַרפֿן אַ ריקבליק אויפֿן ייִדישן לעבן פֿון פֿאַר ..אָר דער לעצטער צײַט... מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען און זיך גוט פֿאָרשטעלן: דלפּנקע, קבצאַנסק, זיבן־בלאָטיווקע, ציאַכנאָווקע, און דעם גאַנצן תוהו ובוהו פֿון אַלטע ייִדישע „שטעט און שטעטלעך" (1).

אין אַזאַ צײַט איז געקומען יעקב דינעזאָן און אַנשטאָט פֿאַרביטערונג אַרײַנגעבראַכט סענטימענטאַליזם. אַנשטאָט מידת־הדין געקומען מיט מידת־הרחמים.

„ער רעדט ווי אַ ברודער צום ברודער, גאַנץ אָפֿט ווי אַ מוטער צום געליבטן קינד... אַזוי ווי מען האָט געדאַרפֿט ריידן צו די קראַנקע געטאָ־קינדער" (2).

ער האָט אין זײַנע ראָמאַנען געשילדערט שוואַרצע געשטאַלטן, אָבער אַנטקעגן יעדער שוואַרצער פֿיגור אַרויסגעפֿירט אַ ליכטיקע געשטאַלט. ער האָט אַפֿילו געצווימט די פֿײַנטשאַפֿט צו די מענטשן, וועלכע זײַנען דורך אים פֿאָרגעשטעלט געוואָרן ווי טײַוואָלים, וואָס האָבן געבראַכט צער, צרות און טראַגישן טויט פֿאַר זײַנע באַליבטע העלדן.

יעקב דינעזאָן איז געווען אַ צאַרטער באַלעבאַטישער ייִד, וואָס האָט נישט געקאָנט פֿאַרלײַדן קיין עוולות. דערפֿאַר האָט ער זיך געהיט, אַליין נישט אַרײַנצופֿאַלן, אַליין נישט צו באַגיין אַזעלכע עוולות.

ווייט געווען פֿון סאָציאַליסטישע טעאָריעס. פֿרעמד איז אים געווען די אידייע פֿון קלאַסנקאַמף. פֿון דעסטוועגן געפֿינען זיך אין זײַנע ווערק בלעטער, וועלכע זײַנען באַנוצט געוואָרן פֿון סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן, ווי ראיות און עדות קעגן סאָציאַלע אומרעכטן אינעם ייִדישן לעבן.

נאָר בעת ער האָט געצווימט זײַן פֿײַנטשאַפֿט קעגן שוואַרצע געשטאַלטן, האָט ער פֿאַרפֿלייצט מיט ליבשאַפֿט יענע מענטשן, וועלכע זײַנען אים ליב געווען, ערלעכע, נאַיִווע, קינדישע נאַטורן — קרבנות פֿון זאַטע חוצפּהניקעס און ווילדע פֿאַנאַטיקערס.

„י. דינעזאָן איז דער אָפּטימיסט אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור. פֿאַר אים איז דאָס שלעכטע נאָר אַ צופֿאַל־מעשה, און ער איז בטוח, אַז דאָס גוטע וועט שטענדיק מנצח זײַן די אומגליקלעכע סיבות פֿון לעבן" (3). אַזוי האָט מען

---

1) י. ל. פּרץ — יעקב דינעזאָן", 1903. — „די ווערק פֿון יצחק לייבוש פּרץ", נ״י 1920, ז׳ 132.

2 ד״ז, ז׳ 135.

3) בעל מחשבות — „געקליבענע שריפֿטן", ווילנע, 1910 ערשטער באַנד, „יעקב דינעזאָן" (צו זײַן 25־יאָריקן יובילײ), ז׳ 116.

אים אָפּגעשאַצט אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. אַזוי זעט ער אויס היינט, שוין פון אַ דיסטאַנץ, אַ סך יאָרן נאָך זיין אַוועקגיין. היינט דאַרף מען באַגרייפן דעם מהלך — וואָס פאַר אַ מהלך פון זיינע שרייבערישע אָנהייבן!

אין זיין צייט איז יעקב דינעזאָן געווען אַ יחיד במינו — מיט זיין אָפּטי־מיזם.

„אויפגעקלערטע" האָבן דערפאַר אויף אים געקוקט מיט אַ שמייכל. ס'הייסט:

— וואָס פאַר אַ נאַיווער מענטש!

יעקב דינעזאָן איז אָבער געווען אויסערלעך פונקט ווי ער איז געווען אי־נערלעך: אַ זיסער מענטש אין אַ ביטערער צייט.

ער האָט נישט געפילט די בושה צו זיין אין קרייזן פון איבערגעשפּיצטע חכמים אַ קינדיש־תמימותדיקער מענטש.

*

די געשיכטע פון זיין איינציקן ראָמאַן אין לעבן כאַראַקטעריזירט דינע־זאָנען דעם שריפטשטעלער און מענטש.

דינעזאָן, געבוירן אין ניי־זשאַגער, ביי קאָוונע, אין דער עכטסטער ליטע, איז צו די צוועלף יאָר געוואָרן פאַריתומט און דערפאַר איז ער נאָכן טאַטנס טויט אַריבער צו אַ פעטער וווינען אין דער גרויסרוסישער שטאָט מאָהילעוו. גע־שטאַמט פון אַ יחוסדיקער משפּחה, איז ער באַצייטנס אַריינגעפירט געוואָרן אין דער וועלט פון ספרים און ביכער. אין מאָהילעוו געלערנט אין ישיבה, אין בית־מדרש און דאָרטן, אונטער דער ווירקונג פון משכּילים, זיך אַריינגעטאָן אין וועלטלעכע לימודים, אין העברעיִשער ליטעראַטור, אין רוסיש און אין דייטש. די דאָזיקע קענטעניש האָבן אים געפירט צו פאַרנעמען זיך מיט לערעריי און וואָס ער איז געווען אַ בר־מזל. והא ראיה, ער איז, ווי אַ יונגער בחור נאָך, אַריינגענומען געוואָרן פאַר אַ הויזלערער אין איינער פון די רייכסטע און חשובסטע פאַמיליעס פון מאָהילעוו, צו די הורעוויטשעס, ביי וועלכע ער איז שפּעטער געוואָרן פאַר־טרויאונג־מענטש, בוכהאַלטער און געשעפטפירער.

באָדאַנע הורעוויטש, די באַלעבאָסטע פון דעם הויז, איז געווען פון גרויסן יחוס. אַ ווילנערן, פון אַ חשובער, גבירישער משפּחה משכּילים. איר שוועסטער איז געווען די פרוי פון באַרימטן ווילנער ספרים־דרוקער ראָם. אַליין האָט זי פון איר שטוב געמאַכט אַ וויכטיקן קולטור־געזעלשאַפטלעכן צענטער פאַר אויפגע־וואַכטער יוגנט און אינטעליגענץ. אַהין פלעגן אָנשפּאַרן אַלע שווערע הערצער און קיין שווערע הערצער האָבן דעמאָלט נישט געפעלט. כאָטש אין דער דאָזי־

קער שטאָט בײַם דניעפּער איז נישט געווען קיין גרויסע חסידישע קאָנצענטראַ־ציע און די פרומע ייִדן זײַנען געווען ווייניקער פאַנאַטיש ווי אין די קליינע שטעטלעך, פון דעסטוועגן זײַנען ביטערע קאָנפליקטן און דראַמאַטישע צוזאַמענ־שטויסן צווישן עלטערן און קינדער געווען מעשים בכל יום. רעוואָלוציאָנערע שטימונגען האָבן פאַרכאַפּט די יוגנט און פון דער אַנדערער זײַט האָט די באַלע־באַטישע השכלה גערופן און צוגעצויגן צו זיך בחורים און מיידלעך. אַ סך על־טערן, וואָס האָבן „געפּאַקט" זייערע קינדער בײַם לייענען „גויִשע ביכלעך", זײַנען איינס און צוויי „איבערגעצײַגט" געוואָרן, אַז זיי גייען, ר"ל, דירעקט צום שמד... זײַנען די צוזאַמענשטויסן געווען אַזעלכע, אַז דאָס אַנטלויפן פון קינ־דער אין מיטן נאַכט האָט זיך גענומען אָפּטער איבערחזרן, און געווען גרעסערע אומגליקן, אַזש ביז זעלבסטמאָרד... איז די שטוב פון באַדאַנע הורעוויטש גע־וואָרן אַ צענטער פאַר דער דאָזיקער אויפגעוואַכטער יוגנט. דאָרטן זײַנען זיך צונויפגעקומען משכּילים מיט איינפלוס און איידעלע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר די קאָנפליקטן, און זיי האָבן געזוכט מיטלען, ווי צו העלפן. וועמען מיט געלט, וועמען מיט אַן עצה, וועמען מיט אַריינמישן זיך אין דער פאַמיליע, וועמען מיט פאַפּירן צו פאָרן קיין אויסלאַנד און וועמען צו סטימולירן, לערנען, דערמוטיקן, אויב עס האָט זיך געהאַנדלט פון באַגאַבטע יונגע מענטשן.

אין דער דאָזיקער שטוב איז יעקב דינעזאָן געוואָרן דער הויזלערער פון דער גערעאָטענער בת־יחידה, אַ יונג מיידל וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן ווי אַ פּיאַניסטן. און אין אָט דעם מיידל האָט דער הויזלערער — זיך פאַרליבט.

דער לערער האָט אָבער קיינעם נישט אויסגעזאָגט, וואָס ער האָט געפילט צו זײַן תּלמידה. ער האָט עס געהאַלטן ווי אַ הייליקן סוד. אפילו איר גופא קיין מאָל קיין איין וואָרט נישט געזאָגט. געליטן, אָבער נישט אויסגעזאָגט. אונטער־געקרענקט פון עגמת־נפש, אָבער מיט קיין איין וואָרט נישט געגעבן אָנצוהערן.

מסתמא האָט ער געהאַלטן פון פּעדאַגאָגישן פּרינציפּ, אַז אַ לערער טאָר נישט אויסניצן פאַר זײַנעטוועגן דעם צוטרוי און די אויטאָריטעט, וואָס ער האָט בײַם תּלמיד. טאַקע דערפאַר, ווײַל ער איז פּריווילעגירט, איז ער מחויב אָפּצור־היטן דיסטאַנץ. בפרט נאָך, ווען מ'איז אַ פאַרטרויאונג־מענטש פון דער גאַנ־צער פאַמיליע. ער, דער הויזלערער, פלעגט דאָך בײַזײַן די באַראַטונגען אפילו וועגן די אינטימסטע משפּחה־ענינים. מ'האָט אים אויך גערופן, ווען מ'האָט באַ־דאַרפט באַשטימען, צי מען זאָל די בת־יחידה שיקן קיין ווין לערנען בײַ גרויסע פּיאַנאָ־פּראָפעסאָרן. ער האָט באַדאַרפט זאָגן זײַן מיינונג און ער האָט געזאָגט,

אָבער קײן װאָרט נישט פֿון דעם, װאָס האָט געדריקט זײַן האַרץ. אַזױ האָט ער זיך מיט איר געזעגנט. ער האָט, אמת, נאָך דעם געזוכט אױסריידן, װי צו פֿאָרן קײַן װין. געװאָלט פֿאָרן קײַן ברעסלױ, אַרײנגײן אין ראַבינער־סעמינאַר. אַזעלכע נסיעות זײַנען פֿאַר משכּילים דעמאָלט געװען פֿון די געװײנטלעכע זאַכן: מ׳איז געפֿאָרן אַהין לערנען. די הורעװיטשעס האָבן אָבער נישט דערלאָזט. ס׳טײטש? אַזאַ פּאַרטרױאונג־מענטש? זײ האָבן אים באַדאַרפֿט האָבן פֿאַר זײערע געשעפֿטן. און ער — האָט קײן כּוח נישט געהאַט זײ װײ צו טאָן. איז ער געבליבן ביז די בת־יחידה איז נאָך דרײַ יאָר לערנען אין װין און פּאַריז צוריקגעקומען אין מאָ־הילעװ. און אַז זי איז צוריקגעקומען, האָט מען איר גענומען רײדן אַ שידוך מיט אַ שװעסטערקינדל, טאַקע מיט ראָמס אַ זונדל. איז װעמען זאָל מען שיקן אַרום־רײדן װעגן דעם שידוך, אױב נישט דעם הױזלערער, װאָס איז אַזאַ פּאַרטרױאונג־מענטש?

דער צעװײטיקטער הױזלערער האָט אױך איצטער געשװיגן. צוטרױ איז צוטרױ. שליחות איז שליחות. מ׳האָט דאָך אים אָנפֿאַרטרױט! װײבאַלד מען האָט זײַן ליבע און זײַן צער נישט אַרױסגעפֿילט — זאָל ער זיך אַרױספֿװאַרפֿן מיט זײַן ליבשאַפֿט? אפֿשר פֿאָדערן זײַן רעכט אױף ליב האָבן?

דער הױזלערער האָט געשװיגן ביזן סוף. געפֿאָרן און דורכגעפֿירט די מיסיע, װאָס מ׳האָט אים אָנגעצײכנט. אָפּגערעדט, װען זײַן געליבטע זאָל חתונה האָבן מיט אַ צװײטן... נאָך דעם צוריקגעקומען קײן מאָהילעװ און אָפּגעלעגן עט־לעכע װאָכן אין בעט (4).

אַזאַ לערער איז געװען יעקב דינעזאָן.

*

יעקב דינעזאָן האָט געהאַלטן פֿון „תּפֿילה בלחש״.

געװיס האָט ער אױך זײַן אומגליקלעכן ראָמאַן אין זינען געהאַט, װען ער האָט אין אַ סך יאָרן אַרום, אין 1911, געשריבן פֿון װאַרשע קײַן שװײץ, אין אַ בריװ צום קריטיקער ש. ניגער: „תּפֿילה בלחש״ רופֿט מען די שמונה עשׂרה ברכות, װײל מען טאָר זײ בקול רם נישט אױסרײדן. און װײסט איר פֿאַרװאָס? װײל אין שמונה עשׂרה איז פֿאַראַן אױך װידױ: סלח לנו אָבינו כּי חטאנו, מחל לנו מלכּנו כּי פּשענו! מען טאָר קײן װידױ נישט זאָגן בקול רם... פֿאַר מענטשן

4) ש. ל. ציטראָן — „דרײַ ליטעראַרישע דורות״, ב׳ 1, „יעקב דינעזאָן״, זז׳ 56־104, װאַרשע 1920.

ברויכן מיר נישט פראַלן אונדזוערע זינד... צי ווייסט איר נישט, אַז דאָס ריידן אָדער שרײַבן וועגן אַלץ, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן אָדער אַפילו נאָר אָפּגעחלומט אין די יונגע יאָרן, איז פאַר אַ מענטשן, וואָס וויל אין זיך נישט געניאַרט זײַן, אַ מין ווידוי אויף חטאת נעורים? " (5).

אַזוי טראַכטן קענען נאָר צאַרטע נשמות. זעלטן דערהייבן זיך מענטשן צו אַזאַ צאַרטקייט.

אַזאַ צאַרטער מענטש איז געווען יעקב דינעזאָן און אַזאַ רירנדיקע מענטש־לעכקייט האָט ער אַרײַנגעפירט אין דער ליטעראַטור און אין דער ליטעראַרישער סביבה.

5) „יעקב דינעזאָנס בריוו" מיט באַמערקונגען פון ש. ניגער, „די צו־קונפט", נ"י, 1929, ז' 621.

פאַרוואָס איז דינעזאָן דער העברייער געוואָרן אַ שרייבער אויף יידיש?

פון לערער ביז בעלעטריסט. — „ערשטע פּראָבע“. — דער וויכוח צווישן דער מאַמען און מיכל גאָרדאָן וועגן שרייבן ספרים און יידישע לידלעך. — „אמתע משכילים שעמען זיך שרייבן זשאַרגאָן“. — די ניאַנקע... — פון רחמנות צום פּראָסטן עולם ביזן אַרויסרוף פון „מיין קינסטלערישע נשמה“. — ווי באַפרייט מען זיך פון די אויסגעלערנטע פּסוקים ביים שרייבן? — דער פּאָפּולאַריזאַטאָר וויל ווערן זעלבשטענדיק. — דורך יידיש געוואָרן אומאָפּהענגיק. — גייענדיק דעם לעבן אַנטקעגן.

יעקב דינעזאָן איז אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַן איידעלער לערער.

זיין הייסטער פריינד, י. ל. פּרץ, האָט אים באַטראַכט גיכער פאַר אַ זיטן־לערער ווי פאַר אַ קינסטלער. „פריער — הייסט עס — זיין ליבעראַל, גוט און ערלעך, דערנאָך ערשט — שיין! דאָס בילד, די סצענע, דאָס שטיק אָפּגעמאָלט לעבן איז נישט קיין צוועק פאַר זיך אַליין — דאָס לעבן האָט אפשר פאַר זיך אַליין קיין תכלית נישט! — דער קינסטלער מוז דעריבער לכל הפּחות באַווייזן, אַז איין מענטש דעם צווייטן דאַרף ליב האָבן; אַז איין געשלעכט דאַרף דאָס צווייטע נישט אונטערדריקן; אַז פאַלשקייט, אינטריגעס, פאַנאַטיזם אד"גל שלעכטע מידות פירן נישט צו קיין גוטס; אַז „יידישקייט איז נישט דער איבערגלייבן אין צדיקים און זייערע ניסים“ (6).

מיט דעם דאָזיקן קוק אויף ליטעראַטור איז דינעזאָן געקומען צום שרייבן. און אַזוי ווי ער איז געווען זייער אַ נאַיווער מענטש, אַ צאַרטער, ערלעך ביז גאָר, האָט ער אַנדערש נישט געקענט פאַרשטיין, אַז אויב שרייבן, דאַרף מען

י. ל. פּרץ — ב׳ 10, ז׳ 132.

זײַן טרײַ צום לעבן. פון דעם איז ממילא געקומען זײַן רעאַליזם אויסגעוואַרעמט אין סענטימענטאַליזם.

*

אין זײַנע זכרונות, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין 1911, אויף דער מאָנונג פון ש. ניגער, האָט דינעזאָן אין אַרײַנפיר איבערגעגעבן אַן עפּיזאָד פון זײַן „ערשטער פּראָבע צו שרײַבן", וואָס כאַראַקטעריזירט סײַ אים און סײַ זײַן צײַט.

ער דערציילט, ווי ער האָט פון זײַן קינדהייט אָן שטאַרק ליב געהאַט ווײַס פּאַפּיר. „אויף וואָס עס טויג מיר — זאָגט ער — האָב איך נאָך אַליין נישט געוווּסט. נאָר קוים האָב איך דערזען בײַ אַ ייִנגל, צי אויף דער גאַס, צי אין חדר, אַ ליידיק בלעטל שיין און ריין שרײַב־פּאַפּיר, איז מיר קיין פּרײַז, וואָס איך האָב דעמאָלט פאַרמאָגט, נישט צו טייער געווען". ביז ער האָט אין אַ טאָג „אַרויס־געגנבעט" עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר פון טאַטנס טישקעסטל. און האָט מען אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן, איז נישט מעגלעך געווען בײַ אים אַרויס־צובאַקומען אַן ענטפער. נו, האָט דער טאַטע געשפּילט דעם בייזן און געוואָלט באַשטראָפן, איבערהויפּט דער מאַמען צוליב, ווײַל זי האָט בפירוש אין דעם געזען, אַז יעקבל פאַרנעמט זיך אויף אַ געפערלעכן וועג, ר"ל...דאָס קינד האָט אָבער געהאַט מזל, וואָס זייער שכן און גוטער פרײַנד איז געווען מיכל גאָרדאָן. ער האָט אין דעם ציִען צו שרײַב־פּאַפּיר געזען גאָר אַן אַנדערן רמז און מכוח דעם איז צווישן אים און דער מאַמען פאָרגעקומען אַזאַ שמועס:

„— צו וואָס טויג אים דאָס פּאַפּיר? פאַרוואָס האָט ער עס ליב? — פרעגט נאָך די מאַמע אַלץ דאָס פּריִערדיקע.

— אדרבה, ווײַל טאָקע דאָס פּאַפּיר טויג אים נאָך דערווײַל צו גאָר נישט, און ער האָט עס ליב, איז אַ סימן, אַז מסתמא האָט דאָס פּאַפּיר ערגעץ אַ שײַ־כות צו זײַן יונג נשמהלע...ווער קען וויסן, וואָס דאַרף אַ מאָל פון אים אַרויס־וואַקסן? אפשר וועט ער אַ מאָל זײַן אַ גרויסער רב און וועט שרײַבן אויף פּאַ־פּיר ספרים הייליקע אין דער תורה.

— פון אייער מויל אין גאָטס אויערן! — כאַפּט אונטער די מאַמע.

— און אפשר וועט ער גאָר זײַן אַ געבילדעטער און וועט שרײַבן לידעלעך אַזעלכע, ווי איך שרײַב! (7).

ז) מיכל גאָרדאָן, פּאָלקספּאָעט, אַ ווילנער, 1832־1890, איז דער מחבר פון פּאָפּולערן טישליד „די משקה".

— זאָלט איר זיך בעסער די צונג אָפּבײַסן! — ענטפֿערט אים די מאַמע" (8).

דינעזאָן, דער געשמראָפּטער, איז פֿון אָנהייב טאַקע ווײַט נישט אַוועק פֿון דער מאַמען.

*

„זיך בעסער די צונג אָפּבײַסן!" איידער ווערן אַ ייִדישער שרײַבער — אַזוי האָט מען געטראַכט אין יעדער באַלעבאַטישער ייִדישער שטוב פֿון 19טן יאָרהונדערט. אפֿילו די וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט „זשאַרגאָנישע שרײַבעכצן" האָבן געציטערט, טאָמער וועט זייער קינד זיך וועלן פֿאַרנעמען מיט שרײַבן אויף ייִדיש. מכל שכן האָט אַזוי געטראַכט יעקב דינעזאָן.

האָט ער אָנגעהויבן פֿון שרײַבן מאמרים און קאָרעספּאָנדענצן אין לשון קודשדיקע צײַטשריפֿטן און אויף ייִדיש האָט ער געפּרוּווט שרײַבן לעקציעס וועגן נאַטורוויסנשאַפֿט. אויף העברעיִש געוואָלט ווערן אַ שרײַבער און אויף ייִדיש אַ לערער.

„עטלעכע יאָר נאָך מײַן אַוועקפֿאָרן פֿון וואַרשע — דערציילט אונדזער גרעסטער היסטאָריקער וועגן זײַן פֿערזענלעכער באַציִונג און פֿרײַנדשאַפֿט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1887 — האָט דינעזאָן מיט מיר קאָרעספּאָנדירט. אַלע בריוו זײַנען געשריבן העברעיִש. רוסיש איז אים געווען שווער צו שרײַבן, און אויף ייִדיש האָט, נאָך די באַגריפֿן פֿון יענער צײַט, „נישט גע־פּאַסט" צו קאָרעספּאָנדירן צווישן תּלמידי־חכמים, וואָס קענען לשון קודש שרײַבן ... אמתע משכּילים שעמען זיך שרײַבן זשאַרגאָן" (9).

הײַנט איז קוריאָז אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור, וואָס עס האָט געזאָגט דער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער פּאָנענטרעגער פֿון ייִדישיזם: אַפֿילו אין 1891 האָט פּרץ געשריבן אין זײַן פֿירוואָרט צום ערשטן באַנד „יודישע ביבליאָטעק", אַז „זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו פֿאַרטרעטן די מוטער־שטעלע אין אַ ייִדישן הויז: דעם פּלאַץ פֿאַרנעמט און דאַרף

8) „עראינערונגען" — „דער פּנקס", יאָרבוך פֿאַר געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע, ערשטער יאָרגאַנג — תּרע"ב, רעדאַקטירט פֿון ש. ניגער, ווילנע, ז' 150.

9) שמעון דובנאָוו — „פֿון „זשאַרגאָן" צו ייִדיש", ווילנע 1929. — „דער ליבהאַרציקער יעקב דינעזאָן", זז' 24־32.

פאַרנעמען לשון הקודש; זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו דער לערער־שטעלע, דעם פּלאַץ מוז לעת עתה פאַרנעמען א לאַנדשפּראַך; זשאַרגאָן איז נאָר א ניאַנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען גיין, זיצן, אָנהייבן ריידן... דערנאָך — מעגט איר די ניאַנקע אַרויסוואַרפן אָדער, אויס דאַנקבאַרקייט, איר איבערלאָזן אַן אָרט בײַם טיש!" (10) ... אויב דער רעוואָלוציאָנערער פּרץ האָט אַזוי געמענט — הײַנט, ווי איז שוין געווען דער באַלעבאַטישער דינעזאָן?

*

פאַרוואָס־זשע האָט דינעזאָן פאַרט אָנגעהויבן שרײַבן אויף ייִדיש? דערציילט ער וועגן זיך, בײַ דער געלעגנהייט פון שילדערן אײַזיק־מאיר דיקן:

— „מײַן נאָמען געדרוקט מיט אותיות מרובעות אונטער מײַנעם א מאמר האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אין „המגיד", דערנאָך אין „המליץ", אין „הכרמל", „הצפירה" און ענדלעך אויך אין סמאָלענסקינס „השחר" — ייִדיש האָב איך געשריבן אָנפאַנגס יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט א שטיף טאָן, זיך און מײַנע חברים לוסטיק צו מאַכן, און אַזוי אַרום בין איך ביסלעכווײַז צו דער איבערצײַגונג געקומען, אַז נאַטירלעכער ווי שרײַבן יודיש פאַר יודישע לעזער קען גאָר נישט זײַן, און דאָס יודיש האָט אָנגעהויבן צו באַפרידיקן אי מײַן קינסטלערישעם געפיל, אי מײַן יודישן געוויסן, וואָס האָט מיר שטענדיק געפּלאָגט, וואָס איך שרײַב לשון הקודש נור פאַר א קליינעם קרײַז חברים, וועמען איך האָב אייגנטלעך גאָר נישט צו זאָגן, גאָר נישט צו דערציילן, און די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער ברידער און שוועסטער, וואָס מײַן זאָגן וואָלט זיי אפשר נוצלעך זײַן און מײַן ערציילן וואָלט זיי פאַר־געניגן פאַרשאַפן, קענען מײַן זאָגן נישט הערן, מײַן ערציילן נישט צוהאָרכן, ווײַל איך שרײַב אין א לשון, וואָס נור מיר, לומדים, מיר, קענער, מיר, אויפ־געקלערטע, פאַרשטייען, אָבער נישט זיי, די עמי הארצים, איבער וועמען מיר קוקן פון אויבן אראָפּ..." (11)

פאַר רחמנות, הייסט עס, אָנגעהויבן שרײַבן ייִדיש. מיט זײַן גאַנצער קינדישער תמימות דעקט ער פאַר אונדז אויף זײַנע באַהאַלטענע געדאַנקען, וועלכע האָבן אים געמוטשעט. סטייטש, גזלן! וואָלסט געקענט שרײַבן ייִדיש און דו זעסט, ווי שטאַרק מען נייטיקט זיך אין דײַן שרײַבן ייִדיש, און פון

---

10) י. ל. פּרץ — „בילדונג", ב' 12, ז' 17.

11) „יעקב דינעזאָנס בריוו", „די צוקונפט" 1929, נ' 9.

דעסטוועגן איגנאָרירסטו די שפּראַך, שעמסט זיך מיט איר... סטייטש? ווי האָט עס אַ ייִד אַזאַ האַרץ?

דינעזאָן איז זיך אָבער מודה ומתוודה, אַז אין פּראָצעס פון שרײַבן, בשעת ער האָט אויסגעפּרוּווט זײַן פּעדער אויף העברעיִש און אויף ייִדיש, האָט ער זיך גענומען אָפּגעבן רעכענונג, אַז אייגנטלעך ציט אים צו שרײַבן אויף ייִדיש נישט אַזוי פון רחמנות וועגן, נײַערט פון אַן אַנדערן דראַנג. ער האָט אָנגעהויבן פילן, אַז ווי שטאַרק העברייער ער איז — שרײַבט זיך אים נישט אויף העברעיִש. און פאַרקערט: ווי וויניק עס שטייט אים אָן זיך אַראָפּ־צולאָזן צו שרײַבן ייִדיש — שרײַבט זיך אים יאָ אויף ייִדיש.

„מײַן קינסטלערישע נשמה — דערציילט ער — האָט פון מײַן לשון הקודש שרײַבן נישט באַפרידיקט געקענט בלײַבן, ווײַל זי האָט זיך עפּעס ווי געצווונגעני און נישט פרײַ געפילט. נישט דערפאַר, וואָס האָבן מיר אפשר ווער־טער און אויסדריקע געפעלט. אַזעלכע האָב איך אין מײַן תנ"ך פאָראַט נאָך מער ווי צו פיל געהאַט, און טאַקע די צופיל אָנגעגרייטע פאַרטיקע ווער־טער אין אויסדריקע האָבן דעם אייגענעם פרײַען געדאַנקען שטענדיק דעם וועג פאַרשטעלט, און אַנשטאָט אַליין צו ריידן האָט שטענדיק פאַר מיר גערעדט ישעיה, איוב אָדער קוהלת. איין אַנדערש מאָל פלעגט מיר פאָרקומען, אַז מיט מײַן לשון הקודש שרײַבן באַקלייד איך מײַנע העלדן כסדר מיט פרעמדע, אויף זיי קוים צוגעפּאַסטע קליידער. און די קליידער הענגען זיי טאַנדעט און אומגע־לומפּערט, און איך אַליין בין נישט מער ווי אַ טאַנדעטניק. גאַנץ אַנדערש האָב איך מיך דערפילט אין יודיש. דאָ רעדט פאַר מיר קיינער נישט, נישט ישעיה, נישט יחזקאל אַפילו. דאָס רייד איך אַליין, און נישט נור איך אַליין רייד, אָבער אויך מײַנע העלדן ריידן דאָ מיט זייער אייגענעם לשון, יעדער ווי ער פילט און ווי ער איז געוווינט צו ריידן. איך דאַרף פאַר זיי קײַן ווערטער און אויסדריקע נישט זוכן, בפרט אַזעלכע, וועלכע זיי האָבן גאָר קײַן מאָל נישט פאַר־לוירן..." (12).

ער גייט אַריבער פון העברעיִש צו ייִדיש, ווי אַ זון וואָס גייט אַוועק פון טאַטן, ווײַל ער וויל ווערן זעלבשטענדיק — דער טאַטע איז טאַקע וווּיל און גוט, אָבער דאָס קינד וויל פאַרט ווערן זעלבשטענדיק...

ייִדיש האָט געהאָלפן זעלבשטענדיק ווערן יענע ייִדן, וועלכע עס האָט גע־צויגן צום פאָלק און וועלכע האָבן נישט געקאָנט געפינען דורך העברעיִש די דאָזיקע אינטימע אומאָפּהענגיקייט.

---

12) ד"ז.

דאָס האָט די „קינסטלערישע נשמה", ווי דינעזאָן דריקט זיך אויס, אָריענטירט דעם יונגן משכיל, ווו זיין וועג איז. „ווען עס האָט זיך" אים „פאַרגלוסט א שטיף טאָן, זיך און חברים לוסטיק מאַכן", איז ער „ביסלעכווייז צו דער איבערצייגונג געקומען, אז נאַטירלעכער ווי שרייבן יודיש פאַר יודישע לעזער קען גאָר נישט זיין, און דאָס יודיש האָט אָנגעהויבן צו באַפרידיקן" זיין „קינסטלערישעם געפיל".

וואָלט ער זיך פאַרלאָזט בלויז אויפן שכל און געהאַלטן בלויז פון באַלערנען, וואָלט דינעזאָן זיכער נישט געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געוואָרן. וואָלט ער געמאַכט נאָך א צאָל איבערזעצונגען, באַאַרבעטונגען פון אוניווערסאַלער און יידישער געשיכטע (13). וואָלט ער אַרויסגעגעבן נאָך א ביסל בראָשורן און ביכלעך, צו באַקענען מיט לענדער און פעלקער, ווי מיט נאַטורוויסנשאַפט, צו וואָס ער האָט געהאַט א באַזונדערע שוואַכקייט (14). אפשר וואָלט ער אויך אָפּגעדרוקט ביכלעך וועגן בוכהאַלטעריע און האַנדל (15). ער וואָלט געדרוקט מאמרים מיט א סך מליצה, ווי דער שטייגער איז געווען אין זיין קרייז משכילים (16). ער, וואָס איז ווי א פּרינציפּיעלער העברעיסט געווען שאַרפער און קאַטעגאָרישער פון אַנדערע, וועלכע האָבן געשריבן העברעיש איידער זיי זיינען אַריבער אויף יידיש, האָט זיך נישט געקענט גלייכן מיט י. ל. פּרץ, וועלכער „האָט שוין דעמאָלט געשריבן א וווּנדערבאַרן העברעיש"

---

13) גרעצס „פאָלקסטימליכע געשיכטע דער יודען" און דער 1טער באַנד „וועלט־געשיכטע" (געדרוקט ווי אַ ביילאַגע צום „יוד" אין יאָר 1900) האָבן באַדאַרפט זיין דער אָנהייב פון אַ ברייטפּאַרנעמיקער אַרבעט, צו שאַפן ביי יידן מער פאַרשטענדעניש פאַר געשיכטע.

14) אין 1876 איז דערשינען זיין בראָשור „דונער און בליץ", שפּעטער „רעגן און שניי", „עגיפּטן", „בבל", „חינא", „די מאַראַנען — זייער רעליגיאָן און זייער געשיכטע". דינעזאָן האָט באַאַרבעט אַ ציקל לעקציעס וועגן נאַטורוויסנשאַפט, נאָך בערנשטיינען.

15) ד. איז אַ סך יאָרן געווען בוכהאַלטער, וואָס ער האָט זיך מסתמא אויסגעלערנט אין מאָהילעוו ביי זיין פעטער, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פון אַ מאַטעמאַטיקער.

16) אָנהייבנדיק פון פעטער, אייזיק עליאַשעוו, וועלכער איז טאַקע געווען אַ פרומער, אָבער איינצייטיק געווען אַריינגעטאָן אין וועלטלעכע קענטענישן און שפּראַכן.

און איז „געווען אי דער ליבלינג, אי דאָס שרעק־קינד פון יענער משכילים־גע־זעלשאַפט (17). פון דעסטוועגן האָט אפילו פּרץ זיך געפונען אין ייִדיש. אַ פּשיטא שוין — דינעזאָן.

אַ שרײַבער דאַרף דאָך פּונקט אַזוי טרעפן מיטן אויסקלײַבן זײַן וועג, ווי יעדער בשר ודם בײַם אויסקלייבן אַ פּראָפעסיע.

*

נאָר צווישן אַ לערער און אַ שרײַבער איז דאָ אַ וועזנטלעכער אונטער־שייד. אַ לערער קען זיך צופרידנשטעלן מיטן איבערחזרן, וואָס אַנדערע זאָגן. אַ שרײַבער קען פון קאָפּירן און איבערחזרן קיין הנאה נישט האָבן. און אַ שרײַבער, וואָס האָט אַליין נישט קיין הנאה פון זײַן שרײַבן, קען אַנדערע קיין הנאה נישט פאַרשאַפן.

מ׳קען זיך אויסלערנען שרײַבן, אָבער מ׳קען זיך נישט אויסלערנען צו ווערן אַ שרײַבער. מ׳קען זיך אויסלערנען שיין ריידן, אָבער מ׳קען זיך נישט אויסלערנען צו ווערן אַ רעדנער. כדי אַליין צו ווערן, דאַרף מען אַליין עפּעס בײַטראָגן, עפּעס אייגנס, חוץ דעם וואָס מ׳נעמט־איבער בירושה, וואָס ס׳קומט־צו פון לערנען, פון דער גאַס, פון לעבן, פון דערפאַרונגען.

אַ שרײַבער מוז תמיד זײַן אין פּראָצעס פון ווערן. ס׳מוז אים כסדר צו־קומען. קומט נישט צו, קומט אָפּ.

פּונקט ווי קולטור, קען אַ שרײַבער נישט „בלײַבן אויף אַן אָרט". גייט מען נישט פאָרויס, קען מען נישט „בלײַבן אויף אַן אָרט" — גייט מען אויף צוריק. לעבן הייסט שאַפן. אַ שרײַבער, וואָס לעבט, איז געגליכן צו אַ גייער אויף אַ באַרג — אָדער מ׳קלעטערט העכער, ווײַטער, אָדער מ׳פאַלט־אַראָפּ, מ׳גליטשט זיך אַראָפּ, מ׳קראַכט־אַראָפּ... „בלײַבן אויף אַן אָרט" קען מען נאָר דעמאָלט, ווען מ׳גייט פאָרויס, ווי ווייניק, נאָר פאָרויס — און אַליין!

אַז דינעזאָן האָט געפּרוווט שרײַבן אויף ייִדיש, האָט ער דערפילט, אַז ער שרײַבט אַליין, אַז ער באַפרײַט זיך פון די פּסוקים און פון דער מליצה, וואָס האָט אין יענע צײַט באַהערשט יעדן העברעיִשן ווילקענער.

אַנשטאָט ריידן אַבסטראַקט האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן פון לעבן, וואָס איז

---

17) נחום סאָקאָלאָוו — „פּערזענלעכקייטן", איבערגעזעצט פון משה שענדעריי, פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום", בוענאָס איירעס 1948, „י. ל. פּרץ", זזי 20 און 37.

פאַר זײַנע אויגן אויפגעקומען, וואָס ער אַליין האָט געזען, וואָס ער אַליין האָט געפילט.

אַנשטאָט אויסטראַכטן — בעסער שילדערן, וואָס פון לעבן האָט אַרויס־געשפּראָצט.

אַרײַנלעבן זיך, מיטלעבן, ווערן אינטים פאַרבונדן.

אויף ייִדיש האָט יעקב דינעזאָן גלײַך פון אָנהייב באַוויזן צו זײַן אינטים. סײַ ער און סײַ זײַן לייענער האָט באַלד דערפילט די וואַרעמקייט פון בלוט, האַרץ, אומרו, פון אַ סך צער און גאָר ווייניק פרייד.

אויף ייִדיש האָט דאָס לעבן צו אים גערעדט אויף טריט און שריט מיט די סענטימענטאַלסטע טענער.

אַ נייער טיפּ משכּיל: אַנשטאָט זידלען באַוויינט ער „הנאהבים והנעימים"

„בעוון אָבות". — דער טראַגישער קאָנפליקט צווישן עלטערן און קינדער. — דינעזאָנס באַקענען זיך מיט אייזיק-מאיר דיקן. — דער פאַרבאָט פון דער צענזור. — אַ פאַרדריסלעכער טעות וועגן צווייטן ראָמאַן. — דערוויסט זיך אין מאָסקווע וועגן דערשיינען פון „הנאהבים והנעימים" און זיין גרויסן דערפאָלג. — די נייע עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט — סטיל, צוגאַנג און אויספיר פון אַן אַנדערער השכלה. — אַ נייער מין געפעלן דעם עולם: כאָטש דער שלעכטער זיגט און די איידעלע מענטשן גייען פון דער וועלט. — דערפאָלג פון ווייגען.

גייענדיק דעם לעבן אנטקעגן, האָט יעקב דינעזאָן, ווי אַ משכּיל, איינגעזען אַז אין דעם קאָנפליקט צווישן קינדער און עלטערן זיינען די עלטערן מער שולדיק ווי די קינדער. פאַרקערט: די קינדער, וואָס ווערן פאַרגעשטעלט ווי עזות־פּנימער, זיינען גאָר די קרבנות פון זייערע פאַנאַטישע, טעמפּע טאַטע־מאַמע, וועלכע ווילן נישט פאַרשטיין, אַז די צייט שטייט נישט.

דאָס לעבן האָט אים צוגעשטעלט אַזאַ טרויעריקן באַווייז, אַ מעשה שהיה. אַ נגיד אין דער שטאָט מאָהילעוו האָט מיט געוואַלט פאַרקנסט זיין געראָטענע, צאַרטע טאָכטער פאַר אַ גראָבן יונג. די טאָכטער האָט געהערט צו דעם קרייז פון אינטעליגענטער יוגנט, וואָס האָט געפונען אַ היים ביי די הורעוויטשעס, ווו דינעזאָן איז געווען הויזלערער און שפּעטער בוכהאַלטער. געווען אַריינגעטאָן אין ליטעראַטור, האָט אַליין געשריבן לידער און איר אייגענע דראַמע אויסגעזונגען אין אירע לידער. פון אָנהייב האָט זי געפירט מיטן טאַטן אַ מלחמה, אָבער לסוף זיך דערצידירט חתונה צו האָבן מיט דעם גראָבן יונג, האָפנדיק אַז זי וועט אים קענען מיט דער צייט איבעראַנדערשן, זי זאָל זיך מיט אים נישט שעמען פאַר מענטשן. אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה איז אָבער געקומען צו אַ גרויסן סקאַנדאַל: בעת זי האָט מיט אים זיך געפונען צווישן מענטשן, האָט ער

אויפגעשפּילט אַ פינצטערע סצענע, וואָס האָט אַזוי געווירקט אויף דער צאַרטער יונגפרוי, אַז זי איז אַנטלאָפן אין אַ שטאַל און — זיך אויפגעהאָנגען.

די דאָזיקע מעשה שהיה האָט דינעזאָן באַנוצט פאַר זײַן ערשטן ראָמאַן, וואָס ער האָט אָנגערופן „בעוון אָבות" (פאַר די זינד פון די עלטערן).

דאָס איז געווען אין 1874. דינעזאָנען איז דעמאָלט אויסגעקומען צו פאָרן קיין ווילנע, אין שליחות פון די הורעוויטשעס צו זייער משפחה ראָם. צו זיי אין הויז איז ער פאַרפאָרן, ווי ער וואָלט אַ קרוב געווען. בײַ די ראָמס פלעגן זײַן שטענדיקע איינגייערס די אָנגעזעענסטע העברעיִשע און יידישע שרײַבערס, אײַזיק־מאיר דיק, קלמן שולמאַן, אָדם הכהן לעבענזאָן, שמואל יוסף פין. דיק איז פאַר ראָמס דרוקערײַ געווען אַ גאָלדמינע, כאָטש ער אַליין האָט פון איר קוים געהאַט אויף צו לעבן (18). דערפאַר אָבער האָט דיקס פּאָפּולאַריטעט שטאַרק אויסגענומען אַפילו בײַ ווילגעלערנטע. דינעזאָנס באַגעגענען זיך מיט דיקן און די שמועסן און גוטע רייד וועגן שרײַבן אויף יידיש האָבן דעריבער געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דעם יונגן שרײַבער (19). בפרט נאָך, אַז דיק האָט גאָכן איבערלייענען דינעזאָנס ערשטע ווערק אַרויסגעזאָגט אַזעלכע וואַרעמע מיינונגען, אַז דער יונגער מחבר האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט. אויף דיקס רעקאָמענדאַציע איז „בעוון אָבות" טאַקע גלייך אָנגענומען געוואָרן פון ראָמס דרוקערײַ, אויף אַרויסגעבן עס אין בוכפאָרעם. נאָך מער. די ראָמס האָבן אים פון אַרויס געגעבן דעם האָנאָראַר, צאָלנדיק אים פונקט ווי דעם באַרימטן און באַליבטן אַלטן מחבר אײַזיק־מאיר דיק.

אָבער גרויס איז געווען דינעזאָנס אַנטוישונג, ווען מ'האָט אים אין אַ צײַט אַרום מיטגעטיילט, אַז דער ראָמאַן קען נישט דערשיינען, ווײַל דער צענזאָר האָט אויף דעם מאַנוסקריפּט געלייגט זײַן פאַרבאָט. פאַרוואָס? ש. ל. ציטראָן, איינער פון דינעזאָנס עלצטע פרײַנד, גיט־אָן, אַז דער צענזאָר, וועלכער האָט געהייסן וואָהל, האָט בײַם לייענען געזען אין דעם ראָמאַן די טראַגעדיע פון

---

18) „אָפּמאַך מיט ראָמס דרוקערײַ", נ' 2 „פון נאָענטן עבר", וואַרשע 1937.

19) אין אַ פּריוואַט־ציטירטן בריוו זאָגט דינעזאָן וועגן דיקן: נאָטירלעכער וואָלט געווען, ווען די יאַטקע־ווײַבער אין די יאַטקעס אָדער פּישערקעס אויפן פישמאַרק זאָלן אַלע ריידן, שווערן און שעלטן זיך אויף לשון הקודש, עכט ישעיה־לשון, איידער דער גוטער, ליבער, אַלעמען געטרײַער, האַרציקער אײַזיק־מאיר זאָל צו זײַנע ווילנער יודן און ידענעס ריידן נישט יודיש".

זײַן אײגענער קרובה... האָט ער אויסגענוצט זײַן פּריווילעגירטן אַמט אויף ניט צו לאָזן, אַז די געשעעניש זאָל ברייט און ווײַט באַקאַנט ווערן (20).

דינעזאָנס אַנטוישונג מיט זײַן ערשטן געשריבענעם ראָמאַן האָט אָבער נישט געהאַט דעם זעלביקן סוף ווי זײַן ערשטער ראָמאַן אין לעבן.

*

ווען דינעזאָן האָט פאַרגעלייגט ראָמם דרוקערײַ זיין „בעוון אָבות", האָט ער אויך געבראַכט אַ צווייטן ראָמאַן, „הנאהבים והנעימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק".

וועגן דעם דאָזיקן ראָמאַן איז פאַרשפּרייט אַ פאַרדריסלעכער טעות. דינעזאָן — ווערט אָנגעגעבן אין עטלעכע וויכטיקע ביכער — זאָל האָבן אָנגעשריבן זײַן צווייטן ראָמאַן, מחמת ער האָט געוואָלט אָפּצאָלן זײַן חוב דעם פאַרלאַג. על־פּי איין נוסח, צום ערשטן מאָל באַקאַנט אין 1920, איז דער ראָמאַן „בײַ אים פאַרטיק געוואָרן נאָך וויניקער ווי אין אַ חודש צײַט (21). אין 8 יאָר אַרום איז די טשיקאַווע מעשה געוואָרן אויסגעברייטערט אין אַזאַ נוסח: „כּדי צו דעקן דעם האָנאָראַר, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר דעם פאַרבאָטענעם „בעוון אָבות", האָט ד. אין משך פון זעקס וואָכן, פון פּסח ביז שבועות, פאַרטיק געמאַכט זײַן צווייטן ראָמאַן, „הנאהבים והנעימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", ווילנע 1877, זז' 240" (22).

דער דאָזיקער טעות גיט פּלאַץ, אַז מ'זאָל זיך פאָרשטעלן דינעזאָנס באַציִונג צו ליטעראַטור אַנדערש ווי זי איז געווען, נישט־ריכטיק. ער אַליין האָט

---

(20) „באַטש ער האָט אויסגעקראַצט און האָט געפונען גאָר אַן אַנדערן תירוץ", פאַר דער רעגירונג: ש. ל. ציטראָן — „דרײַ ליטעראַרישע דורות", ב' 1, ז' 68. —

21) ד"ז, ז' 69. דינעזאָנס חבר, דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער אליעזר צוקערמאַן, האָט אָבער די פּאַסירונג דערציילט אין דער פאָרעם פון אַ טאָגביכל, א"נ „עולם הפוך" (אַ פאַרקערטע וועלט), אין „השחר", 6טער יאָרגאַנג.

22) זלמן רייזען — „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע", ווילנע 1928, ב' 1, קאָלום 701.

נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע, ע. פינינבערג — „אידישע ליטעראַטור", קיעוו 1928, ז' 145.

דאָך אויסגעלאַכט יענע, וועלכע „שרײַבן ליטעראַטור פאַר אַ רובל, פּאַר אַ גילדן און פאַר אַ קאָפּיקע", אַבי מען זאָגט זיי „שרײַבט און נעמט האָנאָראַר!" (23).

אין אמתן האָט דינעזאָן אָנגעשריבן זײַן צווייטן ראָמאַן נאָך איידער ער האָט געוווּסט, אַז דער ערשטער וועט פאַרבאָטן ווערן פון דער צענזור. נאָך מער: אין 1911 האָט דינעזאָן דעם דאָזיקן ענין קלאָר פאַרגעשטעלט אין זײַן אויטאָ־ביאָגראַפישן בריוו צו ש. ניגערן. ער דערציילט:

— „געקויפט בײַ מיר האָבן די דרוקער, האלמנה והאחים ראָם, טאַקע נור דעם „בעוון אָבות". דעם „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק" האָבן זיי בײַ מיר צוגע־נומען מיט אַ צוליב אַלס צוליינ צו דעם „בעוון אָבות", אָבער נישט אויף דרוקן, האָט מיר דער געשעפטספּירער, הער פייגענזאָן, ערקלערט, נאָר אַזוי אויף וואַל־גערן זיך אין אַרכיוו פון דרוק, טאָמער וועט אַ מאָל די גוטע שעה ורגע זײַן, אַז עס וועט לוינען אָפּצודרוקן אויך דעם „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק".

דאָס בילד ווערט נאָך קלאָרער פון דינעזאָנס זכרונות, ווי ער באַשרײַבט, ווי ער האָט זיך געפונען אין מאָכקווע, „געדינט אין אַ קאַנטאָר פון אַ באַוווּס־טער טיי־פירמע", און ער אַליין האָט „נישט געקענט וויסן, אַז דאָרט, אין ווילנע, טאַקע אין דער באַרימטער דרוקערײַ פון האלמנה והאחים ראָם, וואַלגערן זיך אַ פּאָר פון מײַנע „כתב־ידן" און אפשר דרוקט זיך שוין איינער פון זיי און וועט אין גיכן אויף דער ווײַסער וועלט אַרויס. און וואָס מער איך האָב געטראַכט דער־פון — איז ער זיך מודה ומתוודה — אַלץ מער האָט זיך מיר געוואָלט, אַז קיינער פון מײַנע נאָענטע זאָל דערפון נישט געוווּיר ווערן" (24). אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט ער אין אַ טאָג, צו זײַן גרויסער איבעראַשונג, געהערט אַגב־אורחאדיק פון אַ בוכהענדלער אַזאַ מעשה:

— „אָט אין ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פון דרוק אַרויס אַזאַ עברי־טײַטש־ביכל מיטן נאָמען „הנאהבים והנעימים", כלומרשט אויף לשון־הקודש, און באַלד דערבײַ מיט אַ פּירוש דערצו, „אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". און עפּעס אַ מין אויסכאַפּעניש איז דאָ געשען: די ערשטע הונדערט עקזעמ־פּליאַרן האָט מען בײַ מיר ממש אויסגעכאַפּט אין קאַרגע דרײַ טעג. קלאַפּ איך קײַן ווילנע אַ דעפּעשע. שיקט מען מיר אַרויס מיט באַגאַזש, ווי איך האָב אין דער דעפּעשע געקלאַפּט, נאָך דרײַהונדערט. גייט נישט אַריבער אַ וואָך צײַט, בלײַבט בײַ מיר אַפילו איינער נישט. קלאַפּ איך נאָך אַ דעפּעשע, שיקט מען

23) „זכרונות און בילדער", וואַרשע 1937. — „אַחיזת עינים", ז׳ 209.

24) „שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר־ספרים", אין זכרו־נות און בילדער", ז׳ 179.

מיר אַרויס נאָך אַ ק״ן שטיקלעך מיט דער ידיעה, אַז מער איז דער מין אין ווילנע אויך נישט געבליבן״.

און דער בוכהענדלער, אין זײַן גרויסער התפּעלות פאַרן דערפּאָלג, האָט אויסגערופן:

— ,הכל במזלא תלוי, אפילו אַן עברי־טײַטש־ביכל! הימל און ערד און דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״... (25)

באַזונדער איז ער נתפּעל געוואָרן, וואָס דער מחבר איז געווען אַן אומבאַקאַנטער און זײַן ביכל איז געווען אַן ערשטלינג. ס׳הייסט, ער האָט נישט געקענט אַזאַ מחבר? אין יענער צײַט פלעגט יעדער מחבר אָפּקלאַפּן די שוועלן פון אַלע בוכהענדלערס, ווען ער האָט געהאַט אַ חיבור צו דרוקן. און דאָ קומט אַ נסתר און האָט אַזאַ דערפאָלג!

יעקב דינעזאָן, דער באַשײדנסטער, איז אומגעריכט געוואָרן דער דערפאָלגרײַכסטער ראָמאַניסט פון זײַן צײַט, ווען קיין טעגלעכע יידישע צײַטונגען זײַנען נאָך נישט געווען, נאָך איידער דאָס יידישע לעבן אין הונדערטער שטעטלעך איז אויפגעוועקט געוואָרן פון זײַן אַלטער פאַרשלאָפנקייט.

*

דינעזאָנס קאָלאָסאַלער דערפאָלג מיט זײַן ערשטן געדרוקטן ראָמאַן האָט זיך גענומען פון דעם נײַעם קוואַל, וואָס דער לייענער, איבערהויפּט די לייענערן, האָט בײַ אים אָנגעטראָפן.

אין אַ צעצויגענעם סטיל, לאַנגזאַם, באַריכותדיק, האָט דינעזאָן אָנגעשלאָגן אַן אינטימען טאָן. מיט דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך, אַרײַנמישנדיק רוסישע ווערטער, וואָס זײַנען געווען אין גאַנג צווישן דער מאַסע, און מיט העברעישע פּסוקים, וואָס זײַנען באַקאַנט יעדן שול־ייִדן, האָט דינעזאָן שנעל אײַנגעשטעלט אין זײַן דערציילן אַ פאַמיליאַר געפיל, אַ היימישע באַציִונג צו די געשילדערטע געשטאַלטן.

מיט צוקער־זיסע ריידן האָט דער ראָמאַניסט פאַרגעשטעלט זײַנע געליבטע העלדן, שיינע, האַרציקע, ממש צדיקים, אַנטקעגן וועלכע ער האָט אַרויסגעשטעלט דעם טיפּ פון אַ רשע, אַ שוואַרצן יונגערמאַנטשיק, בײַ וועמען אַלע מיטלען זײַנען כשר, אַבי צו דערגרייכן זײַן ציל. אינטריגירט ער און עס קומט דערפון אַרויס אַ דראַמאַטישע שפּאַנונג, וואָס פאַנגט דעם לייענער.

---

25) ד״ז, ז׳ 184־185.

פאַר יענע, וועלכע זײַנען נישט דערצויגן געוואָרן אויף קינסטלערישער ליטעראַטור, איז די פּרימיטיווע פאָרעם פון אַרויסשטעלן עקסטרעמען, היפּוכים, ווײַס און שוואַרץ, אײַנגעהילט אין אַזאַ סענטימענטאַליזם, מיט דער געמיטלעכקייט פון אַן עכטן פאָלקשרײַבער, געווען פאַרכאַפּנדיק און צערודערנדיק.

נאָר די גרעסטע נײַס איז געווען די באַציִונג פון מחבר צו זײַנע פּאַרשוינען. להיפּוך צו וווּלגאַרע שרײַבערס, וועלכע האָבן דער עיקר אין זינען געהאַט צופרידנצושטעלן דעם פאַרלאַנג פון מאַסע־לייענער און דערפאַר האָבן זיי באַשטראָפט די שלעכטע און געבראַכט מזל־ברכה פאַר די גוטע מענטשן, גערודפטע און געפּלאָגטע, האָט דינעזאָן געוויזן, אַז גוטע מענטשן האָבן גראָד אַ פינצטערן סוף, בעת די רשעים איז ווויל און גוט, ווײַל נאָך אַלע זייערע זינד און פאַרברעכנס זײַנען זיי די חשובסטע באַלעבאַטים פון שטעטל...

דינעזאָן האָט אָבער נישט אָנגערייצט קעגן דעם רשע. ער האָט אים טאַקע געוויזן אין די שוואַרצסטע פאַרבן, אַז דער רשע איז געבליבן אײַנגעקריצט אין זכרון פון לייענער אויף אַ גאַנצן לעבן. אָבער קיין צאָרן האָט ער נישט אַרויסגערופן. דערפאַר אָבער האָט ער זיך געשטילט מיטן פאַרגיסן טרערן פאַר זײַנע געליבטע, ערלעכע און איידעלע העלדן.

עס איז גענוג צו זען דעם טיטל, כדי צו וויסן אויף וואָס ער לייגט דעם טראָפּ. צוערשט קומט בײַ דינעזאָנען אין טיטל „הנאהבים והנעימים”. ערשט דערנאָך קומט „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק”...

יוסף, דער ישיבה־בחור, איז מיט אַלע מעלות. ראָזאַ — אַן אידעאַל מיידל. איר שטיף־ברודער, דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק, קען נישט פאַרטראָגן, וואָס דאָס צאַרטע פּאָרעלע האָט זיך אַזוי ליב. מסרט ער. צווינגען די עלטערן די טאָכטער חתונה צו האָבן מיט אַ טויגעניכטס און יוסף, ממש ווי יוסף הצדיק, פּוילט אין טורמע. נאָר ער קומט צוריק און ראָזאַס שוועסטער, רחמה, ווערט זײַן געליבטע. ווידער אידעאַל! נאָר אַנטקעגן — דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק... שוין, שוין, בײַ דער טיר פון גליק — צינדט ער אונטער דאָס הויז. דער געליבטער שטאַרבט פון אַ פאַרקילונג, די געליבטע גייט אויס פון צער און דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק איז אַ חשובער שטאָט־באַלעבאָס...

אַנדערע משכילים, דערציילנדיק אַזאַ געשיכטע, וואָלטן אין די פּאַרשוינדנסטע טענער געזידלט די נידערטרעכטיקע פּאַרשוינען, וואָס טרייבן די ערלעכע מענטשן נאָך דער צײַט אין קבר אַרײַן. דינעזאָן, להיפּוך, האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף די אומגליקלעכע: ער האָט זיי באַוויינט.

איז אַ ווונדער, וואָס די בלעטער פון דעם ראָמאַן זײַנען אויסגעווייקט געוואָרן אין די טרערן פון די לייענערס?

די 10,000 עקזעמפּליארן פון דעם ראָמאַן, וואָס זײַנען אין אַ קורצער צײַט פאַרשפּרייט געוואָרן איבער רוסלאַנד, לאָזן אונדז דערפֿאַר הערן: 1) אַז די יידישע מאַסע האָט געפונען אין דינעזאָנען איר שרײַבער; 2) אַז מען האָט גע־לעכצט צו געפינען אָפּגעשפּיגלט דאָס אייגענע לעבן און זײַנע ביטערע קאָנ־פליקטן; 3) אַז מען האָט מיט גוטסקײַט גיכער געקאָנט געווינען דעם עולם ווי מיט קללות וחרמות.

דער מחבר וואָס דערשרעקט זיך פאַר זיין גרויסן דערפאָלג

אַ ראָמאַן — אַ קלינגוואָרט. — די טיפע אויפרודערונג. — נייע לייע-נערס. — אַ פאַרקערטער רעזולטאַט: וואָס פאָפולערער, אַלץ מער צער. — אַן אינוואַזיע פון שונדישע אימיטאַטאָרן. — די מורא ווייטער צו שרייבן. — פאַרוואָס האָט די לשון־קודשדיקע פּרעסע פאַרשוויגן „הנא-הבים והנעימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק"? — דינעזאָנס וועלן זיך אויספיינען פאַר די העברייערס און סמאָלענסקינס אַטאַקע קעגן יידיש. — די שווערע אַטמאָספערע פאַר אַ יידישן שרייבער.

„הנאהבים והנעימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" האָט ברייט און ווייט אויפגערודערט די ייִדישע מאַסן אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך פון צאַרישן רוסלאַנד. געוואָרן אַ שם דבר. פאַרגיסן טרערן איבער די פאַרליבטע יונגע מענטשן — איבער יוספן, ראָזאַן, רחמהן, די קרבנות פון אַלטפרענקישקייט און אינטריגעס — איז פאַר מיידלעך, און אַפילו פאַר בחורים, געוואָרן אַ גרויסע איבערלעבונג (26). נאָכן לייענען דעם ראָמאַן האָט מען קיין נעכט נישט געקאָנט שלאָפן און בייטאָג איז מען אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו. די דאָזיקע טיפע צערודערונג, וואָס דער ראָמאַן האָט אַרויסגערופן ביי לייענערס, האָט ש. אַנ־סקי פאַרגעשטעלט פּילזאָגנדיק אין אַ טשיקאַווער סצענע פון זיינעם אַ ראָמאַן, ווו עס ווערט געשילדערט, ווי איינער וויל טרייסטן זיינע פריינד, וועלכע זיינען געווען צעבראָכן נאָכן פאַרענדיקן „הנאהבים והנעימים". דאָס — האָט ער זיי געטרייסט — איז נאָר אין דעם ראָמאַן אַזוי טרויעריק. אין דערווירקלעכקייט — איז אים באַקאַנט — האָט די געשיכטע זיך געענדיקט גאַנץ אַנדערש. ראשית, איז יוסף נישט געשטאָרבן, נאָר לעבן געבליבן: ער האָט זיך געראַטעוועט פון דער פאַרקילונג. צווייטנס, האָט ער חתונה געהאַט

---

26) פרץ הירשביין — „מיינע קינדעריאָרן", 1932, ז' 261.

מיט זײַן געליבטער. דריטנס, „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" האָט נישט אָפּ־געשניטן גוט, נאָר פאַרקערט, גאָר געהאַט אַ פינצטערן סוף: פאַר אַ שווינדל איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע... דערהערט די רייד, איז איינע פון די צוהערערנס אויפגעשפרונגען: געלאָפן „דערציילן כאַסיען", ווײַל — „זי וועט זיך דאָס דערפרייען! "... (27)

וויינען און דערפרייען... די טרערן האָבן פאַרשאַפן הנאה...

זעלטן האָט אַ בוך אַזאַ טיפע ווירקונג אויף אַ לייענער־מאַסע, ווי עס האָט געהאַט דינעזאָנס ערשטער געדרוקטער ראָמאַן. אַ דאַנק אים האָט די „זשאַרגאָ־נישע" ליטעראַטור געוווּנען אַ סך נײַע לייענערס. „דער שוואַרצער יונגערמאַנ־טשיק" איז געוואָרן אַ קלינגוואָרט: אַזוי האָט מען אָנגערופן יעדן מין פאַרשוין, וואָס איז גרייט אָפּצוטאָן כלערליי נבלות, אבי צו דערגרייכן זײַן ציל.

*

אָבער וואָס פּאָפּולערער און מער באַליבט „דער שוואַרצער יונגערמאַנ־טשיק" איז געוואָרן ווי לייענשטאָף, וואָס מער מ'האָט אַרומגעזוכט דאָס בוך צו קויפן און צו לייענען, אַלץ ווייניקער נחת האָט פון אים געהאַט דער מחבר גופא, יעקב דינעזאָן.

עס האָט צו אים אַלץ העכער געוווּנען ריידן דאָס שווײַגן פון דער לשון־קודשדיקער פרעסע, דאָס איגנאָרירן זײַן בוך, וואָס האָט אינטערעסירט די ברייטסטע מאַסע. עס האָבן צו אים אָנגעהויבן דערגיין די חוזק־רייד פון דער משכילישער אינטעליגענץ וועגן דעם מין סענטימענטאַלן ראָמאַן, איבער וועלכן מ'האָט אַזוי פיל געוויינט. עס איז אין אים געוואַקסן דער ווייטיק, וואָס דווקא די, פון וועלכע ער האָט דערוואַרט מער ווי פון אַלע אַנדערע צו הערן אַ גוט וואָרט, ווײַל צו זיי האָט ער געוואָלט געהערן, צו זיי האָט ער באַלאַנגט מיט זײַן נשמה, דווקא זיי האָבן איגנאָרירט אָדער אויסגעלאַכט זײַן ווערק. זײַן געמיט־צושטאַנד איז דערפאַר געוואָרן אויסטערליש: וואָס גרעסער ס'איז געווען זײַן דערפאָלג, אַלץ מער צער האָט אין אים זיך אָנגעקליבן. ביז עס האָט אים געגנר־מען פּײַניקן אַ געדאַנק: צי האָט ער בכלל באַדאַרפט שרײַבן... ביז ער האָט טאַקע בײַ זיך אָפּגעמאַכט: מער נישט צו שרײַבן. צו וואָס? אַז ער האָט גאָר פון זײַן ראָמאַן בושות און בזיונות...

---

27) ש. אַנ־סקי — „פּיאָנערן", אַ כראָניק פון די 80ער יאָרן, צווייטער באַנד, ווילנע 1927, זזי 139־141.

טאַמער איז דאָס געווען וויניק, האָט ער אָנגעהויבן באַמערקן, ווי עס באַ־וויַיזן זיך אַזעלכע, וואָס זיַינען זיך מתקנא אין זיַין דערפאָלג און הייבן־אָן אים נאָכצומאַכן. עס האָבן זיך באַוויזן אויפן מאַרק ווילדע מעשה־ביכלעך, מיט וועלכע די מחברים האָבן געזוכט צו געווינען דעם לייענער מיט זיַין אופן פון שריַיבן. מיאוסע שריַיבעכצן, וועלכע האָבן ביַי אים אַרויסגערופן אַן איבל. שונד־ראָמאַנען, וועלכע האָבן אין זיַינע אויגן אויסגעזען ווי אַ שענדונג פון יידישן וואָרט...

דינעזאָן שריַיבט וועגן דעם אין זיַין אויטאָביאָגראַפישן סקיץ:

— „וועגן ערפאָלג פון שוואַרצן יונגערמאַנטשיק, מיַין איך, האָט איר פיל וויניקער אַ ידיעה. כמעט אין דער זעלבן יאָר האָב איך אויפגעשריבן מיַין ראָ־מאַן „אבי נגף". דרוקן אָבער האָב איך שוין קיין חשק געהאַט. דאָס טויט־שוויַיגן פון דער זעמטלעכער יודישער לה"ק'שער פּרעסע וועגן מיַין ווערק, כאָטש עס איז אין צענדליגע טויזנטער פּערקויפט געוואָרן, און עס איז בוכשטעבלעך כמעט אַ יודיש הויז נישט געווען, ווו מען האָט דאָס ווערק נישט געלעזן. דערצו די אַלערליי שריַיבערלעך געשעפט־מאַכער, וואָס דער ערפאָלג פון מיַין ווערק האָט אַרויסגערופן און זיי אָנגערעגט אַלערליי ראָמאַנען און מעשה־ביכלעך צו פּערפאַסן, לויט מוסטער, פון דעם שוואַרצן יונגנמאַנטשיק, באַזונדערס שמ"ר מיט זיַינע קאַטאַרזניקעס, ריַיבע בעטלעדס א. ד. ג. צו גאַנצע צענדליגע יעדן פּרימאָרגן, האָט אויף מיר אַזוי ערדריקנד געווירקט, אַז איך האָב מיך ווי שולי־דיק געפילט אין דעם גאַנצן מבול פון פּוסטע און וויסטע ראָמאַנען, אין וועלכע דער יודישער לעזער טרינקט זיך. נישט שריַיבן האָב איך נישט געקענט, אָבער נישט דרוקן דאָס אויפגעשריבענע האָט מיר קיין בעזונדערע מי און גייסטעס אָנשטרענגונג נישט געקאָסט" (28).

דער אומגעהייער־באַשיידענער דינעזאָן האָט אויסגעמיטן איבערצוגעבן אין זיַין אויטאָביאָגראַפיע די פּרטים, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן דורך אַנ־דערע וועגן. „דינעזאָן — גיט איבער דובנאָוו — האָט מיר דערציילט, ווי ער האָט יונגערהייט געשריבן זיַין ערשטן ראָמאַן, פון וועלכן ער האָט אַליין נישט פיל געהאַלטן; ווי ער איז געוואָרן אַ משכיל און איז צוגעשטאַנען צו דעם קריַיזל פון די ערשטע מאָהילעווער רעוואָלוציאָנערן אין די זיבעציקער יאָרן — אַק־סעלראָד, הורוויץ, שור; ווי ער איז מיט זיי אַנטלאָפן קיַין בערלין, געליטן דאָ

28) „די צוקונפט" 1929, ז' 624.

נויט און הונגער און געמוזט צוריקקומען קיין רוסלאַנד" (29). געהאַט, הייסט עס, אַ ראָמאַנטישקייט, אידעאַליזם, כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער עפּאָכע.

יאָ, דינעזאָן האָט גיך זיך אַנטוישט אין זיין ערשטן ראָמאַן: „אַליין נישט פיל געהאַלטן". ווען? ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז אַנדערע, די וואָס זיינען ביי אים געווען די חשובסטע, האַלטן נישט פון אים... ער האָט זיך דעמאָלט דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם דערפאָלג און באַשלאָסן — אויך שווייגן.

*

געקומען איז עס צוליב זיין ווילן זיך אויספיינען.

דאָס פאַרענטפערן זיך איז אָפט ערגער ווי לאָזן אָן אַן ענטפער.

יעקב דינעזאָן, זעענדיק ווי די העברעיִשע פרעסע פאַרשווייגט זיין ערשטן דערפאָלגרייכן ראָמאַן, האָט „געוואָלט ווייזן פאַר דער משכּילישער וועלט, אַז זיין פאַרנעמען זיך מיט שרייבן יידיש הייסט נישט, אַז ער האָט שוין אָפּגע־שניטן אין גאַנצן פון דער השכּלה־שפּראַך, פון לשון־קודש — דערציילט אונדז ש. ל. ציטראָן — און געמיינט האָט ער עס צו דערווייזן דורך דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל (געדרוקט אין „השחר" וועגן „ההרגל והב־קרת", די געוווינהייט און די קריטיק, 6טער יאָרגאַנג), אין וועלכן ער האָט פאַרביי־גייענדיק אויפגעהויבן ביז אין הימל אַרייַן סמאָלענסקינען און ליליענ־בלומען, דעם רעדאַקטאָר פון העברעיִשן בלאַט „הצפירה" חיים־זעליג סלאָנימסקי און אַנדערע. ער האָט גערעכנט, אַז נאָך דעם דאָזיקן אַרטיקל, ווו ער דערקענט זיך פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם בריינד און ליבהאָבער פון העברעיִש, איז ער שוין דערמיט יוצא פאַר זיין משכּיליזם און ער קען שוין רויִק און זיכער פאָרזעצן זיינע יידישע ווערק, נישט איינרייסנדיק דערביי מיט די משכּילי־הדור. אָבער גאָר אומגעריכטערהייט פאַר אים האָט געבראַכט זיין אַרטיקל פּונקט פאַר־קערטע רעזולטאַטן. נאָך מער: זיין אַרטיקל האָט אים נישט בלויז נישט אויס־געגליכן מיט זיינע חברים, די משכּילים, און האָט אים נישט מקרב געווען צו זיי, נאָר אויך דערווייטערט און אָפּגעשטויסן האָט ער אים פון זיי. אָפּגעשטויסן האָט ער אים אָבער, אויף אַ געוויסער צייט צום ווייניקסטן, אויך פון יידיש"...

ווייל „צו דינעזאָנס מאמר אין „השחר", אַט דאָ ווו ער רעדט וועגן אַ געוויסן יידישן בלאַט, האָט סמאָלענסקין, אין אַ באַמערקונג, אַרויסגעוואָרפן אַזאַ פראַזע: „אַ משכּיל, וועלכער שרייבט יידיש, איז דאָס ווי צוויי קאָנטראַסטן אין איין

29) „פון „זשאַרגאָן" צו יידיש", ז' 25.

מענטשן. אַ טעות האָבן די, וואָס מיינען, אַז כדי צו שרייַבן אין דער דאָזיקער פאַרדאָרבענער שפּראַך, דאַרף מען האָבן אַ ווערבע עס איז פעיִקייט."

וואָס פאַר אַן אייַנדרוק די דאָזיקע ווערטער האָבן געמאַכט אויף דינעזאָנען און צו וועלכע רעזולטאַטן זיי האָבן געפירט, שטעלן מיר זיך פאָר פון די רייד, וואָס ש. ל. ציטראָן גיט־איבער:

— „כ'בין דעמאָלט געווען — האָט אים דינעזאָן געזאָגט — אַ קינד פון מייַן דור, אַ משכיל מיט משכילישע השגות. צוגעטראָטן צו שרייַבן יִדיש בין איך נישט אָן אַ געוויסן געפיל פון פחד, אַז דאָס, וואָס איך טו, איז אַ פּגימה אינעם כבוד פון דער השכלה, וועלכע האָט געקוקט, ווי ס'איז באַוווּסט, פון תמיד אָן, אויפן „זשאַרגאָן" מיט קרומע אויגן. אין מיר האָט אַפילו גובר געווען דער פאָלקס־אינסטינקט, יענער אינסטינקט, וועלכער איז צוזאַמענגעבונדן און צונויפגעוועבט מיט דער מוטער־שפּראַך. דאָך האָב איך מיך נישט געקענט לויז מאַכן פון געדאַנק, אַז מיטן אויפשרייַבן און אָפּדרוקן פון מייַן „הנאהבים והנעימים" איז עפּעס מייַן השכלה ווי וואַכעדיק געוואָרן, און זי וועט שוין נישט ווערן יענע „בת־השמים", פאַר וועלכער איך האָב געקעמפט מיט אַזאַ פייַער קעגן די פינצטערע כוחות, זייַענדיק אַ לערער אין דער מאָהילעווער תלמוד־תורה... אמת, — איז דינעזאָן געקומען צום אויספיר —, מיט דער באַמער־קונג האָט ער מיך אַפילו אַ ביסל אָפּגעשלאָגן מייַן חשק צו שרייַבן יִדיש, אָבער פון דער אַנדער זייַט האָב איך מיך נוקם געווען אין סמאָלענסקינען און האָב מייַן העברעיִשע פען אין גאַנצן און לצמיתות אַוועקגעוואָרפן!... און בין אַ לאַנגע צייַט אַרומגעגאַנגען דערפון ווי אַ צעמישטער" (30).

אַזאַ איז געווען די אַטמאָספערע פאַר יִדישער ליטעראַטור אין די 70ער פון 19טן יאָרהונדערט.

אַן איבערגעצייַגטער משכיל, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט צום לשון פון עמך, האָט באַדאַרפט זייַן גרייט אויסצושטיין אַ סך עגמת־נפשן און בייַצושטיין נישט ווייניק נסיונות.

יעקב דינעזאָן איז זייער אַ סך אויסגעשטאַנען און נישט ווייניקער בייַגע־שטאַנען.

---

30) „דרייַ ליטעראַרישע דורות", ב' 1, זז' 71—72.

„אבן נגף“, דער ערשטער יידישער פאַמיליע - ראָמאַן, פון קאָנפליקט צווישן השכלה און חסידיזם

נאָך 13 יאָר שווייגן. — רייפקייט דורך צער. — רעוויזיע פון פרימיטיוון ליטעראַרישן מעטאָד. — אַ מאַמע־טאָן אין דערציילן. — שפּראַך־אַנט־וויקלונג. — דער משכיל קען אַלץ זיך נישט אָפּהאַלטן פון פּריידיקן. — „רחמנות מיט שכל“. — דער מלמד וואָס טראָגט־אָן די גרעסטע צרות: די קליינע פיגור וואָס שפּילט אַ צענטראַלע ראָלע. — דלות פאַרטויבט דאָס געוויסן און עשירות קאָרומפּירט. — די רבישע מלוכה מיט אירע אינטערעסן און אינטריגעס. — אידעאַליזירטע פיגורן: פייגע, די דינסט, און די אויפגעקלערטע רחלע און משהלע. — „צו טרערן מוז איך זיי ברענגען!“

13 יאָר האָט דינעזאָן געשוויגן.

נאָך „הנאהבים והנעימים“, וואָס איז דערשינען אין 1877, איז דינעזאָן ערשט אין 1890 ארויסגעקומען מיט א נײַעם ראמאן, ווידער דערשינען אין ווילנע, ווידער א מאָל מיט צוויי טיטלען, איינער אויף העברעיִש און דער צווייטער אויף יִידיש, „אבן נגף אָדער א שטיין אין וועג“.

אין די 13 יאָר האָט דינעזאָן פאַרעפנטלעכט בלויז אייניקע איבערזעצונגען, באַארבעטונגען, מאמרים און דער עיקר זיך אַרײַנגעלאָזט אין דיסקוסיעס וועגן שפראַך און יִדישער ליטעראטור. ער האָט געשריבן דערציילונגען, אָבער דרוקן האָט ער נישט געהאַט קיין חשק.

אין לויף פון די יאָרן האָט זיך געריַיפט זײַן באַציִונג צו יִדיש. פון איין זײַט פאַרטיידיקט דעם לשון קעגן פײַנטלעכע ארויסטריטן, אָבער פון דער אַנדערער זײַט נאָך נישט באַנומען די עסטעטישע ווערטן אין דער יִדישער ליטעראַטור. פאַר אים איז נאָך נישט געווען קלאָר, וואָס פאַר מענדעלע מוכר ספרים איז מער קיין פראַגע נישט געווען. דערפאַר איז געקומען צו א צוזאמענשטויס צווישן

אים און שלום עליכמען. אין דער זעלביקער צײַט האָט ער זיך אָבער באַפרײַנדט מיט יצחק לייבוש פּרצן און שמעון דובנאָוון. דאָס זײַנען געווען פאַרבינדונגען, וועלכע האָבן געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דינעזאָנס ווײַטערדיקן שאַפן און אי־בערהויפּט אויף זײַן לעבן.

*

דער צער, וואָס „דער שווארצער יונגערמאַנטשיק" האָט דינעזאָנען פאַר־שאַפן, האָט אים געעפנט די אויגן. ער האָט גענומען באַגרײַפן די שוואַכפּונקטן אין זײַן ערשטן ווערק. ווי שטאַרק ער האָט געגלויבט, אַז אַ שרײַבער איז מחויב זיך צוצוהערן צום לייענער און אים צוליב טאָן, האָט ער זיך אָפּגעגעבן רעכע־נונג, פאַרוואָס זײַן ערשטער ראָמאַן איז געווען אַזוי פּרימיטיוו. די טיפּן זײַנען געווען פאַרגעשטעלט ווי נאָך אַ פאָרמולע: שוואַרץ און ווײַס, גוט און שלעכט, צדיקים און רשעים.

צווישן ווײַס און שוואַרץ זײַנען אָבער דאָ נאָך אַ סך קאָלירן. אויך פון ווײַס אליין, פּונקט ווי פון שוואַרץ אליין, זײַנען דאָ זייער אַ סך קאָלירן. פּונקט ווי צו גוטס איז קיין שיעור נישטאָ, אַזוי איז פאַראַן אַן אומענדלעכע גאַמע פון שלעכטס.

דער ערשטער ראָמאַן האָט דערפאַר מיט דער צײַט דעם מחבר אליין גענו־מען שאָקירן. ממילא איז הײַנט — אין אַזוי פיל יאָרן אַרום — נישט שײַך אָנ־צווענדן אַ קריטישע מאָס.

דער צווייטער ראָמאַן איז שוין אַ רעזולטאַט פון דינעזאָנס ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג. „אבן נגף" איז אָן אַ פאַרגלײַך העכער און רײַפער פון דעם ערשטן ראָמאַן. דאָ פילט מען שוין אַ פאָלקסשרײַבערישע אַטמאָספערע. די טיפּן־גאַלעריע איז בעסער געמאָלן. נישטאָ די אומגעלומפּערטע קאָנטראַסטן. אמת, די גוטע מענטשן זײַנען אויך דאָ צו־גוט, ממש מלאָכים. דערפאַר אָבער זײַנען די שלעכטע מענטשן נישט קיין ווילדע רשעים. און פאַראַן שוין טיפּן, וועלכע זײַנען אַ געמיש פון גוטס און שלעכטס, אַ געמיש פון חכמה און נאַרישקייט, ווי עס זײַנען מענטשן בדרך כלל.

נאָר דאָס וויכטיקסטע פון „אבן נגף": דאָ ווערן שוין געשילדערט נישט בלויז איינצלנע מענטשן, נאָר אויך גאַנצע פאַמיליעס.

„אבן נגף" איז אַ פאַמיליע־ראָמאַן פון אַ וויכטיקער עפּאָכע אינעם יידישן לעבן.

*

„אבן נגף" איז דער ערשטער יידישער פאַמיליע־ראָמאַן.

יעקב דינעזאָן שטעלט־פאָר עטלעכע יידישע משפחות אויף דער קאַנווע פון

צווי באוועגונגען, וועלכע האָבן צעטיילט די ייִדן אין רוסלאַנד: השכלה און חסידיזם. ער ווײַזט דעם ריס אין דער פאַמיליע גופא.

דינעזאָן, אָן אַמביציעס פאַר שפּראַכמייסטערשאַפט, האָט פון דעסטוועגן אין זײַן צווייטן געדרוקטן ראָמאַן זיך באַפרײַט פון אַ סך שוואַכקײַטן, וועלכע האָבן „זשאַרגאָניזירט" זײַן ערשטן ראָמאַן. פאַראַן ווייניקער באַרבאַריזמען. ווייניקער לאָקאַליזמען. קירצערע דיאַלאָגן. דער סיפּור־המעשה איז מער קאָנצענטרירט. די טיפּן — בולטערע, שאַרפערע. דער מאַמע־טאָן אין אופן פון דערציילן באַקומט שוין בײַ דינעזאָנען אַ קלאָרע פאָרעם און נוסח.

*

אויך אין „אבן נגף" קען דינעזאָן דער משכיל זיך נישט אָפּהאַלטן פון אָפּענער פּראָפּאַגאַנדע. ער פאַרלאָזט זיך נישט אויפן לייענער, אַז ער זאָל אַליין מאַכן דעם אויספיר, נאָר זאָגט אים אַליין אַרויס. און ער זאָגט־אַרויס וואָס־ברייטער זײַן געדאַנק, דעם מוסר־השכל, נאָך דעם ווי ער האָט אויף קאַרגע פינפהונדערט זײַטן פאַרגעשטעלט אידיליע און דראַמע, קאָמעדיע און טראַגעדיע.

— „אַן אָרעמער ייִד — מאַכט זײַן אויספיר דער אומגליקלעכער משהלע — איז געלעגן מיט אַ צעבראָכענעם פוס נעבן אַ שטיין און האָט ביטערלעך גע־קרעכצט. אַרום אים זײַנען געשטאַנען פיל ייִדן. אַנדערע האָבן אים געהאָלפן קרעכצן... מען האָט דעם ייִדן באַלד אויף די הענט אין הקדש אַוועקגע־טראָגן... איינער, אַן עלטערער ייִד, האָט גענומען אַ טיכל, אַליין אַרײַנגעוואָרפן עטלעכע גילדן און איז צוגעגאַנגען צו יעדן מיט די ווערטער: — ייִדן, רחמנים, בני רחמנים! שענקט אַ נדבה פאַר דעם אומגליקלעכן, נעבעך! שענקט, ייִדן, גאָט זאָל אײַך געזונט און יאָרן שענקען!"

אָבער דאָ זעט איר זיך באַלד אַרום, אַז משהלע, דער אומגליקלעכער בחור, דערציילט דאָס מעשהלע וועגן ייִדן, וואָס האָט צעבראָכן אַ פוס, נאָר בדרך משל, כדי אַרויסצובריינגען אַ נמשל!

— „מיר ייִדן, — זאָגט ער —, זײַנען רחמנים בני רחמנים. מיר לאָזן קיין געפאַלענעם נישט ליגן. מיר גיבן אים אַ האַנט און העלפן אים אויפשטיין. מיר רופן זיך אָפּ אויף יעדן בימערן געשריי מיט אַלץ, וואָס מיר קענען. פון דעסטוועגן זײַנען בײַ אונדז געפאַלן זייער פיל און אומגליקלעכע, לפי ערך מער ווי בײַ אַן אַנדער אומה, וואָס קען זיך מיט דעם נאָמען „רחמנים בני רחמנים" נישט אַזוי רימען, ווי מיר. פאַרוואָס, ברידער, איז דאָס אַזוי? פון וואַנען קומט אַזאַ טרויעריקער ווידערשפּרוך אין אונדזער לעבן?"

און ער דערקלערט דעם שכל:

— „מיר דאכט זיך, אז די סיבה פון דעם ווידערשפרוך ליגט נאך דעריין, ווייל די מידה טובה פון רחמנות ווערט ביי אונדז געבוירן על פי רוב ערשט נאך דעם געשעענעם אומגליק: עס מוז פריער איינער אדער עטלעכע א האנט, א פוס צעברעכן, עס מוז זיך א הארצרייסנדיקער געשריי דערהערן, אונדזער רחמנות אין אונדז אויפצוּוועקן. דאן זיינען מיר אמת גרייט אלץ צו טאן, דעם אומגליק־לעכן פון זיין אומגליק ארויסצוראטעווען. אבער וואס קען רחמנות דארט העלפן, ווו דאס פארלוירענע איז שוין נישט צו געפינען און דאס צעבראכענע נישט מער גאנץ צו מאכן? ... רחמנות מוז אויך מיט שכל און מיט חכמה זיין, און דאס פעלט אונדז לוידער! ... רחמנות הייסט: א געפאלענעם אויפהייבן און אים אין הקדש אוועקטראגן. חכמה און שכל אבער לערנען דאס פאלן אוממעגלעך צו מאכן ... אלע מיטלען אנצוּווענדן, מען זאל נישט פאלן און אונדזער רחמנות זאל נישט נייטיק זיין! ... עס זאל קיין אומגליק נישט קומען ... — דערפאר אפעלירט ער — ליבע ברידער ... פארוואס זאלן מיר פון אונדזערע גאסן די שטיינער נישט צונעמען, מען זאל נישט פאלן מער איבער זיי? אבני נגף און צורי מכשול ליגן אין אונדזערע וועגן. נישטא דער טאג, וואס מען פאלט נישט איבער זיי!" (31).

„אבן נגף" ווייזט טאקע, ווי מען פאלט ביי יידן איבער די „שטיינער" און מ'ברעכט רוק־און־לענד.

משהלע איז אזא לעבעדיקער אינוואליד.

רחלע איז איבער די דאזיקע „שטיינער" געפאלן א קרבן.

שילדערט יעקב דינעזאן די אטמאספערע, אין וועלכער עס האבן געלעבט די משהלעך און די רחלעך.

און ער פריידיקט:

— „רחמנות מיט שכל".

— „פון אונדזערע גאסן די שטיינער צונעמען, מען זאל מער נישט פאלן איבער זיי"!

*

דינעזאן האט ארויסגעפירט א היפשע טיפן־גאלעריע.

ר' לייזער איז א רייכער ייד אין שטעטל; אן איידעלער; א טראדיציאנע־

---

31) „אלע ווערק פון יעקב דינעזאן אין 11 בענד, פארלאג „אחיספר", ווארשע 1937, ב' 2, זז' 485—487.

לער, דאָך אַ מאָדערנער; אַ טאָלעראַנטער. רחלע, די טאָכטער זײַנע, איז אין אים געראָטן; אַ צאַרטע; מיט ציטערדיקן דרך־ארץ; זי שפּילט די פּאָלגעדיקע, אַפילו ווען אַלץ אין איר רופט צו פּראָטעסט און רעוואָלט. איר מאַמע, חיהלע, איז גאָר אַן אַנדער מענטש. אַנטקעגן איר מאַן, דעם משכיל פון איידלסטן שניט, איז זי נאָר פאַרגלייבט אין רבין, קען נישט אויסבאַהאַלטן איר עגאָיזם און דערפאַר קומט זי אָן צו צבועקישע גענג. אַזוי ווי איר שוואָגער, ר׳ לייזערס ברודער, דער קינדערלאָזער ר׳ שלמה, איז אויך אַ חסיד, אַזאַ חסיד וואָס האָט באַזונדער ליב אַ שנעפּסל און אַ טענצעלע גיין, ציט זי אים אַרײַן אין אירע אינטערעסן, ווען איר מאַן שטאַרבט פאַר דער צײַט. זי ניצט־אויס דעם שוואָגער, כדי צו פאַר־פּלאָנטערן איר צאַרטע טאָכטער אין איר שידוך.

דינעזאָן מאָלט די געשטאַלטן פון „אבן נגב" מיט געניטשאַפט, ספּעציעל די פרויען. ביז הײַנט קען אַ מאַסע־לייענער פאַרכאַפּט ווערן פון דעם ראָמאַן, כאָטש עס איז דאָ אין אים אַ שפּאָר ביסל קליינשטעטלדיקע נאַיִוויטעט און אַלט־מאָדישע צעצויגנקייט.

*

דאָ ווערט געשילדערט דער מלמד, ר׳ שמעון, וועלכער אַרבעט־אָן איין צרה נאָך דער אַנדערער. בסך־הכל איז ער גאָט די נשמה שולדיק. ער איז אין תוך נישט קיין שלעכטער, הגם ער ממיתט אַפילו דעם גבירס יינגל. פאַ־וואָס ממיתט ער? ווײַל דאָס גאַנצע לערנען איז נישט פאַר זײַן געמיט; ס׳איז פאַר אים אַן אָפּקומעניש. ער גייט אַרום אַ פאַרביטערטער, ווײַל נישט ער האָט פּרנסה, נישט ער זעט אַ טראָפּן נחת בײַ זיך אין שטוב. לאָזט ער אויס דעם כעס צו די קינ־דער אין חדר. שלאָגט ער זיי מכות רצח. אײַ, פאַרוואָס לאָזט דער טאַטע? איז עס דערפאַר, ווײַל רחלע, ווי שטאַרק זי וויל נישט, איר ברודערל זאָל לערנען אין אַזאַ אַלטפרענקישן חדר, האָט רחמנות אויף דעם קבצן, דעם מלמד. בפרט אַז ער בעט זיך בײַ איר. דער דאָזיקער שלימזלדיקער ייִד, וואָס קען זיך אַ דאַנק רחלען פילן בײַ ר׳ לייזערן אין שטוב ווי אַן אָנגעלייגטער גאַסט, קריגט כיבוד און דרך־ארץ, ער שיקט עס אָן אויף רחלען דאָס גרויסע אומגליק. נישט פון שלעכטס. פּשוט: ער זוכט אַ פאַרדינסטל, כאַפּט ער זיך צו שדכנות. פירט ער צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט — אַבי צו קריגן אַ פּאָר קערבלעך און קענען חתונה מאַכן זײַן אייגענע פאַרעלטערטע טאָכטער. פּרנסה!... אדרבה, דער דאָזיקער מלמד, וואָס איז אַליין אויך אַ חסיד, און האָלט פון אַ שנעפּסל מיט לעקעך, און קען אין מיטן טאָג אָפּשלאָפן אַ שבת בײַ אַ שטאָט־באַלעבאָס, ווו

ער האָט אַרײַנגעכאַפּט אַן איבעריק ביסל משקה, געפינט אויף אַלץ אַ גוטמוטיקן ענטפער. אַפילו ווען ס'ווײַב שרײַט, און ער מוז פון שטוב אַנטלויפן, פאַרענטפערט ער זי:

— „פון אָרעמקייט — זאָגט ער — שרײַט זי, פון ווייטיק שעלט זי. און באמת, איז זי נישט גערעכט? דאַרף אַן אָרעמאַן האָבן קינדער, אַז ער קען די קינדער נישט געבן אַפילו טרוקן ברויט זיך זאַט אָנצועסן און קען מיט דערוואַקסענע טעכטער קיין שידוך נישט טאָן?" (32)

אַז רחלע קריטיקירט זײַן חדר, וואָרפּט־פאַר, חלמאי דאָרטן איז שמוציק, שטיקנדיק, געפינט ער באַלד אַ פאַרענטפערונג און זוכט גאָר אויס מעלות אינעם אַלטמאָדישן חדר. ס'טײַטש?

— „רייד מיט אַ מיידל! ווייס זי גאָר, מיט וואָס די תורה ווערט געקויפט? פּת במלח תאכל, ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, ומים במשורה תשתה, און וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, ועל הארץ תישן, און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן, וחיי צער תחיה — און זאָלסט לעבן אין צער, דאָס הייסט: זאָלסט זיך געוווינען, צו קענען לעבן אין צער... הײַנט גיי רייד מיט איר און גיב איר צו פאַרשטיין, אַז, אדרבה, וואָס ערגער בײַ מיר אין חדר איז, אַלץ בעסער איז פאַר די קינדער, אַלץ גיכער וועלן זיי, אם ירצה השם, לומדים מופלגים ווערן" (33).

פון דעם מלמד, וואָס איז אויבנאויפיק אַ פאַרבײַגייענדיק מענטשעלע אינעם ראָמאַן, ווערט פאַקטיש אַ צענטראַלע פיגור — אַ שליסל צו דער דראַמע.

ר' שמעון וויל נישט קיין רעה טאָן דער צאַרטער רחלען; דאָך טוט ער איר אָן די גרעסטע רעה. ער רעדט דעם שידוך, נישט קלערנדיק גאָר וועגן בחור; דער חתן ליגט אים נישט אַפילו אין דער לינקער פּאה. ער האָט בלויז אין זינען די פּאָר רובל, צו ראַטעווען זײַן שטוב. דער מלמד ווערט, אַזוי אָרום, דער אומפאַרענטפערלעכסטער מענטש: ער פירט צו דעם, אַז מ'זאָל פאַרקויפן דאָס מיידל, ווי מ'פאַרקויפט אַ בהמה...

דער דלות פאַרקלאַפּט דעם מלמד דעם קאָפּ און דאָס געוויסן.

דער דלות טרײַבט צום פאַרברעכן.

*

נאָר פּונקט ווי דער דלות טרײַבט צו אומפאַרענטפערלעכקייט, אַזוי טרײַבט צו פאַרברעכן די עשירות, דאָס געלט.

---

32) ד"ז, ז' 7.

33) ד"ז, זז' 9—10.

און ווער לאָזט זיך אין „אבן נגף" פאַרפירן פון געלט? דווקא די חסידים, די וואָס זײַנען קלאָמפּערשט אַריינגעטאָן אין דבקות...

דאָ זעען מיר, ווי דינעזאָן איז נאָך אין 1890 געווען באַהערשט פון דער השכּלה. גראָד אין די חסידים האָט ער געזען, ווי זיי לאָזן זיך פאַרפירן פון גשמיות.

דינעזאָן איז ווײַט פון לינעצקים שטייגער צו רייסן פּאָסן; ווײַט פון דער אכזריותדיקער סאַטירע איבערן חסידיזם. ער שילדערט די חסידישע סביבה אײַנגעהאַלטן, מיט אַן אייִדעלער קעגנערשאַפט. אָפּגערעדט שוין פון זידלען — ער קריטיקירט אַפילו נישט אָפן. ער באַנוגנט זיך בלויז מיטן דערציילן, ווי זיי האַנדלען, די דאָזיקע חסידישע ייִדן, ווי זיי פירן זיך אין רבישן הויף, ווי זיי שליסן שידוכים מיט זייערע מקורבים. דאָס איבערגעבן די פאַקטן איז גענוג, אַז מען זאָל אַרויסזען דעם צערטלעכן משכּיל.

די רבישע מלוכה, דער הויף, די רבישע משפּחה, ווי דינעזאָן שטעלט זי פאָר, איז אויבנאויפיק אײַנגעוויקלט אין צניעות. עס איז אָבער גענוג צוצוקוקן זיך צו קלייניקײַטן, כּדי צו דערזען זייער קליינלעכקײַט. דינעזאָן ווײַזט די חסי-דישע סביבה אין איר מאָראַלישער ירידה.

דער גבאי ראשון, ר' פּנחסל, איז אַ פּאָליטיקאַנט, וואָס אינטריגירט אויף אַלע זײַטן. ווי נאָר חיהלע ווערט אַן אלמנה, אַזוי וואַרפט ער באַלד אויף איר אַן אויג. איז אָקערשט געוואָרן אַן אַלמן, אָבער ער האָט קיין געדולד נישט צו וואַרטן. איר עשירות רייצט אים. דערצו איז זי אַ יונגע און אַ שיינע. ער זעט אַלץ און אַלעמען. ער באַאַרבעט אַזוי דעם רבישן הויף, פאַר זײַן שידוך וועגן, אַז נישט בלויז דער רבי לייגט זיך אַרײַן אין דעם שידוך, נאָר אַפילו דעם רבינס טעכטער און שנירן וואַרפן זיך אַרײַן אין דער הויף־פּאָליטיק. אַפילו וועגן חתונה מאַכן חיהלעס טאָכטער מישן זיך אַלע אַרײַן, ווײַל פון דעם איז אָפּהענגיק די חתונה פון גבאי ראשון...

מיר האָבן דאָ אויך לײַכט סקיצירט די אינטריגעס אין דער רבישער משפּחה, די צוזאַמענשטויסן צווישן די טעכטער און די שנירן. דינעזאָן האָט געשילדערט דעם אויפנעם, וואָס דער רבי, זאָל לעבן, האָט געפּראַוועט לכּבוד דער רײַכער חסידה, וועלכע האָט אָנגעבראַכט פאַר אַלעמען מתנות. שוין בײַם אַרײַנגיין פילט מען די היעראַרכיע און די ברוגזן... אַזוי בײַם זיצן בײַם רבינס טיש, ווי אין דער ווײַבערשער אָפּטיילונג — אַלץ איז אויסגעחשבונט... כּיבודים קאָסטן געלט. אַלץ איז מסחר שבמסחר!

*

אנטקעגן די פאַרדאַרבענע אַריסטאָקראַטן שטייגט־אויף די אידעאַליזירטע געשטאַלט פון דער אַלטער, טריַיער, פּראָסטער דינסט, פייגע, וועלכע איז אַריבער אין הויז פון איין דור צום צווייטן דור — אַן אוצר פון גוטסקייט און ליבשאַפט, וואָס איז אַריבער פון איין דור צום צווייטן. אפילו ווען זי ליגט שוין אויפן טויטן־בעט, האָט זי אין זינען די אומגליקלעכע רחלע, וועלכע האָט ליב איר שוועס־טערקינד משהלע און וועלכע אַנטלויפט פון דער מאַמעס שטוב פונקט דעמאָלט, ווען מ׳פּראַוועט אַ יאָ־וואָרט פאַרן געדערטן שידוך מיטן בחור דעם טוי־געניכטס. רחלע באַהאַלט זיך אויס, ביז זי ברעכט־צוזאַמען און שטאַרבט. טראַ־גיש־עלנט שטאַרבט די גוטע דינסט און טראַגיש עלנט שטאַרבט די גוטע גבי־רישע טאָכטער. אויב מ׳איז אַזוי גוט, הייסט עס, איז מען טראַגיש־עלנט...

פון דעסטוועגן ווערט פון געבראָכענעם משהלען אַ מוטיקער משה.

אין משהלען דערקענען מיר דינעזאָנען, ווען ער רופט־אויס, נאָך אַלע אַנ־טוישונגען:

— „אָ, איך גלייב אין גוטן האַרץ פון מיַינע ברידער, יידן. אַ ייִד קען יע־נעמס אומגליק נישט צוזען און דעם אומגליקלעכן נישט ווען העלפן. אַ ייִד קען אַ ביטער געשריַי נישט הערן און גלײַכגילטיק בלײַבן צו דעם, וואָס שרײַט אַזוי פון זײַנע שמערצן. מען ברויך נאָר ייִדן זייערע וווגדן אַנצוווײַזן, מען ברויך נאָר זיי אויף יענעמס פעלד אַרויפפירן, זיי זאָלן אַליין זען, וויפל ליבע קינדער ליגן דאָרט אונטער די בערגלעך, ווי בלימעלעך אָפּגעריסענע אָן אַ זײַט... צו טרערן מוז איך זיי ברענגען! נישט נאָר די טויערן פון הימל זײַנען אָפן, אומ־שולדיק־פאַרגאָסענע טרערן דורכצולאָזן, אויך אונדזערע הערצער זײַנען פאַר זיי נישט פאַרשלאָסן!...(34).

דינעזאָן, זעען מיר, האָט אין „אבן נגף” זיך נאָך נישט באַפרײַט אין גאַנצן פון זײַן משכילישן מוסרן און פּראָפּאַגאַנדירן.

ער פאָרמולירט דאָ אויך זײַן ליטעראַרישן אַני־מאמין:

— „צו טרערן מוז איך זיי ברענגען!”

יעקב דינעזאָן האָט געזוכט בעסער צו מאַכן די מענטשן דורך טרערן.

דורך טרערן האָט ער אויך צוגעבונדן דעם לייענער צו זײַן ראָמאַן.

34) ד״ז, זז׳ 489—490.

די פאַרבינדונג מיט שלום עליכמען און דער צוזאַמענשטויס איבער מענדעלען

צייטגייסט. — די אויפלעבונג אין די 80ער יאָרן. — „אַ בריוו צו אַ מחבר“. — די שולד פון די העברעישע שרייבערס פאַר דער ירידה אין יידיש. — די צייט האָט אויפגעוועקט די „העזה“ צו שאַפן. — דינעזאָנס באַפריינדן זיך מיט שלום עליכמען. — גרעצס אַרויסטריט קעגן יידיש און דינעזאָנס שאַרפער ענטפער. — „יודישעס פאָלקס־בלאַט“ און זיין צעדרייטער רעדאַקטאָר ישראל לעווי — זאַמלביכער אַנשטאָט וואָכנצייטונג. — פאָפולערע ליטעראַטור אָדער „ברילייאַנטן“? — יידן האָבן ליב טרערן און מוסר. — דינעזאָנס אַרויסטריט קעגן מענדעלעס שרייבן אויף יידיש, וואָס פאַסט פאַר העברעיש... — „יודישע פאָלקס ביבליאָטהעק“ ווערסוס „הויז־פריינד“. — דער ריס מיט שלום עליכמען — סתירות אויף סתירות: אַזאַ צייט. - דינעזאָנס שטייגן אין פרצעס סביבה.

יעקב דינעזאָנס צוריקקערן זיך צום ראָמאַן אין 1890 איז מער ווי פון זיינע אייגענע אימפּולסן געווען אַ רעזולטאַט פון צייטגייסט.

די אויפלעבונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אין די 80ער יאָרן, האָט אין אים צעטריבן די אַנטווישונג.

אפנים, אַז „אבן נגף“ האָט ער אָנגעשריבן מיט יאָרן פאַרן דרוקן. אַזוי דאַרף מען זיך משער זיין, ווען מ'פאַרגלייכט דעם דאָזיקן ראָמאַן, געדרוקט אין ווילנע אין 1890, מיט זיין ווערק „הערשעלע“, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשע אין 1891. עס קען נישט געמאָלט זיין, אַז בסך־הכל אין איין יאָר זאָל פאָרקומען אין אַ שרייבער אַזאַ באַדייטנדיקער פאָרשריט.

פאַר דער דאָזיקער האַסטיקער אַנטוויקלונג האָבן ביי־געטראָגן פאַרשיידענע פאַקטאָרן.

*

אין די יאָרן פון זיין דערשיטערנדיקער אַנטוישונג האָט דינעזאָן מיטגע־אַרבעט אין פעטערבורגער „יודישעס פאָלקס־בלאַט“ (1881—1889), וואָס איז

בײַם אַנהײב, װי אַ בײַלאַגע צום „המליץ״, רעדאַקטירט געװאָרן פֿון אַלעקסאַנ־דער צעדערבױם און שפּעטער אַנגעפֿירט געװאָרן דורך ישׂראל לעװין — אַ טראַגיקאָמישע פֿיגור אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע — װאָס האָט פֿאַרענדיקט װי אַ פּסיכאָפּאַט מיט זײַן קאַמף קעגן דער ייִדישער שפּראַך, אין זײַן אײגענער צײַטונג, װוּ ער האָט געװאָלט האָבן פֿאַר מיטאַרבעטערס די חשו־בסטע ייִדישע שרײַבערס...

אין דעם דאָזיקן װאָכנבלאַט האָט דינעזאָן אָפּגעדרוקט אין 1885, „אַ בריעף צו אַ מחבר״, געחתמעט מיט די אותיות מ. מ. אין אַ טון פֿאַרזעצונגען װערט דאָרט אין עפּיסטאָלאַרער פֿאָרעם אינטים דערצײלט, װי אַ מאָהילעװער מײדל איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַלטפֿרענקישער דערציִונג. דאָס מײדל האָט פֿאַרגעלײנט, אַז איר אומגליק זאָל באַשריבן װערן אין אַ ראָמאַן. זאָל די װעלט װיסן! זי האָט געקענט ראָמאַנען, װאָס זײַנען אומעטום געלײענט געװאָרן. האָט זי פֿאַר־שטאַנען, אַז כּדי אַ געשעעניש זאָל װײַט און ברײט באַקאַנט װערן, איז צום בעסטן דאָס איבערצוגעבן אין אַ ראָמאַן. אָבער דער שרײַבער האָט געענטפֿערט, אַז ער האַלט נישט פֿון דעם.

— „איר װעט פֿרעגן פֿאַר װאָס איך מײן אַזױ? — גײט דער מחבר אַרײַן אין פּרטים — װעל איך אײַך ערקלערן. געװײנלעך האַלט עס דער געבילדעטער יוד פֿאַר אַ חרפּה צו לײענען אַ זשאַרגאָנישן ראָמאַן, און אַז עס טרעפֿט זיך ער לעזט יאָ, האַלט ער געװײנלעך דעם זשאַרגאָנישן שרײַבער פֿאַר אַ מענטשן אָן פֿערנונפֿט און אָן פֿעיִקײטן, (אַזױ האָט זיך אױסגעדריקט ערגעץ אין אַ זשורנאַל אַ בערימטער רעדאַקטאָר), און װײַל קײנער האָט אים אױף זײַן דומהײט ביז איצט ניט געענטפֿערט, איז דאָך אַ בעװײז, אַז אַלע געבילדעטע יודישע שרײַבער האַלטן מיט אים: דעראיבער איז גענוג פֿאַר מיר, אַז איך האָב אײן בוך אָנגע־שריבן אין זשאַרגאָן און דעם עולם געלאָזט װיסן, אַז איך בין אַ שרײַבער אָן שׂכל און אָן טאַלענט. צו װאָס זאָל איך עס טאָן צום צװײטן מאָל? װען מ׳קען האָפֿן אױף כּבֿוד, איז כּדאַי צו פּרובן. אַז מ׳האָט אָבער מיט דעם ערשטן מאָל ניט געטראָפֿן, צו װאָס זאָל איך אַזאַ נאַר זײַן און זיך ניט באַנוגענען מיט דעם ערשטן אום־כּבֿוד, װאָס איך האָב שױן געהאַט?... יאָ, דער המון־עם ליגט מיר געװיס שטענדיק אין זינען, פֿאַר אים װאָלט איך איבערגעטראָגן חאָטש נאָך צען מאָל אום־כּבֿוד און שרײַבן און זיך בעמיִען פֿון זײַנעטװעגן, װען איך װאָלט חאָטש פֿיל װײניג איבערצײגט זײַן, אַז איך קען אים נוטצן ברײנגען, אַז מײַנע רײד װעלן ניט זײַן אומזיסט אַרױסגעװאָרפֿן. לײדער פֿעלט מיר דיזע איבער־

צייגונג שטענדיק, בעזונדערס די לעצטע צייט, וואָס דורך שלעכט און ניט געראָטענע שרייבער איז זיין געשמאַק אַזוי פאַרדאָרבן געוואָרן" (35).

אַ גרויסן חלק שולד פאַר דער דאָזיקער הפקרות האָט דינעזאָן צוגעשריבן „אונדזערע געלערנטע העברעישע מחברים, וואָס זיי ווילן גאָר נישט וויסן פון דעם גאַנצן המון זייערע מיליאָנען ברידער און שוועסטער, וועלכע קענען העברע־אישע ווערקע ניט לעזן" און „זיי דערמאָנען זיך נישט, אַז דער גאַנצער עולם רעדט נאָר זשאַרגאָן, און ער האָט אויך רעכט און לוסט צו געניסן אַ מאָראַליש פאַרגעניגן אין זיינע שבתים און ימים־טובים". די צווייטע טענה זיינע צו די העברעישע שרייבערס איז געווען, הלמאי זיי טרעטן נישט אַרויס קעגן שונד, וואָס זוכט צו פאַרכאַפּן דעם לייענער־עולם. דערביי האָט ער איבערגעגעבן, ווי ער אַליין האָט געהאַנדלט פון פאַרצווייפלונג.

— „איך בין כמעט דער ערשטער שרייבער געוועזן — האָט דינעזאָן זיך אַראָפּגערעדט פונעם האַרצן — מיט אַ זשאַרגאָנים ווערק וואָס האָלט נאָהנט פון 29 דרוקבויגן, אָבער דער אינדיפערענטיזם, וואָס אונדזערע אויטאָריטעטן האָבן מיר דאַמאָלס געוויזן, האָט מיין ענערגיע געלאָהמט, מיין מוטה געבראָכן, ניט מער די העזה צו האָבן אַרויסצוטרעטן מיט אַ נייע ווערק" (36).

די צייט האָט אויפגעוועקט ביי דינעזאָנען די איינגעשלאָפענע „העזה". די צייט האָט גערופן שרייבערס צו שאַפן, אַרבעטערס צום קאַמף, מענטשן מיט געזעלשאַפטלעכן דראַנג צו אָרגאַניזירן זיך, פאַראינטערעסירטע אין קולטור צו פורעמען אַ נייע סביבה, נייע באַדינגונגען פאַרן יידישן לעבן, ניי — סאָציאַל, פּאָליטיש און נאַציאָנאַל.

*

אונטערן צייכן פון דער אויפלעבונג אין דער ליטעראַטור איז פאַרקניפּט געוואָרן אַ פריינדשאַפט צווישן דינעזאָנען און שלום עליכמען.

דאָס איז געווען אין 1887. דינעזאָן האָט פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן אַ צייט־שריפט. (זי איז נישט דערשינען). ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין וואַרשע (וווּהין ער פלעגט קומען, צו זיין שוועסטער, נאָך פון 1885). האָט ער זיך גע־וואַנדן מיט אַ בריוו צו שלום עליכמען אין קיעוו, אַז ער זאָל מיטאַרבעטן אין דער צייטשריפט. אָט־דער בריוו איז דער אָנהייב פון אַ רייכער און צאָלרייכער

35) ש. ל. ציטראָן — „די געשיכטע פון דער יידישער פרעסע" (1: פון יאָר 1863 ביז 1889), ווילנע 1923, זז' 144—146.

36) ד"ז, זז' 147—148.

קאָרעספּאָנדענץ, וווּ מ'געפינט אַ סך ווערטפולע פּרטים פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, ווי פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ סך שרײַבערס. צום באַדויערן זײַנען דינעזאָנס בריוו עד־היום נישט פאַרעפנטלעכט. מיר ווערן אָבער געוווּיר זייער אַ סך וועגן דינעזאָנען אויך פון שלום עליכמס בריוו. ערשטנס: וועגן דער פרײַנדשאַפט, וואָס האָט זיי פאַרבונדן, נישט געקוקט אויף די צוזאַמענשטויסן, וועלכע זײַנען צווישן זיי פאָרגעקומען. די צאָל בריוו, וואָס איז איינגעזאַמלט געוואָרן אין ארכיוו פון יִוואָ, 142, רעדט קלאָר (און עס ווײַזט אויס, אַז די קאָרעספּאָנדענץ איז געווען נאָך אַ סך אַ גרעסערע). דער ערשטער בריוו, אין אָקטאָבער 1887, הייבט זיך אָן מיט „אדוני קאניג! ” (אין רוסיש: „מילאַסטיווי גאָסודאַר”); און שלום עליכם בעט דינעזאָנען: „שרײַבט מיר אַרוים בקיצור”. אין יאַנואַר 1888 באַטיטלט ער שוין: „ליבער הער די־נענזאָהן” און ער שרײַבט אַליין שוין עטלעכע זײַטלעך, ווײַל „מיט אײַער בריוו האָט איר מיך אַזוי צענומען, אַז איך מוז אײַך תיכף ענטפערן”... אין אויגוסט 1888 הייבט זיך שוין אָן אַ בריוו: „ליבסטער און בעסטער פרײַנד”. און פונקט צום יאָר, אין אָקטאָבער 1888, הייסט ער שוין ביי ש״ע: „ליבער ברודער”. און דאָ און דאָרט וואַרפט זיך דורך: „סערדצע” און „ערלעכער”, אויך „טרײַעס־טער” און „ידידי אשר אהבתי”...

עס איז אָבער טשיקאַווע, אַז ש״ע, וועלכער האָט געהאַט אַ שם מיט זײַן פּינקטלעכקײַט, האָט זײַן פרײַנד אין די ערשטע יאָרן אָנגערופן מיט פאַרגרײַזטע נעמען: „דינענזאָהן” אָדער „דינעסזאָהן”... דאָס קען אפשר אויפגעקלערט ווערן מיט דעם, וואָס ש״ע האָט אין זײַן בריוו פון קיִעוו דעם 28טן דעצעמבער 1887 — צען יאָר נאָך דעם ווי דינעזאָן האָט מרעיש עולם געווען מיט זײַן ראָ־מאַן „הנאהבים והנעימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק” — זיך פאַר־גונען צו שרײַבן: „איר ווייסט, אַז איך האָב אײַערס נאָך גאָר נישט געלעזן? שיקט מיר, וואָס איר האָט. העברעיִש שרײַבט איר גוט. אויב איר שרײַבט ניט ערגער זשאַרגאָן, האָב איך אײַך ליב, זענט איר מײַן ברודער! ” (37). קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז ש״ע האָט נישט געהערט פון דעם „יונגערמאַנטשיק”? אָדער: זאָל דאָס דינען פאַר אַ באַווײַז, אַז דער מחבר פון „יונגערמאַנטשיק” האָט שלום עליכמען נישט אינטערעסירט, אָבער דינעזאָן, ווי ער איז פאַר אים דערשינען אין זײַנע בריוו, אינטים, איז פאַר אים געווען דער „ליבער ברודער”?

*

37) „יִוואָ־בלעטער”, ווילנע 1931, נ׳ 5: „שלום עליכמס בריוו צו יעקב דינעזאָן” מיט אַן אַרײַנפיר און באַמערקונגען פון נחמן מײַזיל, ז׳ 390.

דינעזאָן האָט אין זײַנע בריװ צו שלום עליכמען גלײַך פון אָנהײב זיך אַנט־פּלעקט מיט זײַנע אײגנשאַפטן, װעלכע האָבן אים שפּעטער געמאַכט אַ שם אין דער גאַנצער ייִדישער שרײַבער־װעלט: מיט זײַן אױפריכטיקײט, מיט זײַן האַר־ציקײט, מיט זײַן דינסטגרײטקײט און מיט זײַן ליבע צום לשון ייִדיש.

זײַן פּרינציפּיעלע באַציִונג צו ייִדיש האָט דינעזאָן פאָרמולירט אין זײַן אַרױסטריט קעגן דעם היסטאָריקער גרעץ. דאָס איז פאָרגעקומען אין די ערשטע חדשים פון זײַן בריװלעכער דערנענטערונג מיט שלום עליכמען. אין דער זעל־ביקער צײַט האָט ש"ע אַרײַנגערעדט אין דינעזאָנען, אַז ער זאָל פאָרן קײן פּעטערבורג צו ישראל לעװין, װעלכער האָט אים פאַרבעטן צו קומען אַרבעטן אין „יודישעס פאָלקס־בלאַט". לעװי האָט שױן דעמאָלט געליטן פון זײַן קרענק צו רודפן ייִדיש (כאָטש ער האָט צוגעצױגן די גרעסטע שרײַבערס פאַר מיטאַרבע־טערס אין זײַן װאָכנצײַטונג). אָבער ש"ע האָט געהאַלטן, אַז דינעזאָן קען ראַ־טעװען די דאָזיקע װיכטיקע פּאָזיציע פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, װוּ עס זײַ־נען געקומען צום אױסדרוק די װיכטיקסטע דעמאָלטיקע „זשאַרגאָניסטן". שלום עליכם איז אין דער פראַגע דערגאַנגען ביז צו געבעט. „איך בין, אמת גערעדט, — האָט ער צו דינעזאָנען געשריבן סוף 1887 —, משוגע אױף דעם זשאַרגאָן, נאָר הערט דעם משוגענעם, װאָס איז אין דעם פאַל אױפריכטיק, אָפנהאַרציק און אײ־בערגעגעבן דעם זשאַרגאָן כמעט ביז מסירת־נפש. אום גאָטעס װילן, פאָרט, פאָרט, פאָרט ! " (38).

דינעזאָן איז נישט געפאָרן. נישט געקאָנט.

עס איז אים אָבער אױסגעקומען צו זײַן אין קיִעװ און פון דער באַגעגעניש איז זײַן פרײַנדשאַפט מיט שלום עליכמען געקרעפטיקט געװאָרן, איבערהױפּט אַ דאַנק דער מעשה מיט סאַלאָמאָן סקאָמאָראָװסקי, װעלכער האָט אָפּגעדרוקט אין „המליץ", אין 1887 נ' 278 „מרוץ אגרות ביני ובין ד"ר גראטץ" (בריװטױש צװישן מיר און ד"ר גרעץ). דאָרט װערט דערציילט, אַז ער, סקאָמאָראָװסקי, האָט זיך געװאָנדן צום היסטאָריקער מיט דער פראַגע, צי ער װאָלט דערלױבט איבערצוזעצן אױף ייִדיש זײַן װערק „פאָלקסטימלעכע געשיכטע פון די ייִדן". אױף דעם האָט גרעץ געענטפערט, אַז „זשאַרגאָן איז אַ גרױסע שאַנדע פאַר דער ייִדישער פאָלקסמאַסע" און דערפאַר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דערלױבן אײ־בערצוזעצן זײַן װערק אױף ייִדיש און דערבײַ געבעטן, אַז ער, סקאָמאָראָװסקי, זאָל „פאַרהיטן פון שענדן זײַן געשיכטע"...

דער דאָזיקער „בריװטױש", װאָס איז פאַרעפנטלעכט געװאָרן אין „המליץ"

---

(38) ד"ז.

אויף דער ערשטער זייט ווי א ליטעראַטיקל, האָט אויפגעבראַכט סיי שלום עליכ־מען און סיי דינעזאָנען. צום באַדויערן קענען מיר נאָך אַלץ נישט דינעזאָנס בריוו (וועלכע זיינען משמעות יאָ אויפגעהיט, אָבער נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן). נאָר עס איז גענוג שלום עליכמס קאָרעספּאָנדענץ צו דינעזאָנען, כדי צו שאַפן זיך אַ קלאָרע פאָרשטעלונג, ווי זיי ביידע האָבן זיך צו דעם באַצויגן. ש"ע רעדט מיט שפּאַט וועגן דעם וואָס האָט פּראָוואָצירט גרעצס אַרויסטריט קעגן יידיש. ער רופט אים אָן נישט ווי ער האָט געהייסן, נאָר „סקאָמאָראָשקאָ" אָדער „סקאָמאָראָוויץ" און גיט־צו אַ שאַרפן עפּיטעט, און באַלד אַ צווייטן... סקאָמאָראָווסקים אַוועקשטעלן זיך אין איין שורה מיטן ד"ר גרעץ האָט אויף אים געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך אָנאָנסירט אין בלאַט: „גיט מיר אַ כלה מיט 50 טויזנט קערבלעך, איך בין אַ דאָקטער!"... (אגב: ד"ר סקאָ־מאָראָווסקי האָט אין צוויי יאָר אַרום, אין 1889, פאַרעפנטלעכט אין שלום עליכמס 2טן באַנד „יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק" אַן אַרבעט „די גזרה פון גאָנ־טאַ אין אומאַן און אוקראַינע"). פאַר באַליידיקן יידיש האָבן אָבער סיי ש"ע און סיי דינעזאָן שאַרף אָנגעגריפן גרעצן, ספּעציעל און גראַד אין „יודישעס פאָלקס־בלאַט" (נ' 2 פון 1888). „אַ דאַנק! — שרייבט ש"ע צו דינעזאָנען דעם 18טן יאַנואַר 1888 — אַ דאַנק? אַ שיינעם דאַנק פאַר דער הייסער זאַשטשיטע (מיינט: פאַרטיידיקונג), פאַר דער קריוודע פונעם זשאַרגאָן! אָט דאָ זע איך צום ערשטן מאָל אייער שרייבן — און סע געפעלט מיר און סע געפעלט מיר ניט: סע געפעלט מיר, ווייל סע איז מיט פייער, און סע געפעלט מיר ניט, ווייל סע איז מער דייטש אַלס יודעש; נאָר דעם תירוץ האָב איך אַליין: פאַר אונז, אין פּוילן, איז דאָס דייטש, און פאַר אייך, אין ליטאַ, איז דאָס יודעש" (39).

דינעזאָנס באַציונג צו יידיש אין 1888 קען מען זיך פאָרשטעלן שוין פון דעם טיטל פון זיין פּאָלעמישן אַרטיקל: „פּראָפעסאָר גרעטץ אונ דער יודישער זשאַרגאָן, אָדער ווער מיט וועמען דאַרף זיך שעמען?" דינעזאָן האָט פעסטגע־שטעלט, אַז גרעץ האָט פיינט נישט בלויז יידיש, נאָר אויך די רוסישע יידן: ער איגנאָרירט די מזרח־יידן, פּונקט ווי ער איגנאָרירט זייער מאַמע־לשון.

אין 1888 איז אַזאַ אַרויסטריט אין פאַרטיידיקונג פון זשאַרגאָן, דערצו קעגן דעם באַרימטסטן יידישן היסטאָריקער, בפרט ווען דאָס האָט געטאָן אַזאַ עניוותדיקער מענטש ווי יעקב דינעזאָן — געווען ממש אַ רעוואָלוציאָנערער שריט.

*

39) ד"ז, זז' 392—395.

דינעזאָן ווערט דער „ליבער ברודער" נישט בלויז ביי שלום עליכמען.

אין דעם זעלביקן יאָר 1887, ווען ער האָט דורך קאָרעספּאָנדענץ געשלאָסן פריינדשאַפט מיט ש"ע, הייבט־אָן דערשיינען אין ווארשע דער „הויז־פריינד" אונטער דער רעדאַקציע פון מרדכי ספּעקטאָר און ד. ווערט אַ מיטאַרבעטער פון דעם דאָזיקן וויכטיקן יאָרבוך. ש"ע האַלט דינעזאָנען פאַר זיין בעל־יועץ און פאַרטרוי־חבר. ער איז פאַר אים מגלה זיין פּראָיעקט: אַז ער גרייט זיך איבער־צוראַשן מיט אַ נייעם טיפּ זשורנאַל — מיטן גרויסן פאַרנעם פון זאַמלביכער — געצילט אַרויסצוגעבן חודשלעך אונטערן נאָמען „יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק", און ער פאַרבעט אים מיטצואַרבעטן מיט אַרטיקלען, איבערזעצונגען אָדער נאָ־ווען, צוזאָגנדיק דעם פיינסטן האָנאָראַר. די „יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק" דערשיינט טאַקע און אין דעם ערשטן באַנד, אין 1888, איז אָפּגעדרוקט די באַ־לאַדע „מאָניש", מיט וועלכער י. ל. פּרץ גייט־אַריבער אין גאַנצן צו דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם זעלביקן יאָר איז ש"ע מרעיש עולם מיט „שמרם משפּט" און באַווייזט זיך מיט זיינע ראָמאַנען „ר' סענדער בלאַנק און זיין געזינדל" און „סטעמפּעניו", וועלכע שטעלן אים פאַר ווי דעם הומאָריסט פון אייגענעם סטיל און נוסח, וואָס איז געוואָרן קלאַסיש אין דער יידישער ליטעראַטור.

אוודאי האָט דינעזאָן נישט געקענט בלייבן אין אַ זייט מיט זיין דערציילע־רישן טאַלאַנט און האַלטן, אַז עס איז ריכטיק דער באַשלוס, וואָס ער האָט אָנגע־נומען מיט יאָרן צוריק, מער נישט צו שרייבן קיין ראָמאַנען.

אָבער די יאָרן, וואָס ער איז געווען אָפּגעריסן, זיינען געווען צו־שטורמישע און פּרובפּערדיקע. וואָלט דינעזאָן נישט איבערגעריסן, וואָלט ער מסתמא — אין דעם קרייז פון די, וועלכע זיינען געוואָרן די טאָנגעבערס פון דער נייער יידי־שער ליטעראַטור — מיטגעמאַכט דעם פּראָצעס פון דער מאָדערניזירונג, וואָס איר וועגווייזער איז געווען מענדעלע מוכר ספרים, דער עלטסטער פון די קלאַסי־קערס, וועלכער איז נאָך פאַר די 90ער שוין געווען דער רייפער קינסטלער, ציל־באַוווסט און טיף פאַרוואָרצלט.

גראָד יענע יאָרן, ווען דינעזאָן איז געווען אָנטוישט אין זיין ראָמאַן־שריי־בעריי, זיינען געווען די דעציידירנדיקע פאַרן גורל פון דער יידישער ליטעראַטור. יענער איבערשלאָג האָט מסתמא אַ תל געמאַכט פון אַ סך מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען געווען אין דעם ראָמאַניסט יעקב דינעזאָן.

*

ווען דינעזאָן האָט זיך צוריקגעקערט צום ראָמאַן, האָט ער צום דערשיינען פון „אבן נגף" אַזוי געשריבן צו שמעון דובנאָוון:

— „דעם פשוטן לעזער האָט צוגעגעסן לייענען אָט די אַלע ווערק, ווו מען לאַכט אויס דעם אַלטן לעבנשטייגער... איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז די גרעסטע מעלה, וואָס אונדזער פאָלקסמענטש געפינט אין אַ חזן, איז דאָס, אַז הערנדיק זײַן זינגען, באַגיסט ער זיך מיט טרערן. מיט וואָס איז באַרימט געוואָרן דער קעלמער מגיד, אויב נישט מיט זײַנע דרשות, פון וועלכע דער עולם האָט גע־וויינט מיט ביטערע טרערן?... מיר דוכט, אַז ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, בײַ וועמען דער „בעל־בכי" איז אַזוי הייליק און טײַער, ווי בײַ אונדזער פאָלק, ווײַל דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז אַ ים מיט טרערן..." (40).

דערציילן מיט טרערן איז בײַ דינעזאָנען, ווי מיר זעען, געווען נישט בלויז אַ זעעלישע באַדערפעניש, נאָר אויך זײַן שטאַנדפונקט וועגן יידישער ליטעראַ־טור.

דינעזאָן, ווי שטאַרק נאָענט ער איז געווען צו די נײַסטע וואָרטזאָגערס און ווי טיף עס איז געווען זײַן ליבשאַפט צום יידישן וואָרט, איז אַפילו ערב 1890 נאָך ווײַט געווען פון יענער וואָרטקונסט און פון יענעם גערדאַנקענגאַנג, וואָס זײַן העכסטער אויסדרוק איז געווען מענדעלע מוכר ספרים.

ער האָט נאָך אַלץ געהערט צו יענע משכילים, פאַר וועלכע דער עיקר אין דער ליטעראַטור איז געווען די מאָראַל און וועלכע האָבן אָפט נישט באַמערקט, און פאַרזען, די עסטעטישע ווערטן, די קינסטלערישע אויפטוען. ממילא האָט ער נאָך נישט געזען די העכערע פונקציעס פון יידישן וואָרט, וועלכע הייבן זיך אָן דעמאָלט, ווען מיהערט־אויף צו טראַכטן, צי די שפּראַך איז אַ מיטל אָדער אַ ציל. הגם ער האָט שוין געהאַט מוט שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן די, וואָס האָבן באַליידיקט יידיש — הן סמאָלענסקינען, הן קעגן גרעצן: זײַנע צוויי ליב־לינגן — האָט אים זיך נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז עס איז אַ צרגרויסער לוקסוס אָפּגעבן זיך אין יידיש צו קונסט צוליב קונסט. וועגן דער דאָזיקער באַציִונג רעדט ער קלאָר אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע.

— „פון קונסט צוליב קונסט — דערציילט דינעזאָן בײַם איבערגעבן דיקס מיינונגען וועגן ליטעראַטור — האָט מען נאָך נישט אומעטום אין אייראָפּע אַפילו געוווּסט. בײַ אונז, יודן, האָט מען אַזוינס נאָך אַפילו פון ווײַטן נישט גע־הערט".

בדרך משל האָט דיק דאָס אַזוי דערקלערט:

— „אַ מעשה צוליב דער מעשה אַליין, אַפילו ווען זי איז אַ בריליאַנט, קען זי קויפן דער עושר, וואָס מער ווי בריליאַנטן פעלט אים נישט. אונזער המון אָבער

(40) „פון „זשאַרגאָן" צו יידיש", ז' 28.

איז צום בעדויערן אָרעם, אים פעלט אַ העמד אויפן נאַקעטן לײַב, אַ שוך, אַ קלייד... שרײַבן פּאַר אים ביכלעך לױטער בריליאַנטן, וואָס זאָלן אים שײַנען, און אין דערזעלבער צײַט זײַן נאַקעטקײַט נישט צודעקן, איז ניט נור אַ איבעריגע זאַך, אָבער אויך כמעט אַ שעדלעכע זאַך!"

דינעזאָן האָט בײַם איבערגעבן דיקס מיינונגען אפשר זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז ער איז געווען אַ סך נאָענטער צו דיקן, וועלכער איז פון אים געווען עלטער מיט 48 יאָר, איידער צו מענדעלען, וועלכער איז פון אים געווען עלטער בלויז מיט 20 יאָר...

דאָס איז געווען די סיבה פון זײַן צוזאַמענשטויס איבער מענדעלען, דעם גרונטלייגער פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות פון דעם לאַנגיאָריקן ברוגז צווישן אים און שלום עליכמען.

*

דער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען איבער דינעזאָנס אָפּהאַנדלונג „די יודישע שפּראַכע אונ איהרע שרײַבער". דאָס איז געווען אַן איבערבליק וועגן אַמאָל, הײַנט און אַן אַרויסקוק אויף להבא.

„אונדזער יידיש־דײַטש — שרײַבט דינעזאָן אין 1887 — האָט פּונקט דעם פאַרקערטן מזל פון דער שפה העבריה. ווערנד לשון הקודש שרײַבט מען און מען איז מכוון, עס זאָלן די ספרים און מאמרים לעזן נור העברייער, נור אַזעלכע שרײַבער און משכילים ווי דער בעל מחבר זעלבסט, איז יודיש־דײַטש אַקוראַט דער היפוך, קיין שרײַבער קלערט גאָר ניט, צי אַזוי צי אַנדערש, אַז אים ער־וואַרט אַ כבוד אָדער אַ חרפה פון ערגעץ אַ צווייטן שרײַבער, וועלכער עס וועט אים אין זײַן ספר קריטיקירן. און באמת לעזט דער שרײַבער פון יודיש־לשון ווייניקער אין דער שפּראַכע ווי אַלע אַנדערע, און איך אַליין בין אין דעם היג־זיכט ביז איצט ניט בעסער געווען אַלס איין אַנדערער. על כן פעלן מיר פּשוט די ידיעות צו וויסן אַקוראַט, וועלכע גוטע ספרים זײַנען אין די לעצטע עטלעכע יאָר אַרויס אין דער שפּראַכע, וואָס זײַנען ראוי און ווערט צו לעזן און קריטי־קירן".

און אַט אַזוי ווי ער איז זיך מתוודה, דערציילט ער פון זײַנע אַנטוישונגען, וואָס ער האָט געהאַט בײַ די פּאַקנטרעגערס. „האָב איך איינגעזען — קומט ער צום אויספיר — אַז זיי זײַנען אונטער דעם ווערט פון קריטיק".

נאָר נישט בלויז זייערע ביכלעך האָבן אים נעערגערט, ווײַל „זיי זײַנען

אונטער דער ווערט פון קריטיק". פארדראָס האָט בײַ אים אַרויסגערופן אויך — מענדעלע מוכר ספרים...

— „הער אַבראַמאָוויטש — שרײַבט דינעזאָן — וועט קיין פאריבל נישט האָבן, אז איך ערלויב זיך אָפן צו זאָגן... אויב זײַן צוועק איז ווירקלעך געווען באַקאַנט צו מאַכן דעם ייִדן מיט זײַנע איצטיקע צרות און צוררים, ווי מען קען מיינען לייענענדיק „די קליאַטשע", אָדער אים צו באַזינגען און ערציילן מיט טרערן אין די אויגן זײַן היסטאָרישע מאַרטירער־געשיכטע, און אים דעם מוט געבן ווײַטער צו דולדן און ווײַטער צו לײַדן פיר זײַן הייליקער אמונה, ווי יעדער פאַרשטענדיקער לעזער קען פון דעם „יודעל" אַרויסזען, אויב דאָס איז געווען זײַן צוועק, האָט ה' אַבראַמאָוויטש במחילת כבודו געאַרבייטעט אומזאָנסט, דען דאָס פאָלק איז נאָך אין זײַן בילדונג צו דער ענטוויקלונג ניט געקומען אום עס צו פערשטייהען און וואָס דערפון צו לערנען. אויב דיביידע ספרים, „די קליאַטשע" און „יודעל", האָבן זיך אַ באַרימטן נאָמען געמאַכט, איז דער נאָמען ניט פון דעם המון, אָבער נור פון זײַנע חברים, די משכילים און מחברים אין לשון־הקודש. דאָס פאָלק קויפט זיי ניט און לעזט ניט, און זעלבסט ווען מען לעזט אים פאָר, פאַרשטייט איינער פון טויזנט וואָס דאַרין האַנדלט זיך. און איך גלייב ניט, אויב ה' אַבראַמאָוויטש איז געווען אַזוי פאַרנאַרט צו גלייבן, דאַן ווען ער האָט די ספרים געשריבן, אַז ער שרײַבט עס פאַר דעם המון און דער המון וועט זיי פאַרשטיין. בלײַבט מיר אַלזאָ די פראַגע: פאַר וועמען האָט ער „די קליאַטשע" און „יודעל" געשריבן אין זשאַרגאָן? איבערהויפּט באַמערק איך לפי ראות עיני ורגש לבבי, אַז ה' אַבראַמאָוויטש האָט אויפגעהערט, באַלד נאָך זײַן ערשטן טריומף פון דער „טאַקסע", ערנסט צו זײַן אין זײַן שרײַבן יודיש־דײַטש און ערנסט צו דענקען פון דעם לשון זעלבסט. אין אַלע זײַנע לעצטע ווערקע איז דער הומאָר און סאַטירע צופיל און צו דיק אײַנגעוויקלט אין אײַנפאַכע און אָפט ניט נייטיקע און ניט גאָר וויציקע ליצנות, וועלכע עס פאַרשטעלן דעם טראָפּן מוסר און דעת. און ווען איך לעזע זײַנע לעצטע יודיש־דײַטשע ווערקע, ווי למשל „מסעות בנימין השלישי", בעקאָם איך אַ געפיל, ווי דער מחבר שפּילט זיך און מאַכט קונסט געבערכצע, און שפּאָט און לאַכט; און טאַנצט אויף אַ שטריק פיר זײַנע חברים און מחברים זעלבסט, און בעקימערט זיך ווייניק אום דעם פאָלק וואָס נוצן צו ברענגען זעלבסט אין דער שפּראַכע און אויסדריקע פון דעם יודיש־לשון. ווייס איך ניט, ווי זיך צו ערקלערן די אַרט און ווײַזע, ווי ער געברויכט אים. איך גלייב ניט, ער זאָל אַזוי פּעדאַנטיש זײַן און האַלטן דעם לשון אַלס איינע געשטעלטע שפּראַכע, וואָס יעדעס וואָרט האָט איר שורש און מקור אין דער שפּראַכע זעלבסט, און ער איז פיר די שרשים און

מקורים אָסור פיל אײַנגענומען, אַז אַלץ וואָס ער געפינט ניט אין זיי, איז ניט הייליק און ניט גוט צו געברויכן, און שרײַבט דאַריבער ריין יודיש. ווי מאַנכער העברייער, אַ פּעדאַנט, שרײַבט און וויל אַז אַנדערע זאָלן אויך שרײַבן נור ריין ביבליש, אָדער ער איז לכתחילה דעם זשאַרגאָן אַ פּײַנט, און וויל אים אונטער־גראָבן, בכדי אַרויסצושטעלן זײַן פּראַקטקייט און פערדאָרבנהייט, ער זאָל זיך שעמען פאַר לײַטן. איך ערלויבע זיך — האָט דינעזאָן אויסגעפירט — אים דיזע פּאָרווירפע צו מאַכן, ווײַל איך אַכטע זײַן טאַלענט און וויסן מער, אומצייליק מאָל מער, אַלס יעדן אַנדערן הײַנטמאָדישן זשאַרגאָנישן מחבר. פיליכט וועט ער אַלס זעעלן־קענער אויך ערקענען דאָס געפיל, וואָס זײַנע לעצטע ווערקע האָבן געמאַכט אין הערצן פון דעם, וואָס מיינט ערנסט מיט זײַן יודיש שרײַבן, דעם פאָלק וואָס שיינעס און נוציקעס צו געבן" (41).

ווי מיר זעען, איז דינעזאָן, וועלכער האָט אָנטקעגן גרעצן זיך אַרויסגע־שטעלט ווי אַ פאַנאַטישער חובב ייִדיש, מאָדערן שבמאָדערן, דערשינען גאָר ווי אַן אַלטמאָדישער אָנטקעגן דעם גרונטלייגער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים.

דערפאַר איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס שלום עליכמס „פאָלקס־ביבליאָ־טהעק" האָט אין אַ פּאָלעמישן אַרטיקל אויסגעלאַכט דינעזאָנס מיינונגען, בפרט נאָך אַז זיי זײַנען געווען געדרוקט אין „הויז־פרײַנד", וואָס האָט געהאַט פאַר רעדאַקטאָר ספּעקטאָרן, און מיט ספּעקטאָרן איז דעמאָלט ש"ע געווען אין שלעכטע באַציִונגען איבער „יודישעם פאָלקס־בלאַט"...

דינעזאָן, אַריינקומענדיק צווישן אונדזערע קלאַסיקערס, איז פון אָנהייב גע־ווען צעטומלט.

ער איז פון איין וועלט אַוועק, אָבער צו דער אַנדערער נאָך נישט דערגאַנ־גען.

*

פאַראַן אין דעם צוזאַמענשטויס צווישן דינעזאָנען און שלום עליכמען — איבער מענדעלען, אין 1887־1888 — עטלעכע מאָמענטן, וועלכע זײַנען מעשי־קאָווע פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. קוריאָזן. סתירות.

דינעזאָן שטעלט זיך אײַן פאַר ייִדיש, נאָר באַנעמט נישט, ווי וויכטיק עס

---

41) „הויז־פרײַנד", היסטאָריש־ליטעראַריש זאַמלבוך, וואַרשע 1887, בוך 1, זזי 9—12.

איז, טאקע צוליב זײַן אײַנשטעלן זיך פאר יידיש, צו שאפן עכט־קינסטלערישע ליטעראַטור פון א הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ.

שלום עליכמס זאמלבוך אַטאַקירט דערפאר דינעזאָנען אין דער קריטיק אױ־בער ספעקטאָרס „הויז־פרײַנד" און באוווּנדערט מענדעלען. אָבער גלײַכצײַטיק רעדט דער קריטיקער וועגן דער שעפערישקייט אויף יידיש ווי וועגן א מלאכה פארן המון, באשר „ווירקן אויף דעם המון קענן מען אָם בעסטען נור מיט דער איינפאַכען יודישען שפּראַכע" . . . (42).

דינעזאָן, וועלכער פארשטייט נישט הלמאי אזא למדן און קינסטלער ווי מענדעלע שרײַבט אויף יידיש, און אים ווײַזט זיך אויס, אז ער וואָלט עס בעסער באדאַרפט טאָן אויף העברעיש, רעדט פון דעסטוועגן פון אַלט־יידיש און אַלט־יידישער ליטעראַטור, אונטערשטרײַכנדיק אזוי אַרום, אז די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור האָט א טראַדיציע פון הונדערטער יאָרן. ער פאררופט זיך דערבײַ אויף אליה בחור און זײַן „בבא־בוך".

אין דער זעלביקער צײַט קומט דער קריטיקער אין דעם זאמלבוך, וואָס עס רעדאַקטירט מענדעלעס הייסטער חסיד, שלום עליכם, און אַטאַקירט ביטער די־נעזאָנען פאר זײַן נישט באגרייפן מענדעלעס ראָלע אין דער יידישער ליטעראַ־טור, נאָר אליין קען ער נישט די אַלטע טראַדיציע פון יידיש און איר ליטעראַ־טור, והאָ ראיה, ער קען נישט פארשטיין ,פון וואנען האָט דינעזאָן עס גענומען, אז אליה בחור איז דער מחבר פון „בבא־בוך"...

די סתירות שרײַען־אַרויס.

סתירות זײַנען אין יענער עפּאָכע געווען נאָרמאַלע דערשײַנונגען.

*

איז אויך אין די באציִונגען צווישן שלום עליכמען און דינעזאָנען עפּעס אומקלאָר.

ש"ע שרײַבט צו אים הארציקע בריוו, נאָר פארגינט זיך אים צו זאָגן, צען יאָר נאָך דעם ווי זײַן „שווארצער יונגערמאנטשיק" איז געווען דאָס געלייענטסטע בוך אין יענער צײַט, אז „איך האָב אײַערם נאָך גאָר נישט געלעזן"... פון דובנאָווס זכרונות דערווייסן מיר זיך אָבער, אז „שלום עליכם האָט חוזק געמאַכט

---

42) „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", באַנד 1, געדרוקט אין בערדיטשעוו און אַרויסגעגעבן אין קיִעוו, 1888. די קריטיק חתמהט: רבי קצין, וועלכער האָט א לאַנגע קריטיק אין 2טן באַנד וועגן מענדעלעס „קליאַטשע".

פון דעם „ווייטעגדיקן פילאָסאָף" — דינעזאָן", והא ראיה, „ער האָט מיר אין יענער צײַט דערציילט, אַז אַבראַמאָוויטש־מענדעלע, נאָכדעם ווי ער האָט איבער־געלייענט דינעזאָנס ראָמאַן, האָט אויסגערופן: „פּיצעלע, וואָס ווייסטו! ברע־קעלע, וואָס ווייסטו? " (אַן אָנצוהערעניש אויף דינעזאָנס קליינעם וווּקס)".
דובנאָוו באַמערקט דערבײַ: „אפשר האָט דאָס גלײַכווערטל געשאַפן שלום עליכם אין אַ געשפּרעך מיט מענדעלען". און ער איז מוסיף, דובנאָוו: „איך האָב גע־האַלטן, אַז אויסלאַכן דינעזאָנען, וואָס האָט געשריבן זײַן ווערק מיט האַרץ, איז אַ גרויסע ,עוולה" (43).

דאָס באַציט זיך צום יאָר 1890, ווען דינעזאָן איז אַרויס מיט זײַן „אבן נגף", און דאָס איז מסתמא די סיבה, פאַרוואָס עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער בריוויטויש צווישן שלום עליכמען און דינעזאָנען. קען מען די דאָזיקע סיבה, פאַלט־אַוועק די פראַגע: „זאָל עס מעגלעך זײַן, אַז פאַר 10 יאָר האָבן זיך שלום עליכם מיט דינעזאָנען נישט איבערגעשריבן ? " (44). אוודאי איז דאָס מעגלעך.
דער ערשטער בריוו, שלום עליכמס, פון דער באַנײַטער קאָרעספּאָנדענץ, איז נישט מער ווי אַ באַשטעטיקונג אויף דעם, וואָס דובנאָוו דערציילט. „צווישן אונדז, ווי עס ווײַזט אויס, — הייבט־אָן ש"ע זײַן בריוו אין 1900 —, איז דורכ־געלאָפן נישט קיין קאַץ, נאָר אַ קאָטער. איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין פאַרוואָס איר האָט זיך פון מיר דערווײַטערט און באַהאַלטן די גאַנצע צײַט". און נאָכן פאַררופן זיך אויף אַ ריי ענינים אין שײַכות מיט פּרצן, מיט וועמען ער איז גע־ווען שטאַרק מחולק זינט „מאָניש" און געהאַט שאַרפע איבעררײַדן האָט ש"ע ענדלעך געהאַלטן פאַר נייטיק אויסצודריקן זײַן מײַנונג: „בכלל באַדאַרף איך אײַך זאָגן, אַז דאָס איצטיקע שרײַבן אײַערס געפעלט מיר בעסער אַלס דאָס פריהריגע; דאָרט איז געווען צופיעל טרעהרען. איך זאָג אײַך דעם אמת. — בײַ מיר ליגן אַ 40 אָדער 50 בריוולעך אײַערע, וועלכע זענען געבונדן אינאיינעם מיט די בריוו־לעך פון די נאָהינטע און בעסטע פרײַנד מײַנע; דאָרטען האָט איהר מעהר גע־האַלטן פון מיר, אַ סך מעהר!" (45).

דאָס איז געווען אין 1900, גלײַך נאָכן דערשײַנען פון דינעזאָנס „יאָסעלע" (1899), וועגן וועלכן ש"ע שרײַבט, טאַקע אין דעם־אַ בריוו: „געהערט האָב איך, אַז ס'איז אַ וואָהלע זאַך". פון דער זעלביקער צײַט שרײַבט דובנאָוו: „איך האָב

43) „פון „זשאַרגאָן" צו ייִדיש", זז' 29—30.
44) נחמן מײַזיל — „שלום עליכמס בריוו צו יעקב דינעזאָן", אין „ייִוואָ־בלעטער", ווילנע, 1932, באַנד 3, נ' 4־5, ז' 347.
45) ד"ז, זז' 347—349.

באַוויזן דאָס נײַע ווערק מענדעלען, און ער האָט אויך מודה געווען, אַז דאָ איז עפּעס פֿאַראַן, וואָס קאָן ווירקן אויך אויף דעם מאָדערנעם לעזער" (46).

לאָמיר אונטערשטרײַכן די ווערטער:

— „מודה געווען"...

פֿאַרוואָס עפּעס „מודה געווען"?

*

דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דינעזאָנס דערנענטערונג צו י. ל. פּרצן.

אַ דאַנק פּרצן האָבן אונדזערע גרעסטע וואָרטמײַסטערס דערזען, וואָס די־נעזאָן קען ווערן.

אין פּרצעס סביבה האָט דינעזאָן זיך מאָדערניזירט.

וואָס דינעזאָן האָט, זוכנדיק, ניט געפֿונען בײַ שלום עליכמען און מענדעלען, דאָס האָט ער, ניט זוכנדיק, געפֿונען בײַ פּרצן.

---

46) „פֿון „זשאַרגאָן" צו ייִדיש", ז׳ 31.

די נייע ווענדונג דורך „הערשעלע״ און „יאָסעלע״

דינעזאָנס עליה אין פּרצעס סביבה. — מאָדערניזירט. — פאַרלעגער פון „בעקענטע בילדער״, וואָס זיינען אַ קוריאָז פאַר בוכהענדלערס. — מיטרעדאַקטאָר פון „יודישע ביבליאָטעק״. — באַפרייט פון אַלטע שוואַכקייטן. — אָן צוויי טיטלען און אָן אַ פּסוק. — „הערשעלע״, אַ ראָמאַן פון קלאַסן, וואָס פורעמען זיך אויס. — בריינדעלע, מירעלע, דער גבאי, דער מסור. — ווי דער קצב און רב זוכן פאַר די טעכטער חתנים. — דער אַנאָנימער עולם ענטפערט נישט קיין אָמן. — ספרים וואָס וועקן די יוגנט און יוגנט וואָס האָט קיין כוח נישט צו רעבעלירן — דער געשמידטער אין קייטן דורך פאַרהויכטע פענצטער. — „איין גאָט האָט געמעגט זיין עלנט צוזען!״. — דער באַלעבאַטישער אָנקלאָגער קעגן אַלטן חדר. — שריפטשטעלעריש אַנשטאָט בריוו-טאָן. — דערנענטערט צו מענדעלעס שול. — מאַטעריעלער דלות און גייסטיקער דלות אין „יאָסעלע״. — אורטיילן על פּי פאָראורטיילן. — דעם מלמדס דיאַלעקטיק און דעם יתומס צער. — צוויי מאַמעס: די נגידישע שיינדעלע און די ערלעך־פאַרצאָגטע כיענע. — ר׳ שואל שוחט און יונה וואַסערטרעגער: די טויבן. — יאָסעלע, „אַ קליין קדושל פאַר פרעמדע זינד״. — דערציערישע און סאָציאַלע שטאַנדפּונקטן. — „יאָסעלע״, אַ קלאַסיש ווערק אין דער ליטעראַטור און פאַר דער שול.

דורך זיין באַפריינדן זיך מיט פּרצן איז דינעזאָן נתעלה געוואָרן. ביים אָנהייב ליטעראַריש, נאָך דעם געזעלשאַפטלעך.

שוין אין זיין ראָמאַן „הערשעלע״, פאַרעפנטלעכט אין 1891 אין וואַרשע, זעט מען אַ מאָדערניזירטן דינעזאָן.

אין 1899, אין „יאָסעלע״, איז די פאַרענדערונג שוין גאָר אַ גרויסע. אין דעם דאָזיקן ווערק דערשיינט דינעזאָן אַזוי, אַז אַפילו יענע פיינשמעקערס, וועלכע האָבן פריער פון אים געטריבן לצנות פאַר זיין איבערגעטריבענעם סענטימענטאַליזם, האָבן גאַנץ אַנדערש גענומען קוקן אויפן מחבר. און „יאָסעלע״

איז טאַקע מיט דער צײַט אָנערקענט געוואָרן ווי אַ קלאַסיש ווערק פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור, וואָס האַלט־אויס די פּראָבע פון צײַט.

*

אינטערעסאַנט, אַז „מאָניש", פּרצעס ערשטע ליטעראַרישע שאַפונג, וואָס איז געווען דער מאָטיוו פון פײַנלעכן צוזאַמענשטויס צווישן אים און זײַן רע־דאַקטאָר, שלום עליכם, איז געווען די וויזיט־קאַרטע, וואָס האָט אים באַקענט מיט דינעזאָנען. און עס איז מערקווירדיק, אַז „מאָניש", וואָס איז פאַר דעם מאָ־דערנעם הומאָריסט פון דער ייִדישער ליטעראַטור סוף 19טן יאָרהונדערט געווען צו־מאָדערן, איז גראָד פאַר דעם אַלטמאָדישן יעקב דינעזאָן געווען אַ קוואַל פון באַגײַסטערונג.

ווי ציטראָן דערציילט, האָט פּרץ אים צוגעשיקט פון זאַמאָשטש אַ העפטל קורצע דערציילונגען. אַז מ'האָט זיי פאָרגעלייענט פאַר אַ קרײַז שרײַבערס, זײַנען אַלע געווען אַנטציקט. אָבער ווען מ'האָט געפּרוווט ריידן מיט אַ פאַרלעגער, איז נישט געווען מיט וועמען צו האַנדלען. אַפילו אָן האָנאָראַר האָט קיינער דאָס נישט געוואָלט דרוקן. פאַרלעגערס האָבן געשמייכלט: אויך מיר דערציילונגען! „אַן ערציילונג פון אַ בלעטל, אַן ערציילונג גאָר פון אַ האַלבן בלעטל, עפּעס „קיִי און שפּיִי"... אַז זיי זײַנען געווען „בעלנים נאָר אויף גראָבע, דיק־בײַכיקע דערציילונגען אַ לאַ שמ"ר, בוכבינדער" (47). האָבן שרײַבערס זיך אײַנגע־שפּאַרט, פאַרט צו געפינען ווי ס'ניט איז אַ פאַרלעגער. דינעזאָן איז געווען איי־נער פון די זוכערס און — ער האָט געפונען. ער אַליין האָט די דערציילונגען אָפּגעדרוקט און די גאַנצע אויפלאַגע אַרײַנגעשיקט צו פּרצן. דאָס איז געווען אין 1890. דאָס איז געווען פּרצעס ערשט בוך אין ייִדיש: „בילדער פון לעבן" (48).

וואָרשײַנלעך, אַז אין פאַרבינדונג מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן די קאָ־רעספּאָנדענץ צווישן דינעזאָנען און פּרצן. אויפן ערשטן בריוו (וואָס איז עד היום נישט פאַרעפנטלעכט און נישט באַקאַנט) האָט פּרץ אָפּגעענטפערט דעם 24סטן פעברואַר 1889, פון זאַמאָשטש, דאַנקענדיק פאַר די לויבווערטער און

47) „דרײַ ליטעראַרישע דורות", זזי 93—94.

48) „בעקענטע בילדער פון לעבן פּרץ, הערויסגעגעבען דורך י. דינעזאָן" מיט „איייניגע ווארטער פונים הערויסגעבער". דאָרטן זײַנען געווען דער־ציילונגען, וועלכע האָבן פּרצן געשאַפן אַ וועלט־נאָמען, ווי „דער משו־געגער בטלן", „דער משולח" א"א.

אָנפרעגנדיק (אויף לשון קודש): „צי דאָס ביסטו עס, מײַן האַר, דער מחבר פון „הנאהבים והנעימים" און „קרעפּלעך זאָלסטו עסן", וואָס די דאָזיקע לעצטע דערציילונג האָט דינעזאָן געדרוקט אין דעם זעלביקן 1טן באַנד „יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק" פון 1888, ווו ס'איז געווען פאַרעפנטלעכט פּרצעס „מאָניש" (49). עס דויערט נישט לאַנג, ווי פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ וואַקסט־אַרויס אַזאַ פרײַנדשאַפט און קעגנזײַטיקע צוזאַמענאַרבעט, וואָס איז עד־היום אַ רעטעניש. אַזעלכע קעגנזעצלעכע נאַטורן, פון אַזעלכע קעגנזעצלעכע שרײַבערישע טראַדיציעס, און פון דעסטוועגן האָבן זיי אַזוי שנעל געפונען געמיינזאַמע וועגן פאַר צוזאַמענאַרבעט. זיי רײדן זיך צונויף וועגן רעדאַקטירן און אַרויסגעבן בשותפות זאַמלביכער און שוין אין 1891 דערשײַנט דער ערשטער באַנד פון „יודישע ביבליאָטעק", און באַלד קומט דער צווייטער באַנד, אין וועלכן דינעזאָן דרוקט זײַן ראָמאַן „הערשעלע", וואָס דערשײַנט אין דעם זעלביקן יאָר אין אַ באַזונדער אויסגאַבע. פּרץ איז דער טאָנגעבער אין דער ליטעראַרישער סטרוקטור פון די זאַמלביכער, דער אַרויסרופער פון יונגע שרײַבערס; און דינעזאָן נעמט אויף זיך אוודאי בעיקר די זאָרג פאַר דער פינאַנצירונג און פאַרבינדונג, איז דער ראָטגעבער און דער דורכפירער פון די געמיינזאַמע פּלענער, ווי דאָס איז שפּעטער בײַ זיי אײַנגעשטעלט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן, אַפילו ווען דינעזאָנס נאָמען איז נישט געווען אונטערגעשריבן...

פּרץ, דער מאָדערניסט, האָט פאַרכאַפּט דינעזאָנען, דעם שרײַבער פון אַלטע נוסחאות. און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק גלײַך אין דעם ערשטן ראָמאַן, פאַרעפנטלעכט אין די ערשטע יאָרן פון זײַן באַפרײַנדן זיך מיט פּרצן.

*

קודם באַפרײַט זיך דינעזאָן אין זײַן ראָמאַן „הערשעלע" פון דער שוואַכקייט אָנצורופן זײַנע ווערק מיט צוויי טיטלען און מיט אַן „אָדער" אין מיטן. מיט די צוויי טיטלען האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער האַלט פון פּסוקים, און אַז צוערשט גייט דער לשון קודשדיקער פּסוק און נאָך דעם — יידיש... „הנאהבים והנעימים" אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" (50). „אבן נגף

---

49) „בריוו און רעדעס" פון י. ל. פּרץ מיט אַרײַנפירן און באַמערקונגען פון נחמן מײַזיל, ווילנע 1929, ז' 36.

50) פון „שמואל ב'", א': „שאול ויהונתן הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו" (שאול און יהונתן, די באַליבטע און ליבע אין זייער

אָדער אַ שטיין אין וועג" (51). מיט די פּסוקים, אַרויסגענומענע פון תנ"ך, האָט דער מחבר, אַ פּנים, געהאַט די כוונה צו פאַרענטפערן זיך פאַר די דאָזיקע, צו וועלכע ער האָט געוואָלט געהערן, אַז אויב ער שרײַבט זשאַרגאָן, זאָל מען נישט מיינען, אַז דאָס פאַרנעמט בײַ אים דעם אויבנאָן... דאָס שרײַבט ער נאָר פאַרן „המון עם", נישט פאַר זײַנס גלייכן...

דינעזאָנס ראָמאַן פון 1891 טראָגט נאָר איין טיטל: „הערשעלע". נישטאָ אויך קיין מאָטאָ ווי פאַר אַ פאַרענטפערונג.

אין „הערשעלע" זײַנען שוין אויך אָפּגעשוואַכט די גרונטיקע פעלערן פון דינעזאָנס פריִערדיקע ראָמאַנען. דער סענטימענטאַלער שטייגער האַלט־אָן, אָבער שוין נישט אַזוי צעפלאָסן און צעגאָסן, נישט אַזוי צעצויגן און איבערגעטריבן. די דיאַלאָגן זײַנען קירצערע. די האַנדלונג מער קאָנצענטרירט. די שילדערונגען בולטערע. די טיפּן נאַטירלעכערע. אויך דער לשון איז מאָדערניזירט: דינעזאָן באַפרײַט זיך פון רוסיציזמען און דײַטשמערישקײַטן.

חוץ טיפּן, כאַראַקטערס, געשטאַלטן האָט דינעזאָן אַריינגעפירט אין „הער־שעלע" שטייגער־בילדער. צום ערשטן מאָל אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווערט געשילדערט די ראָלע פון טעאַטער אינעם ייִדישן לעבן. דאָס בילד פון פאָלק־שפּיל „מכירת יוסף", אויפגעפירט פון ישיבה־בחורים, ווײַזט נישט בלויז ווי מ'האָט אַמאָל געשפּילט טעאַטער, נאָר אויך ווי אַזוי דער עולם נעמט עס אויף. חוץ אַ רירנדיקע באַשרײַבונג איז דאָס אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון ייִדישער טעאַטער־טראַדיציע, אַ צושטײַער פאַר אונדזער קולטור־געשיכטע.

*

אויב „אבן נגף" איז אַ פאַמיליע־ראָמאַן אויף דער קאַנווע פון דער עפּאָכע, וואָס ווײַזט די הינטערקוליסן פון קאַמף צווישן חסידים און משכּילים, ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ משפחה, איז „הערשעלע" אַ ראָמאַן אָנגע־

לעבן, צומאָל אין זייער טויט האָבן זיי זיך נישט צעשיידט — איבערגע־זעצט פון יהואָש).

51) פון „ישעיה", ח׳: „והיה למקדש ולאבן נגף ולצור מכשול לשני בתי ישראל". (און ער וועט זײַן פאַר אַ הייליקטום, אָבער אויך פאַר אַ שטיין פון אָנשטויסונג, און פאַר אַ פעלדז פון שטרויכלונג, פאַר ביידע הײַזער פון ישראל — איבי יהואָש).

ברענט פון די קאמפן צווישן קלאסן. וואלט דינעזאן נישט געווען אזא סענטי־מענטאלער, וואלט פון „הערשעלע" געווען א ביטער געשריי פון קלאסנקאמף...

בריינדעלע, די אלמנה און גבירהטע, האט ביז גאר הנאה, וואס איר אויפ־געקלערטע טאכטער, די שיינע און צארטע מירל, האט אזא גוטן לערער, ווי עס איז דער ישיבה־בחור הערשעלע. עס קען איר גאר נישט איינפאלן, אז דער דא־זיקער ארעמער בחור זאל זיך דערוועגן צו טראכטן וועגן מירעלען ווי וועגן זיינס גלייכן. ווי קומט אזא קבצן צו אזא נגידישער טאכטער? כאטש ער איז איר לערער און בריינדעלע האלט פון אים א וועלט, דאך גיט מען אים דעם „טאג" עסן — אין קיך, זייט ביי זייט מיט דער קעכנע... אויב מ'נעמט אים אריין אויך עסן „ווי א מענטש", איז דאס נאר א דאנק דער אויפגעקלערטער מירל. ס'הייסט: אז מ'איז אויפגעקלערט, איז מען שוין מער מענטש... קען מען לייענען אין פרעמדע שפראכן די ביכער פון גרויסע שרייבערס, איז מען, הייסט עס, שוין פעיק צו זיין גערעכט... דא האבן מיר די אמאליקע שטאנד־פונקטן וועגן בילדונג: נאר פון עם־הארצות און אלטפרענקישקייט, האט מען געמיינט, קומען די מערסטע אומרעכטן, און בילדונג וועט „ממילא" שוין ברענ־גען יושר אויף דער וועלט...

מירעלעס פעטער, א גבאי און א גביר, גייט נאך ווייטער פון בריינדעלען. פאר אים איז אזוי נאטירלעך, אז ער טאר נישט אריינלאזן אין דער משפחה דעם קבצן, כאטש ער איז אן איידעלער ישיבה־בחור, אז ער טראכט אפילו נישט אי־בער, צי ער מעג זיך באניצן מיט מסירה. ווי נאר ער דערזעט אין גאס דעם אים־פראווניק, גיט ער אים באלד א שטעל־אפ און טראגט־אונטער „וואס מען דארף". איי, אזא מסירה שטעלט־אוועק אין דער גרעסטער סכנה דעם בית־מדרש, ווו הערשעלע לערנט, און אלע ישיבה־בחורים ווערן ארעסטירט? מירעלעס פעטער ווערט נישט נתפעל. ער איז דער תקיף, מיט די גראבע שטריכן פון אזא גביר, פאר וועמען אלע מיטלען זיינען כשר, אבי צו דערגרייכן, וואס ער פארפאלגט.

אנדערש איז אבער דער יידישער כלל. „צום דאווענען — דערציילט דינע־זאן — האט דער בית־המדרש געקאכט; מ'האט פון חזן א ווארט נישט געקאנט הערן. אומזיסט האט דער גבאי, מירעלעס פעטער, צו חזרת הש"ץ געקלאפט אויף זיין שטענדער. דער עולם האט נישט אויפגעהערט צו ריידן, און אויסער דעם גבאי אליין האט קיינער אפילו קיין אמן נישט געענטפערט" (52).

דער עולם, אין כלל גענומען, איז בעסער, מענטשלעכער. דינעזאן, וועלכער

---

52) ז' 169, אויסגאבע פון פילאדעלפיער „מארגען־זשורנאל" (איבערגע־דרוקט פון מאטריצן, אן א דאטע).

האָט געוויזן מענטשן, וואָס זײַנען געווען אײַנגעגלויבט, אַז אַבי מ׳וועט קענען לייענען נײַע ביכלעך, וועלן די שלעכטע מענטשן ווערן גוטע, האָט אויך געוויזן, ווי אַנדערע פּאַרשטייען, אַז קענען איז נאָך נישט אַלץ. פון קענען גוטסקײַט ביז וועלן זײַן גוט איז בײַ אַ סך אַ גרויסער מהלך. דעריבער איז פון קאַרדינאַ־לער וויכטיקײַט דער ניוואָ פון די גײַסטיקע כוחות אין מענטשן. געוויסן און מאָראַל זײַנען וויכטיקער פון קענטעניש.

„הער־זשע — שמועסט זיך דורך איין ישיבה־בחור מיטן אַנדערן — זײַ ווייסן, אַז די ספרימלעך זײַנען נאָר גוט אויפצוּוועקן אַ שלאָפנדיקן, אָבער זיי האָבן נאָך נישט אין זיך די סגולה דעם אויפגעוואַכטן כוח צו געבן, אַליין אויף די פיס צו שטעלן ! . . . אמת, איך האָב אַ ידיעה אין אַלץ, אָבער קענען קען איך גאָר נישט! מײַן גאַנץ לעבן איז אָן אַ סדר און מײַן לערנען איז אויך אָן אַ סדר. איך קוק אָפט אויף זיך ווי אויף איינעם וואָס איז אין אַ זומפּ פאַרקראָכן, ער שטייט און זינקט וואָס אַ שעה אַלץ טיפער, און האָט אין זיך קיין מוט נישט זײַנע כוחות צו פּרוּוון זיך אַליין אַרויסצוראַטעווען. — נישטאָ אין מיר די כּו־חות זיך אַרויסצורײַסן . . . פאַרפאַלן ! איך וועל שוין בלײַבן אַ מלמד, אַן אָרע־מאַן, אַ קאַליקע״ (53).

דינעזאָן האָט אין „הערשעלע״ פאַרגעשטעלט דעם געראַנגל צווישן די איי־דעלע מענטשן און די פאַרגרעבטע, צווישן די פאַרחלומטע און פאַרדאַרבענע, צווישן אָרעם און רײַך, צווישן לומדים און עמי־הארצים.

*

פאַראַן אין „הערשעלע״ צוויי טיפּן טאַטעס, וואָס ווערן געשילדערט פּאָל־בלוטיק ווי קאָנטראַסטן, אָבער נישט געקוקט אויף זייערע פאַרשיידענע מידות, מאַנירן און פירונגען קומען־אַרויס די זעלביקע אינטערעסן פון אַלע עלטערן, וועלכע האָבן אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן. אָט איז דער ראש־ישיבה, וואָס האָט אַן אויסגעצבלייכט טעכטערל, רבקה; און ברוך קצב האָט אויך אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן, די צעוואַקסענע און דיקע שרה־פייגע. דער קצב מיטן ווײַב פּאַשען הערשעלען און זײַנען זיכער, אַז וואָס מער זיי וועלן אים געבן זיך אָנצועסן, אַלץ מער האָבן זיי אויף אים אַ רעכט, אַז ער זאָל נעמען זייער טאָכטער פאַר אַ ווײַב. זיי זײַנען אים גרייט צו׳געבן „טעג״ אַ גאַנצע וואָך — מיט וואָס קענען זיי אים נאָך צוציִען ? און כדי זיך צו פאַרזיכערן, פאַלט־אײַן דעם קצב צו נע־

---

53) ז׳ 119.

מען צו הילף דעם ראש־ישיבה, ער זאָל אַ רייד טאָן מיט הערשעלען. רעדט דער איידעלער ראש־ישיבה, נאָר אין מיטן ריידן גיט אַלע מאָל אַ קום אַרײַן זײַן טעכ־טערל, דערלאַנגט טיי, דערלאַנגט צובײַסן און גיט זיך אַזוי אַ דריי, אַז הערשעלע זאָל זי באַמערקן... און דער ראש־ישיבה פאַרגעסט דערווײַל צו ריידן וועגן קצב און זײַן טאָכטער... טאַקע אַ למדן, טאַקע אַן איידעלער ראש־ישיבה, אָבער אַ טאַטע איז אַ טאַטע!

דינעזאָן שילדערט מיט אַ באַזונדער הנאה דעם פּרימיטיוון עולם און זײַן אופן פון אויפנעמען און רעאַגירן. „כאָטש דער עולם האָט זיכער געוווּסט — דערציילט ער בײַם פאָרשטעלן, ווי עס איז געשפּילט געוואָרן „מכירת יוסף" — אַז דער בור (גרוב—ר.) דאָ אויף דער בינע איז נאָר אַ קאַסטן אָן אַ דעק, נישט נאָר אָן וואַסער, אַפילו אָן עקדישן און שלאַנגען אויך, פון דעסטוועגן האָבן פיל „אוי" אַ געשריי געטאָן פון שרעק, ווען די ברידער האָבן דעם עלנטן הערשעלע אין דעם קאַסטן אַרײַנגעשטויסן. אויך מירעלע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרצן און שיעור נישט אַ געשריי געטאָן פון ווייטיק... אויף אַלעמען איז גע־לעגן אַ פרעסנדער אַנגסט" (54).

עס איז רירנדיק דאָס בילד, וואָס דינעזאָן מאָלט, ווי מ׳פירט איבערן שטעטל הערשעלען אַ געשמידטן און ווי מירעלע, דאָס ראָמאַנטישע מיידל מיטן גלאַנץ פון בילדונג, אַ מיידל פון אַ קליינעם שטעטל וואָס וואָלט זיך געקאָנט געפינען אַ פּלאַץ אין אַ שטאָטישן סאַלאָן, קוקט דורך די פאַרהויכטע שויבן, ווי איר געליבטער ווערט פון איר ברוטאַל דערווײַטערט.

דינעזאָן, דער סענטימענטאַלער, זיסלעכער ראָמאַניסט, קען זיך פאָרט נישט באַהערשן. זײַן סוף פּסוק איז דערפאַר: „איין גאָט האָט געמעגט זײַן עלנט צוזען!" (55).

*

דאָס דאָזיקע געפיל, מיט וועלכן דינעזאָן האָט פאַרענדיקט „הערשעלע" — אַז „איין גאָט האָט געמעגט זײַן עלנט צוזען!" — ליגט אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן בוך „יאָסעלע".

פּונקט ווי ער האָט נישט געזען אין „הערשעלע" די דאָזיקע געזעלשאַפט־לעכע כוחות, וועלכע זאָלן קענען קעמפן קעגן דער פאַרדאָרבנקייט און עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן די אָרעמע און הילפלאָזע, אַזוי האָט דינעזאָן אין

---

54) ז׳ 45.

55) ז׳ 179.

„יאָסעלע" זיי נישט געזען. עטלעכע סימנים זײַנען אפשר שוין יאָ פאַראַן. מענטשן מיט הערצער און געוויסן לאָזן פילן, אַז זיי קענען די עוולות נישט אראָפּשלינגען, אָבער — זיי זײַנען פּאַסיוו, לפּחות היבן זיי נישט אויף קיין גוואַלד...

„יאָסעלע, אַ שטיל, אויסגעמאָגערט קינד, כאַפּט דעם קלאַפּ אַ מאָל גאָר גלײַכגילטיק, ווי ער וואָלט צו דעם שוין געוווינט געווען" (56).

דינעזאָן האָט אָנגעהויבן זײַן „יאָסעלע" מיטן שילדערן די דערציִונג אין אַמאָליקן חדר, ווי אַזוי דער ערלעכער מלמד איז זיך נישט ערלעך באַגאַנגען מיט די אָרעמע קינדער, בעת ער האָט געציטערט אַנצורירן די רײַכע קינדער. און פאַרענדיקט מיטן שילדערן די אומגערעכטיקײַט צווישן דערוואַקסענע, ווו עס האַלט זייער פּאַסקודנע מיט דער פּעדאַגאָגיע, פּונקט ווי אינעם אַלטמאָדישן חדר...

דינעזאָן איז דערשינען ווי דער אָנקלאָגער קעגן אַלטן חדר.

דינעזאָן איז דערשינען ווי דער אָנקלאָגער קעגן די קלאַסן־פאָראורטיילן.

אַזוי האָבן אַ סך אים פאַרשטאַנען אין יאָרן אַרום.

אַזוי האָט מען דינעזאָנען נאָך זײַן טויט פאַרגעשטעלט אין קאַמף פאַר דער נײַער דערציִונג און פאַר אַ גערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג.

*

אין „יאָסעלע" זעען מיר דינעזאָנען אויף אַ העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג ווי אין „הערשעלע".

אין דעם ווערק, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1899, זעט מען בולטער פּרצעס השפּעה אין לשון און סטיל. ער דערנענטערט זיך צום נוסח פון אונדזערע קלאַסיקערס: אַפילו אין לאַנגן זאַץ איז קענטיק ווי דער שרײַבער זוכט קורצקייט און שלאָגפאַרטיקייט; ער פּרוּווט שלײַפן דאָס וואָרט און איבערהויפּט די פּראָזע. אַנשטאָט שרײַבן ווי בריוו האָט דינעזאָן גענומען שרײַבן שריפטשטעלעריש, בריהנדיק זיך און שטײַערנדיק זיך מיט דער פאָרעם. ער, וואָס האָט זיך געחידושט, הלמאַי מענדעלע שרײַבט נישט גלײַכער אויף לשון קודש איידער אויף ייִדיש, האָט זיך געמיט צו דערנענטערן זיך צו מענדעלען...

„— ר' בערל — רײדן מיט קנאה אַלע אַנדערע מלמדים — איז אַ מוצלח,

---

56) „יאָסעלע, ערצאהלונג פון יודישען לעבן, פאָן יעקב דינעזאָן", אויסגאַבע פון „היברו פּאָבלישינג קאָ.", ניו־יאָרק (אָן אַ דאַטע), ז' 4.

ניט מער ווי א מוצלח; כאטש ער לערנט זיך נישט איבער מיט זיינע תלמידים, הייסט ער א בעל פועל, און כאטש'ער שלאגט ווי אלע און שמייסט אויך ווי דער שטייגער איז, הייסט ער א גוטער, א דעתן ווי מיט ציטריקע קינדער אומצוגיין. און די הצלחה שפילט אים. עס איז א כבוד א קינד צו ר' בערל'ען אין חדר אוועקצוגעבן" (57).

ער איז נישט קיין אפנארער, דער דאזיקער מלמד, און אויך נישט קיין גזלן, נאר פון דעוועסטעגן טוט ער אפ זאכן, וואס פאסן פאר אן אפנארער, און ממיתט קינדער, איבערהויפט דעם קבצן, דעם יתום, ווי נאר א גזלן. דערביי האט ער אויף אלץ א תירוץ, א פשט, א פסוק און א טעאריע. „אין מלמדות — זאגט ער — ליגט א שכל גדול". און וווּ ליגט דער שכל?

— „אדרבה, — פארטייטשט מנשה מילנער, הלמאי זיינע ביידע בנים, וואס לערנען שוין דעם דריטן זמן ביי אים, קענען נאך אלץ נישט רעכט עברי זאגן — אדרבה, וואס שווערער עס גייט־צו מיט עברי, דאס גרינגער, וועט איר זען, וועט צוגיין אין חומש מיט רש"י. דאס איז דאך דבר ידוע, אז דווקא די גרויסע לומדים, די שארפע קעפ, קענען א ווארט עברי נישט. און וואס דארפט איר מער ראיה? אונדזער רב, זאל געזונט זיין, איז דאך געווים א גאון און א חריף, פון דעסטוועגן זאגט ער ניט „ולחידך באהבה" אנשטאט „וליחדך באהבה"? און וואס איז די מעשה, מיינט איר? פשוט, ווייל א גוטער קאפ טראגט ניט אויף א קלייניקייט, וואס ליגט אין דעם קיין שכל ניט..."

שפראכלעך און אין פרט פון קאנסטרוקציע איז „יאסעלע" א גרויסער שפאן פאראויס אין דינעזאנס שאפן.

*

אין די ראמען פון דינעזאנס סענטימענטאליזם איז „יאסעלע" דאס קאנ־צענטרירטסטע ווערק.

דא איז דער ריטעם האסטיקער. די האנדלונג אינטענסיווער. די שילדערונ־גען שפארזאמער.

עס גייט דורך פאר אונדזערע אויגן דאס שטעטל, ווו ס'קלינגט הויך אפ דאס קול פון צער, וואס הויערט איבערן עלנטן, ארעמען, יידישן קינד.

„יאסעלע איז אוועק אין חסידים־שטיבל. קיין ישיבה־בחורים זיינען דארט נישט געווען. דערפאר קיין ספרים אויך נישט. פינצטער. נאר איין ליכטל האט

57) ז' 3.

אין עמוד געברענט. דער שמש, אַן אַלטער, האַלב־בלינדער ייִד, האָט גאָר נישט באַמערקט, אַז נאָך ווער איז דאָ חוץ אים, און יאָסעלע איז פאַרקראָכן צווישן אויוון און געשלאָפן ווי אַ גראַף".

דער דאָזיקער קורצער, אָפּגעהאַקטער זאַץ איז גיבער כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרצן איידער פאַר דינעזאָנען. עס איז אָבער גענוג עטלעכע שורות איבער־צולייענען, כדי צו דערקענען דינעזאָנס סענטימענטאַליזם, זײַן זיסע ליבשאַפט צו מענטשן, איבערהויפּט צו לײַדנדיקע און ספּעציעל פאַר עלנטע קינדער.

יאָסעלע איז אַזאַ קינד — אַ קרבן פון דער געזעלשאַפט, ווי איין רכילותל איז שטאַרקער פון טויזנט אמתן.

אָט, למשל.

„— וואָס זוכסטו, ייִנגעלע? — האָט אים אַ ייִד געפרעגט.

— אַ חומש!

— וואָס דאַרפסטו אַ חומש?

— איך וויל לערנען!

— האָסט קיין חדר ניט?

— ניין!

— ווער ביסטו?

— יאָסעלע.

— וואָס רעדט איר מיט אים? — האָט זיך אַ ישיבה־בחור, וואָס איז צום אַלמער צו, זיך אַרײַנגעמישט. דאָס איז דאָך דאָס קליינע גנבל. ערשט נישט לאַנג אין סוד (געריכט—ר.) געשטאַנען. נאָט איַיך אַ האַנט, ער וויל גנבענען אַ ספר!

— אמת, ייִנגעלע? — האָט דער ייִד געפרעגט.

— איך וויל נישט גנבען. איך וויל לערנען אין חומש! — האָט יאָסעלע געענטפערט — גיט מיר אַ חומש, וועל איך לערנען.

— נאָ דיר אַ חומש. איך וועל זען, צי קאָנסט דו לערנען און צי ווילסטו טאַקע; קום, זעץ זיך דאָ לעבן מיר.

און יאָסעלע האָט מיט לוסט און פאַרגעניגן געלערנט חומש פאַרן ייִדן. דער ייִד האָט נישט געברויכט אים אונטערצוזאָגן.

— ביסט אַ ווױלער ייִנגל! — האָט דער ייִד געזאָגט — נאָר, זאָג מיר, אַז דו קענסט אַזוי גוט־לערנען, פאַרוואָס רופט מען דיך גנב?

יאָסעלע האָט נישט געענטפערט, נאָר טרערן האָבן זיך אים געוויזן אין די אייגלעך" (58).

---

58) ז׳ 90.

דאָס זײַנען רירנדיקע בלעטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור — רירנדיקע בלעטער פֿון ייִדישן לעבן.

*

אין „יאָסעלע" האָט דינעזאָן אָנגעשלאָגן די רירנדיקסטע טענער.

אי די טעמע רירט־אָן די מעלאָדראַמאַטישסטע מאָמענטן פֿון אַ קינדס לעבן, וואָס איז עלנט, אָרעם און פֿאַריתומט; אי דער שרײַבער שילדערט זיי מיט די מעלאָדראַמאַטישסטע טענער, מיט דער איידלקייט פֿון אַ צאַרטן מענטשן, וואָס האָט מער אויער פֿאַר יענעם ווי פֿאַר זיך.

יאָסעלע, דאָס קינד וואָס ווערט באַוואָלהט אין חדר פּונקט ווי אינעם לעבן, איז אַ קרבן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלערן און איבלען, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער געזעלשאַפֿט. דאָס קינד זעט, ווי דאָס געלט הערשט. דאָס קינד זעט, אַז מענטשן פֿאַרלאָזן זיך מער אויף דעם, וואָס „מען רעדט", ווי אויף דעם, וואָס זיי אַליין זעען און פֿאַרשטייען. מען אורטיילט אויפֿן גרונט פֿון פֿאָראורטיילן. אַפֿילו דאָס געריכט איז אומגערעכט. טאָמער פֿאַלט אויף עמעצן אַ חשד, איז שווער פֿון דעם חשד זיך באַפֿרײַען. גרעסער ווי דער מאַטעריעלער דלות איז דער גײַסטיקער דלות. ווײַל געלט פֿאַרפֿירט אַפֿילו נאַיִווע און אָרנטלעכע מענטשן. די רוטינערע מאָראַל איז ווי אַ נעץ, וואָס פֿאַרפּלאָנטערט און לאָזט נישט זיך אויספּלאָנטערן. מ'פֿוילט זיך צו פֿאַרטיפֿן. מ'אורטיילט נאָך די אויבנאויפֿיקע אײַנדרוקן. דערפֿאַר קאָן יאָסעלע זיך נישט ראַטעווען. טאָמער האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז מ'האָט בײַ יאָסעלען געפֿונען עטלעכע מטבעות, וואָס זײַנען געווען דעם רבינס, העלפֿן מער נישט קיין טענות ומענות. „אַ גנבֿל"! די אייגענע האַרציקע מאַמע, כיענע, וועלכע חלשט נאָך דעם, האַלט־צו איר יאָסעלען, אַז דער רבי זאָל אים קאַטעווען — אַזוי ווײַל מען אים ראַטעווען! העלפֿט נישט זײַן פֿאַרענטפֿערן זיך אַפֿילו פֿאַרן בעל־מלאכה — צומאָל ער רעדט אים אָן צו גנבֿענען. פֿאַראַן אַן אויסנעם, אָבער טאַקע נישט מער ווי אַן אויסנעם. יונה דער וואַסערטרעגער, למשל, ר' שואל שוחט, אַזאַ וואָס קען זיך באַפֿרײַען פֿון דער וווּלגאַריזירטער באַלעבאַטישער מאָראַל, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויפֿן טײַסטער, אויף דער לאָגיק פֿון די איבערגעזעטיקטע. יונה דערשײַנט ווי אַ לאַמעד־וואָווניק, דער היפּוך פֿון „שיינדעלע, אַ דיקע ייִדענע מיט אַ דרײַ־עטאַזשענעם גוידער, מיט אַ האַלדז פּערל גרויסע". ר' שואל איז דער היפּוך פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע לומדים און מלמדים, וועלכע קענען מאַסקירן זייער פֿאַלשקייט און ליגן. ווען שרהלע, יאָסעלעס שוועסטער, וואַרפֿט זיך צום אָפֿענעם קבֿר, טרייסטן זי די יחידי־סגולהדיקע ייִדן.

„— גענוג וויינען, גענוג קלאָגן, מײַן טאָכטער! — האָט ר' שואל זי פאַר א האַנט אָננעמענדיק געזאָגט — דײַן ברודערל איז געשטאָרבן... געשטאָרבן, ווי עס שטאַרבט אַן אויסגעלײַטערטער ריינער נפש. לאָז אים זײַן רעכט טאָן. און זײַ געטרייסט דערמיט, וואָס נישט א יינגל, א גנב ערגעץ, איז מען דאָ מקבר, נאָר א קליין קדושל, וואָס האָט פון זײַן געבוירנטאָג ביז זײַן טויט געליטן פאַר פרעמדע זינד, פאַר פרעמדע רשעות!... א גוטער בעטער זאָל ער שוין פאַר דיר זײַן און פאַר כלל ישראל!" (59).

דאָס זײַנען נישט געווען סתם שיינע ריידעלעך. אַנטקעגן די האַרצלאָזע, פאַרבלענדטע, טעמפּע און גראָבע עגאָיסטן זײַנען די דאָזיקע ייִדן געשטאַנען צעבראָכענע: „א פּאָר גרויסע טרערן, וואָס האָבן אין דער גאַנצער צײַט, בײַ דעם אַלטן, פרומען ייִדן, ווי פאַרגליווערט אין די אויגן געפינקלט, האָבן זיך ענדלעך לויזגעריסן, זיך געקײַקלט איבער זײַנע אײַנגעפאַלענע, אײַנגעצויגענע באַקן, איבער זײַן שניי־ווײַסער באָרד, און זײַנען גלײַך אין אָפענעם קבר אַרײַנגעפאַלן", און „קוקנדיק אויף ר' שואלן האָט זיך אויך יונה וואַסערטרעגער צעוויינט, און ר' שואלן האָט מי געקאָסט אים אײַנצושטילן".

„דער עולם — זאָגט אָבער דינעזאָן פאַרן סוף פּסוק — האָט יונהן נישט פאַרשטאַנען, געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געענטפערט: „שיכור, מן הסתם"...

דער שעמעוודיקער יעקב דינעזאָן, אײַנשטעלנדיק זיך פאַרן מאַסע־מענטש, האָט זיך נישט געשראָקן צו מאַכן דעם אויספיר: „דער עולם האָט נישט פאַרשטאַנען"! דער וואַסערטרעגער האָט אין זיך געהאַט מער מענטשלעכקײַט ווי די שיינע באַלעבאַטים פון שטעטל.

*

דינעזאָן, דער עקזאַלטירטער פאַרטיידיקער פון אָרעמען און נישט־פאַרשטאַנענעם קינד, האָט אַרײַנגעבראַכט אין „יאָסעלע" אַזעלכע רייד, וועלכע האָבן מיט יאָרן שפּעטער געדינט ווי אַרגומענטן פאַר דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיע, פאַר דער וועלטלעכער שול, פאַר דעם פרײַען געדאַנק:

„— צו וואָס לערנט מען גאָר מיט א קינד אַזעלכע דינים, וואָס זײַן יונג מוחל קאָן עס נאָך נישט באַנעמען? — פרעגט כיענע" (60).

---

59) ד"ז, ז' 111—112.

60) ז' 11.

„— אומזיסטע קללות! — מאכט ר׳ ברוך אויף להכעים — וואס איז, א שוסטער איז קיין ייד נישט?" (61).

און יאסעלע? „איצט האט ער דערפילט, כאטש נישט קלאר, אז אויסער קלעפ און הונגער איז דא עפעס, וואס טוט נאך מער וויי און פייניקט מער ווי קלעפ און הונגער, און דאס איז די ארעמקייט און די אומגערעכטיקייט, וואס ווערט אים, צוליב זיין ארעמקייט, געטאן... " (62).

„יאסעלע הערט, ווי דער רבי שווערט פאלש — „טאר מען שווערן פאלש?" — שרייט עס ביי אים אין הערצל" (63).

„—... רחמנות איז אכזריות! — האט ברוך הוסטנדיק געשריען (64).

„— האט קיין מורא נישט, כיענע, — האט ר׳ בערל געזאגט — א גרויסער כוח ליגט אין דער רוט" (65).

„— ווער עס גנבעט איין מאל, גנבעט נאך א מאל אויך! — לייגט־צו די רביצין" (66).

„— איך האב דיר לאנג געזאגט — האט זיך ר׳ שלמה אפגערופן — אז אן ארעמאן איז א גנב!" (67).

דער באלעבאטישער יעקב דינעזאן האט אין „יאסעלע" געוויזן — נאך אין 1899! — אז אינעם יידישן לעבן זיינען אנגעהויפנט אזעלכע קאנפליקטן, וועלכע קענען א ליאדע טאג עקספלאדירן. און ער האט גראד גענומען א קינד, כדי צו וויזן, ווי וויט עס גרייכן די קאנפליקטן, פאר וועלכע די געזעלשאפט איז נאך נישט ארגאניזירט, אבער אנטאגאנישע צדדים זיינען שוין דא איבער־גענוג.

דער סענטימענטאלער דערציילער איז געווארן א וועקער קעגן סאציאלע און דערציערישע זינד.

אלע יידישע ראדיקאלע קרייזן, וועלכע האבן זיך באשעפטיקט מיט דער אידייע אויפצובויען נייע יידישע שולן און בכלל נייע אינסטיטוציעס, האבן דערפאר גענומען דינעזאנס „יאסעלע" פאר אן עדות און ווי א דאקומענט פון

61) ז׳ 13.

62) ז׳ 26.

63) ז׳ 30.

64) ז׳ 32.

65) ז׳ 35.

66) ז׳ 43.

67) ז׳ 49.

דער נישט־געדעכטער אָרדענונג און געזעלשאַפט. פון אים האָט מען **געשעפט** זואַגיקע אַרגומענטן אין עפענטלעכע געזעלשאַפטלעכע משפטים. זײַנע אויסדער־ווײלטע בלעטער זײַנען געוואָרן דער באַליבטסטער לייענשטאָף אין די ייִדישע שולן און אַפילו אויף ימים־טובים, אין סצענעס און טעאַטערשפּיל (68).

68) שמואל גלאַזערמאַן, אַ דראַמאַטיקער וועלכער איז געווען אַ ריי יאָרן לערער, האָט סצעניזירט „יאָסעלע אין חדר", פאַרעפנטלעכט אין „די אידישע צײַטונג", בוענאָס־אײַרעס, 8 סעפטעמבער 1926.

דינעזאָנס פֿאַרהאַנדלונגען צו באַזעצן זיך מיט י. ל. פּרצן אין אַרגענטינע

דער נײַער ריטעם אין דינעזאָנס לעבן. — צווישן וואַרשע און קיעוו: אָן אַ היים. — דינעזאָן באַוועגט פּרצן צו באַזעצן זיך אין דער הויפּטשטאָט פֿון פּוילן. — דער פּלאַן צו פֿאָרן קיין אַרגענטינע. — די פֿאַרהאַנדלונגען מיט באַראָן הירשס פֿאָרשטייער, דוד פֿיינבערג. — מיט דער ייקאַ. — די אידייע צו גרינדן אַ צײַטונג אין אַרגענטינע אויף צו באַשיצן די אײַנגעוואַנדערטע. — פֿאַרוואָס איז גאָרנישט געוואָרן? — דינעזאָנס פּלאַן אין 1890 און אין 1892. — ער בריוו צו גאָלדפֿאַדענען. — דער אײַנגעזעסענער, וועלכער האָט געוואָלט אויספֿאָרן אַ וועלט. — ווען אין רוסלאַנד האָבן אויפֿגעהערט צו דערשײַנען יידישע צײַטונגען, האָבן דינעזאָן און פּרץ געוואָלט אַרויסגעבן אַ יידישע צײַטונג אין דעם יונגינקן און קליינינקן אַרגענטינע.

אין דעם לעצטן יאָרצענדלינג פֿון 19טן יאָרהונדערט — אין די יאָרן, ווען ער האָט געשאַפֿן זײַנע וויכטיקסטע ראָמאַנען, „הערשעלע״ און „יאָסעלע״ — האָט דער שטילער יעקב דינעזאָן געפֿירט אַן אינטענסיוו לעבן. אין דעם סענטימענטאַלן ראָמאַניסט, וואָס האָט געהאַט אַ שם פֿון אַ שעמעוודיקן מענטש, זײַנען האַסטיק אויסגעברייטערט געוואָרן די האָריזאָנטן פֿון זײַן פּריוואַטן ווי פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

מיט זײַן דערווײַטערן זיך פֿון שלום עליכמען און דערנענטערן זיך צו פּרצן האָט זײַן לעבן באַקומען אַן אַנדערן ריטעם, פֿרישע פּראָבלעמען, נײַע אינטערעסן און אַ העכערע שפּאַנונג.

אין 1889 הייבט ער זיך אָן מיט אים איבערשרײַבן. אין 1890 גיט ער אַרויס „בעקאַנטע בילדער פֿון לעאָן פּרץ״. אין 1891 גיט ער מיט אים צוזאַמען אַרויס צוויי בענד „יודישע ביבליאָטעק״, וואָס פֿאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין

דער אנטוויקלונג פון דער יִדישער ליטעראַטור. און אין 1892 פאַרטראַכטן גאָר ביידע אוועקצופאָרן צוזאַמען „אזש" קיין ארגענטינע.

דינעזאָן האָט נישט קיין אייגענע היים: ער איז געבליבן א בחור. קען ער זיך קיין אָרט נישט געפינען. פאָרט פון קיעוו קיין ווארשע און פון ווארשע קיין קיעוו. אָבער דורך זיין באַפריינדן זיך מיט פּרצן האָט ער באַקומען אַן אָחד לדעה. איינער אָריענטירט דעם אַנדערן אפילו פון דער ווייטן און איינער פאָלגט דעם אַנדערן אַלץ מער און מערער.

אַליין קען דינעזאָן נאָך נישט באַשטימען, אין וועלכער שטאָט צו פאַרבלייבן א תושב, נאָר פּרצן רעדט ער איין צו פאַרלאָזן זיין געבוירן־שטעטל זאַמאָשטש און זיך באַזעצן אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן. און פּרץ „האָט זיך ענדלעך געלאָזט איבעררעדן פון דינעזאָנען" (69). דאָס איז געווען אָנהייב 1890. דינעזאָן האָט דעמאָלט געוווינט אין ווארשע ביז 1892.

אין די צוויי יאָר שלאָגט זייער פריינדשאַפט טיפע וואָרצלען. און אוודאי איז זיי שווער געווען זיך צו שיידן. דינעזאָן האָט אָבער געמוזט וווינען אין די יאָרן 1892—1896 אין קיעוו. די בידנע פּרנסה האָט זיי געצווונגען צו זיין ווייט איינע פון די אַנדערע. דאָס איז משמעות פאַר זיי געווען אַזוי שווער אַריבערצוטראָגן, אַז ווי נאָר זיי האָבן זיך צעשיידט, אַזוי איז ביי זיי באַלד געבוירן געוואָרן א פּלאַן, ווי זיך ווידער צונויפקומען... נישט בלויז צו זיין צוזאַמען, נאָר אויך צו אַרבעטן צוזאַמען, ביי איין געמיינזאַמער אידייע. די דאָזיקע געמיינזאַמע אידייע איז — ארגענטינע.

— צוזאַמען אויסוואַנדערן קיין ארגענטינע!

ארגענטינע איז אין יענער צייט געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער יִדישער עפנטלעכקייט (70). הגם אין פּרצעס געזאַמלטע שריפטן איז נישטאָ קיין גרעסערע אַרבעט וועגן אַרגענטינע, מעג מען אָבער אָננעמען פאַר זיכער, אַז די

69) פּרצעס ברודער, יונה יהושע, דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות, אין נ"י „פאָרווערטס" 20סטן אַפּריל 1930, ציטירט אין ש. ניגערס „יצחק לייבוש פּרץ", ז' 197.

70) שמואל ראָזשאַנסקי — „י. ל. פּרצעס באַציִונג צו אַרגענטינע", אין „אַרגענטינער יִווא־שריפטן", ב' 1, 1941, זז' 117—136, אויך אין שפּאַניש, ווי אַ בראָשור,

I. L. Peretz y su inquetud por la ,Argentina.

אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט פאַר פּרץ־פייערונגען אין 1945, דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס, פון 1.000 און 5.000 עקזעמפּליאַרן.

בראשור „ארגענטינע", וואָס איז דערשינען אין 1891 אָנאָנים און וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן אָנגריף אין זשורנאַל „וואָסכאָד", איז געווען געשריבן פון פּרצן, וועלכער האָט וועגן דעם געגעבן אָנצוהערן אין אַ בריוו צו זײַנעם אַ בן־עיר אין זאַמאָשטש (71).

אַזוי ווי מיר האָבן נאָך אַלץ נישט דינעזאָנס בריוו צו פּרצן אין 1892, דאַרפן מיר זײַן צופרידן, וואָס מיר האָבן לפּחות צונויפגעזאַמלט פּרצעס בריוו צו דינעזאָנען, וואָס באַציִען זיך צום פּלאַן וועגן אויסוואַנדערן קיין ארגענטינע.

געווען איז דאָס אַ צײַט, ווען דינעזאָן האָט נישט געהאַט קיין פּרנסה אין קיִעוו און פּרץ האָט אין ווארשע געהאַט נאָר טיילווײַז פּרנסה. איז דינעזאָן, משמעות, געווען דער וואָס האָט סוגערירט דעם פּלאַן „ארגענטינע". אויף זײַן בריוו האָט פּרץ אים געענטפערט (נאָכן אויסרעכענען, ווי שלעכט עס זײַנען פאַר־שפּרייט געוואָרן „די יודישע ביבליאָטעק" און „די קליינע ביכלעך"):

— „אויב דו האָסט אין קיִעוו אַ סך באַקאַנטע, און זיי ווילן דיר אַרויס־העלפן, ׳איז איינס פון די ביידע: אָדער זאָלן זיי דיר געבן רעקאָמענדאַציע־בריוו צום ה׳ פײַנבערג, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון קאָמיטעט אין פּעטערבורג, ער זאָל דיר געבן אַ שטעלע; אָדער זאָלן זיי דיך שיקן קיין ארגענטינע צוזאַמען מיט אַ דרוקערײַ אָדער צײַטונג. איז דאָך זייער נייטיק דאָרטן צו ווירקן אויף די וואָס קומען אַהין, כדי „מענטשן פון דער צײַט" זאָלן זיי נישט פאַרפירן" (72).

דוד פײַנבערג איז געווען באַראָן הירשס פאַרטרוי־מענטש אין רוסלאַנד. ער האָט רעפּרעזענטירט די קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט פאַר ארגענטינע. דעריבער, ווען פּרץ האָט זיך באַצויגן צו „אַ שטעלע" דורך פײַנבערגן, איז אויך די שטעלע געווען פאַרבונדן מיטן געדאַנק צו אויסוואַנדערן קיין ארגענטינע. די יִקאָ איז אין יענער צײַט נאָך אַלץ געווען אַן אימפּרעזע, וואָס איז גרייט געווען אויפצו־נעמען נײַע פּלענער פאַר ארגענטינע. איז אויב פאַרבינדן זיך מיט „אַ שטעלע" בײַ דער יִקאָ, האָט פּרץ פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָלט געווען צום כדאיסטן, ווען די יִקאָ זאָל „שיקן קײַן אַרגענטינע צוזאַמען מיט אַ דרוקערײַ אָדער צײַטונג", ווײַל עס שטייט פאַר זײַנע אויגן אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער ציל: „עס איז דאָך

71) צו דוד פאַלק, 9טן נאָוועמבער 1891. — אין י. ל. פּרצעס „בריוו און רעדעס", איבערזעצונגען און באַמערקונגען פון נחמן מײַזיל, 1929, ווילנער קלעצקין־פאַרלאַג, זז׳ 50—55.

72) ד״ז, זז׳ 61—70.

זייער נייטיק דאָרטן צו ווירקן אויף די וואָס קומען אַהין, כדי „מענטשן פון דער זייט" זאָלן זיי נישט פאַרפירן".

פּרץ רעדט וועגן „דיך", דינעזאָנען הייסט עס, נאָר מיינט אויך זיך. „צוויי קבצנים זיינען מיר — שרייבט ער אין אַ שפּעטערדיקן בריוו צו דינעזאָנען — און מיר וועלן העלפן איינער דעם צווייטן, ווי נאָר מיר'ן קענען". און ער מאַכט קלאָר:

— „דו זאָגסט אין דיין בריוו, אַז איך דאַרף זיך באַמיִען אינעם ענין אַרגענטינע און נישט דו. טאָ גלייב מיר, מיין פריינד, אַז איך קאָן גאָר נישט אויפטאָן. דו גלייבסט מיר נישט, אַז אין אַן ענין, וואָס איז נוגע מיך אַליין, מיין אייגן לייב, קען איך גאָר נישט אויפטאָן און בין אַן אומבאַהאָלפענער מענטש אין פולן זין פון וואָרט. פון קינדווייז אָן האָב איך זיך געלערנט טאָן פאַר אַנדערע, און כ'האָב מיין גאָרטן נישט געהיט און קאָן אים נישט היטן. זעלבפאַרשטענדלעך, אַז אויב דיר וועט זיך איינגעבן צו קריגן אַ שטעלע, ווי כ'האָב געשריבן, דאַן פאָרן מיר ביידע און מיר אַרבעטן צוזאַמען; איך דערלויב דיר אויך מיטן גאַנצן האַרצן צו ריידן אין אונדזער ביידנס נאָמען, זאָלסט אָבער נישט האָפן פון מיר קיין עצה און קיין טאַט" (73).

וואָס איז אַרויסגעקומען פון די פאַרהאַנדלונגען? פאַרוואָס איז פון דעם פּלאַן צו פאָרן קיין אַרגענטינע גאָר נישט געוואָרן? ווער איז געווען שולדיק? די אַלע שאלות בלייבן דערווייל נישט פאַרענטפערט. אפשר, אויב עס וועלן זיך אָפּזוכן דינעזאָנס בריוו, וועט מען נאָך געוויר ווערן. וויכטיק איז דאָס. ספּעציעל איז דאָס אינטערעסאַנט פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע.

*

דינעזאָן, ווייזט אויס, האָט פריִער נאָך געהאַט בדעה אויסצוּוואַנדערן. דאָס איז געווען אָנהייב 1890. מיר דערוויסן זיך דאָס פון גאָלדפאַדענס אַ בריוו, פון פּאַריז, צו דינעזאָנען.

— „אַז איך האָב אייער בריעף געליינט — שרייבט אברהם גאָלדפאַדען דעם 12טן מיי 1890 — האָב איך מיך אָנפאַנגס דערשראָקן. איך האָב געמיינט, אַז איהר פאָהרט שוין, נאָר אַז איך האָב ווייטער געלייענט, אַז עס דאַרף נאָך דויערן אַ פּאָאַר מאָנאַטע, איז מיר גרינגער געוואָרן אויפין האַרצן. וואָס „פאַר אַ ווינטעל עס קען נאָך אַ בלאָז טהון" ביז דעמאָלט, קען מען נישט וויסען,

73) ד"ז, זזי 79—84.

אונ אויב ביז דעמאָלט מיר זועללען נאָך זייען אין פאריז, וועט איהר דאָך געווים מוזען דורך פאָהרען דער פאריז, ערשטינס זיך זעהן מיט אונז פריהער, וועלכעס עס וועט זעהער וויכטיג זיין פאר איַיך, צווייטינס איז פון האַווער נעהענטער און מען פאָהרט וועניק אויף דעם וואססער נאָך אמעריקא, דריטטענס קען מען זיך דאָ אויסווירקען א פרייא בילעט" (74).

ביי דעם דאָזיקן בריוו מאכט נחמן מיַיזיל די באמערקונג: „י. דינעזאָן האָט אין יענער ציַיט געפלאַנט אוועקצופאָרן קיַין ארגענטינע. מיט אים האָט אויך געזאָלט מיטפאָרן י. ל. פרץ".

דאָ מאכט מיַיזיל זיכער א'טעות. דינעזאָנס באשלוס אין 1890 אוועקצופאָרן קיַין אמעריקע איז געווים געווען פארבונדן מיט די פאראייניקטע שטאַטן און נישט מיט ארגענטינע. און צום וואָרשיַינלעכסטן האָט י. ל. פרץ צו אָט־דעם פּלאַן, דינעזאָנס, קיַין שום שיַיכות נישט געהאַט. מ'קען דאָס באגרינדן מיט עטלעכע פאקטן.

ראשית, הייבט זיך אָן רעכענען דער יידישער ישוב אין ארגענטינע פון 14טן אויגוסט 1889, ווען עס איז אָנגעקומען, מיט דער שיף „וועזער", די ערשטע גרופּע יידן קיַין בוענאָס־איַירעס, צו באזעצן זיך אויף לאנדווירטשאפט (75). והשנית, דוד פיַינבערג איז ערשט שפּעטער געוואָרן דער רעפּרעזענטאנט פון באראָן הירש אין רוסלאַנד, ווי די יק"א האָט באקומען פון דער צארישער רעגירונג די דערלויבעניש צו ארבעטן אָפיציעל אין 1893. פאראַן נאָך אנדערע מאָמענטן, שוין נישט אזעלכע וויכטיקע, וועלכע גיבן א גרונט צו זיַין זיכער, אז דינעזאָן האָט אין 1890 נישט געקענט טראכטן, צוזאמען מיט י. ל. פרצן דערצו, אויסוואנדערן קיַין ארגענטינע. צו וואָס האָבן זיי דעמאָלט באדארפט פאָרן שאפן אין ארגענטינע א יידישע ציַיטונג, אז עס זיַינען קיין יידן נישט געווען ?

דער געדאנק ארויסצופאָרן אין דער ברייטער וועלט איז אין אלגעמיין געווען פאר דינעזאָנען גאַנץ היימיש, הגם ער האָט א לעבן אָפּגעלעבט אין רוסלאַנד און נאָר אויף א קורצע ציַיט ארויסגעפאָרן. געפלאַנט האָט ער אָבער א סך. אָט געוואָלט פאָרן קיַין ברעסלוי לערנען אויף ראבינער, אָט געוואָלט פאָרן קיַין ווין צו זיַין נאָענט צו זיַין געליבטער תלמידה און אָט גאָר זיך פארמאָסטן

74) „אַברהם גאָלדפאַדענס בריוו צו יעקב דינעזאָן" מיט דערקלערונג פון נחמן מיַיזיל, אין „די יידישע וועלט", וואַרשע 1928, בי 4, זי 112.

75) "50 años de colonización judía en la Argentina", Buenos Aires 1939, pp. 330.

אין 1892 צו פאָרן צוזאַמען מיט פּרצן קײַן אַרגענטינע, מיט דער הילף פון דער יִקאַ, אויף אַרויסצוגעבן אַ יִדישע צײַטונג פאַר די נײַ־אײַנגעוואַנדערטע. נישט אומזיסט האָט דינעזאָן אָנגעשריבן אַ ריי ביכלעך וועגן ווײַטע לענדער און פעל־קער — ער האָט זיי געוואָלט קענען און געוואָלט אַז אַנדערע זאָלן זיי קענען.

דאָס איז געווען אין אַ צײַט, ווען אין גאַנץ רוסלאַנד זײַנען שוין צוויי יאָר נישט אַרויס קיין יִדישע צײַטונגען — בעת אין די פּאַראַיינִיקטע שטאַטן איז איבערגענומען געוואָרן די איניציאַטיווע אַרויסצוגעבן יִדישע בלעטער — אין אַזאַ צײַט האָבן דינעזאָן און פּרץ געהאַט די אַמביציע צו פאָרן קײַן אַרגענטינע מיט דעם אויסדריקלעכן ציל אַרויסצוגעבן אַ יִדישע צײַטונג.

וואָלט זייער פּלאַן פאַרווירקלעכט געוואָרן, קען געמאָלט זײַן, אַז י. ל. פּרץ וואָלט נישט געשפּילט די דאָזיקע קלאַסאַלע ראָלע פאַר דער יִדישער ליטעראַ־טור, וואָס ער האָט געשפּילט ווינענדיק אין דער קרוינשטאָט פון פּוילן. בוענאָס־אײַרעס וואָלט אָבער ווי אַ יִדישער צענטער בלי שום ספק געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע אין דער יִדישער וועלט און בעיקר פאַר דער יִדישער קולטור.

עס האָט קײַן סך נישט געפעלט, אַז זייערע וועגן זאָלן זײַן גאַנץ אַנדערע.

דער שטילער יעקב דינעזאָן איז בײַ זײַן גאַנצער שטילקייט און באַשיידנ־קייט געווען מערקווערדיק אַקטיוו.

האָט דינעזאָן ווייניק געשאַפן אין די לעצטע יאָרן?

נישט אמת, אַז דינעזאָן האָט נאָך „יאָסעלע" נישט געשאַפן קיין וויכטיקע ווערק. — פאַרוואָס אַזוי ווייניק געדרוקט? — איבערגעבליבענע כתבים, ראָמאַנען און איבערזעצונגען. — נייע טעמעס, ברייטערע פאַרנעם. — דער מענטש מיט חשיבות, וואָס וויל נישט פאַלן. — דינעזאָנס הילף פאַר שרייבערס און שולן. — טויזנטער בריוו, אַן אוצר פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. — אויפטוען ביודעים און בסתר, אויף די נעמען פון אַנדערע.

עס איז פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז יעקב דינעזאָן האָט דורך זיין באַפריינדן זיך מיט י. ל. פּרצן אַזוי פיל זיך אנגאַזשירט אין קהלשע דאגות און אין פרעמדע ליטעראַרישע ארבעטן, אַז ער האָט ממש קיין צייט נישט געהאַט זיך אָפּצוגעבן צו זיין אייגענער שרייבעריי.

אין אַלגעמיין האָט דינעזאָן נישט געמאַכט קיין לעבן פון דער פּען. אָדער זיך באַשעפטיקט מיט בוכהאַלטעריע, אָדער געהאָלפן זיין שוועסטער אין האַנדל, אָדער זיך פאַרנומען מיט זאַמלען אַנאָנסן פאַר צייטונגען.

דער שטילער, עניוותדיקער און צוריקגעצויגענער דינעזאָן איז אָבער געווען אין תוך אַן אַקטיווער מענטש.

דעם שרייבטיש האָט ער ליב געהאַט. ס'איז אים לייכט אָנגעקומען צו שרייבן. ווי פאַריאָגט ער איז געווען, האָט ער געפילט די באַדערפעניש אָראָפּ־צורייסן זיך אויפן פּאַפּיר. און ווי שעמעוודיק ער איז געווען — איבער דער שע־מעוודיקייט מסתמא איז ער פאַרבליבן אַן אַלטער בחור — האָט ער פון דעסט־וועגן געהאַט אַ שוואַכקייט פאַרצולייענען פון זיינע כתבים פאַר פריינד און אַפילו פאַר אַזעלכע שרייבערס, מיט וועלכע ער איז נאָך נישט געווען נאָענט.

עס איז דעריבער נישט אזוי פשוט, וואָס דינעזאָן האָט אין די לעצטע יאָרן ווייניק געדרוקט.

אז ער האָט געשריבן, דאָס איז אַ פאַקט. ווען ער איז געשטאָרבן — דעם 30סטן אויגוסט 1919 — האָט מען געפונען ביי אים אין צימער פּעק נישט־פאַרעפנטלעכטע כתבים. צווישן זיי צוויי לאַנגע ראָמאַנען: „אם הבנים אָדער די שיינע רחלע״ פון 4 טיילן און 750 זייטן און „מעשות בכל יום״ אין 2 טיילן אין 508 זייטן (76). זיי זיינען ערשט געגומען געוואָרן צום פאַרעפנטלעכן אין יעקב דינעזאָנס 11בענדיקער אויסגאַבע, וועלכע האָט אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1937.

בכן, אויב דינעזאָן האָט זיך אויפגעהערט דרוקן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, איז דאָס נישט דערפאַר ווייל ער האָט אויפגעהערט שרייבן. די סיבות זיינען אַנדערע. מען דאַרף זיי גיכער זוכן, איידער אין דינעזאָנען, גאָר אין דער סביבה, אין דער צייט, אין דער באַציונג צו יידישער ליטעראַטור אינעם 20סטן יאָרהונדערט.

*

פאַראַן אַן אָנגענומענע מיינונג, אַז „יאָסעלע״ איז „דינעזאָנס שוואַנען־ליד״.

די יידישע ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע האָט אויסגעסאָרטירט די ווערק און ווערטן פאַר אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע, האָט אַזוי וואַרעם זיך אָפּגערופן וועגן „יאָסעלע״ און אַזוי רעזערווירט גערעדט וועגן די אַנדערע ראָמאַנען, אַז עס האָט זיך געשאַפן די איבערצייגונג: בלויז מיט „יאָסעלע״ האָט דינעזאָן אַרײַ־בערגעשפּאַנט זיין צייט.

וואָס שייך אַנזען און פּאָפּולאַריטעט ביים מאַסע־לייענער, האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז דער באַליבטער מחבר פון „יונגערמאַנטשיק״ האָט בכלל זיך אָפּגעשטעלט נאָך 1899. אויב ער האָט ווייטער געדרוקט ראָמאַנען, דאַרף מען אָננעמען, אַז זיי קענען בלויז ווייזן דינעזאָנס שרייבערישע ירידה.

דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. ווי עס זיינען נישט ריראיק אַנדערע מיינונ־גען וועגן יעקב דינעזאָן.

*

ניין, יעקב דינעזאָן האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי „יאָסעלע״.

---

76) זלמן רייזען — „לעקסיקאָן״, ב׳ 1, ז׳ 657.

אין די שאפונגען, וואָס זײַנען שפּעטער געדרוקט געוואָרן בײַ זײַן לעבן, זײַנען דאָ נישט ווייניקער רײַפע בלעטער, וויכטיקע און כאַראַקטעריסטישע נישט בלויז פאַר אים, נאָר אויך פאַר זײַן עפּאָכע.

צוויי פון די ביכער, „פּאַליק און זײַן הויז" און „דער קריזיס", ריידן אפילו מער צום האַרצן פון אַ הײַנטיקן לייענער ווי „יאָסעלע", זײַנען טעמאַטיש אינ־טערעסאַנטער און פרישער פאַר אונדזער צײַט. אין זיי זײַנען צומאָל פאַראַן קינסטלערישע מאָמענטן פון העכערן שווונג און איבערהויפּט פון ברייטערן פאַר־נעם ווי אין „יאָסעלע".

דער סענטימענטאַלער שרײַבער באַווײַזט זיך אין זיי אַנדערש, נישט בלויז אין די ד׳ אמות פון געליטענעם קינד, נײַערט פון ווערדיקן מענטשן, וואָס ראַנ־גלט זיך, כדי נישט צו פאַלן.

ניין, עס איז נישט ריכטיק, אַז דינעזאָן האָט ווייניק געשאַפן אין די לעצטע יאָרן. נאָך ווייניקער איז ריכטיק, אַז „יאָסעלע" איז „דינעזאָנס שוואַנען־ליד".

*

דינעזאָנס שעפערישקײַט דאַרף אָבער אָפּגעשאַצט ווערן נישט בלויז אויפן גרונט פון די ווערק, וואָס זײַנען נאָך אים געבליבן נישט פאַרעפנטלעכטע, און יענע וואָס ער אַליין האָט איבערגעאַרבעט נאָכן דרוקן, ווײַל ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַרײַנצוברענגען אין זיי אַזעלכע שינויים, וועלכע זײַנען געווען אַ רעזולטאַט פון זײַן אַנטוויקלונג און נײַער באַציִונג צו ליטעראַטור.

דינעזאָנס שעפערישקײַט דאַרף מען זען נישט בלויז אין זײַנע אייגענע ווערק.

ער האָט געהאַט אַ חלק אין דער יידישער ליטעראַטור־אַטמאָספערע בכלל.

ער האָט געהאָלפן מאָדעלירן די באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך, ליטע־ראַטור און קולטור.

אפילו דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט גרעצס יידישע געשיכטע איבער־געזעצט, איז נישט געווען סתם אַן איבערזעצונג. דאָס איז געווען אַ מאַניפעסטאַ־ציע פון אַ ווילן, וואָס האָט געקאָנט זײַן נאָר בײַ אַזאַ איינעם, וועלכער האָט גע־האַט אַ באַוווּסטזיניקע, נאַציאָנאַלע באַציִונג צום יידישן לשון, צו דער יידישער קולטור. גרעץ האָט געבעטן, אַז מען זאָל נישט לאָזן „פאַרשוועכן" זײַן ווערק מיטן איבערזעצן עס אויף יידיש — האָט יעקב דינעזאָן אים דווקא נישט גע־פאָלגט און יאָ איבערגעזעצט!...

דער ווייכהאַרציקער דינענזאָן איז, ווי מיר זעען, נישט געווען קיין סתם „שוואַכער כאַראַקטער".

זײַן קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט בשותפות מיט י. ל. פּרצן און שפּע־טער, נאָך פּרצעס טויט, בשותפות מיט אַנדערע, איבערהויפּט לטובת די ייִדישע קינדערהיימען אין וואַרשע, איז אַ שעפערישע אַרבעט.

ווי עס איז אַ שעפערישע אַרבעט זײַן קאָרעספּאָנדענץ, די טויזנטער און טויזנטער בריוו צו שרײַבערס און כלל־טוערס, צעשפּרייטע אין אַ סך לענדער. אַ ריזיקע ענערגיע האָט דינעזאָן פאַרווענדט אין העלפן און סטימולירן אומציי־ליקע ייִדישע שרײַבערס, אַז זיי זאָלן ווײַטער אָנגיין מיט זייער אַרבעט.

אַ סך פון יעקב דינעזאָנס טויזנטער בריוו פאַרמאָגן אין זיך פונקען פון שעפערישקייט. טייל פון זיי זײַנען אַזוי רירנדיק ווי זײַנע דערציילונגען. זיי שטעלן־פאָר מענטשן און סיטואַציעס, וועלכע זײַנען פאַר זיך אַליין אינטערע־סאַנט. אחוץ וואָס די מערסטע פון די טויזנטער בריוו זײַנען אַן אומדערשעפּלע־כער קוואַל פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איבערהויפּט פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ גרויסער צאָל שרײַבערס און פאַר דער אַנטשטיי־אונג פון היפּש ווערק.

אַנשטאָט שעפערישקייט בפני כל עם ועדה האָט יעקב דינעזאָן פאַרנוצט אַ ים מיט שעפערישקייט בסתר — אונטער די נעמען פון אַנדערע.

ער האָט אָבער אויך אין זײַן ליטעראַרישן שאַפן געוויזן, אַז ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט בײַ „יאָסעלע".

קינדער־ליבע אין „צוויי מאַמעס" און די קללה פון געלט אין „אַלטער"

דאָס לעבן איז שיין, נאָר די געזעצן טויגן נישט. — מעלאָדראַמעס איבער טראַדיציעס און אָרדענונג, ווו געלט דעצידירט. — צווישן זיין און מעגן. — קינדער־פרייד וואָס ווערט צעשטערט. — דער פאַרווייַנטער דינעזאָן הייבט־אָן שמייכלען. — מייטשיק און בעקע, וועלכע מ'לאָזט נישט זיין ווי זיי זיינען: פאַרליבט. — אַלטער, דאָס יונגיטשקע מלמדל, וואָס האַלט דעם קאַנטשיק ווי אַ דיריזשאָר זיין שטעקעלע. — געלט מאַכט אויך אַ תל פון דער יידישער וועלט. — ווען מ'גייט חתונה האָבן, כדי צו מעגן האַלטן אַ חדר. — דער פראָטעסט קעגן שטערן אין ליבע. — „ווערט אַ האַרץ צעבראָכן, איז שוין קיין רופא און קיין רפואה נישטאָ!" — קאָנפליקטן צווישן תקופות.

„צוויי מאַמעס" און „אַלטער" (צום ערשטן מאָל געדרוקט אין 1903 אין פעטערבורגער „פריינד") זיינען ראָמאַנען, אין וועלכע דינעזאָן איז נאָענטער ווי אין זיינע אַנדערע ווערק פון יענעם יאָרצענדלינג צו זיין אַמאָליקן זיסלעכן און זיטלעכן מיטגעפיל פאַר זיינע העלדן־קרבנות. זיי זיינען שוין נישט אַזוי צעצויגן ווי „אבן נגף אָדער אַ שטיין אין וועג", אָבער דער איבערגעטריבענער סענטימענטאַליזם לאָזט נישט זען גוט די מענטשן, ווי מ'קען נישט גוט זען, ווען מ'האָט פאַרוויינטע אויגן...

אין „צוויי מאַמעס" ווערן געשילדערט צוויי קינדער, וואָס ווערן געהאָדעוועט אונטער איין דאַך אַזוי צערטלעך, אַז זיי פילן זיך ווי שוועסטער און ברודער, כאָטש זיי זיינען פון פאַרשיידענע עלטערן — אַלע זעען אין זיי אַ זיווג מין השמים. אין „אַלטער" געשעט דאָס זעלביקע, נאָר אויף אַ פאַרקערטן אופן:

דער בחור און דאָס מיידל, וועלכע מ׳רעדט אַ שידוך, דערשפּירן גלייך בײַ דער ערשער באַגעגעניש, אַז זיי האָבן זיך נאָך ליב געהאַט, ווען זיי זײַנען קינדער געווען און געוווינט בשכנות...

איןביידע ראָמאַנען ווערן אָבער ביידע פּאָרלעך צעשיידט. די צעשיידונגען זײַנען פאַרשיידענע, אין פאַרשיידענער עלטער און ממילא ווירקן זיי אַנדערש, נאָר דער הינטערגרונט איז דער זעלביקער: דאָס לעבן צעשיידט אַזעלכע, וואָס וואָלטן באַדאַרפט זײַן פאַראייניקט, ווײַל זיי וואָלטן זיך און אַנדערע פאַרשאַפן גליק.

אין „צוויי מאַמעס" ווערן דערוווײַטערט מייטשיק און בעקע, ווען זיי זײַנען נאָך אַלץ קינדער, ווען די צעשיידונג קען בלויז אין זיי איבערלאָזן אַ טיפע, נאָגנדיקע בענקשאַפט אפשר אויף אַ גאַנצן לעבן, אָבער נישט מער ווי זיסע דעראינערונגען און אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. אין דעם אַנדערן ראָמאַן דאַקעגן איז די צעשיידונג צווישן אַלטערן און חנהלען גורם אַ רירנדיקע מעלאָדראַמע. ביידע לעבנס ווערן צעבראָכן. ביידע וועלן שוין אין זייער גאַנצן לעבן קיין גליק נישט געפינען, ווײַל מען האָט זיי געשטערט, אַז זיי זאָלן צוזאַמען זייער גליק אויפבויען.

נאָר בעת דינעזאָן ווײַזט אין „צוויי מאַמעס" כמעט בלויז ליבע מענטשן, וועלכע זײַנען נישט גלײַכגילטיק צו די לײַדן פון אַנדערע און טוען יענעם ווי, ווײַל זיי קענען דאָס נישט אויסמײַדן, זעען מיר שוין אין „אַלטער" אַ דינעזאָן, וועלכער ווײַזט, ווי דער קוואַל פון אַלדאָס בייז איז — מער ווי דער שלעכטער כאַראַקטער — די סאָציאַלע אָרדענונג, אין וועלכער דאָס געלט ענדערט מענטשן אײנס און צוויי.

*

אין „צוויי מאַמעס" האָט פּשוט געטראָפן אַן אומגליק. צוויי מאַמעס זײַנען געלעגן געוואָרן, נאָר אײנע פון זיי, מינעלע, איז נישט אויפגעשטאַנען פון קימפּעט. איר קינד, רבקהלע, וואָס איר נאָמען איז פאַרצויגן געוואָרן אויף „בעקע", איז אויפגענומען געוואָרן פון שרהלען, וועלכע האָט געבוירן אַ יינגל, מאיר, וואָס איז פאַרצויגן געוואָרן אויף „מייטשיק". שרהלע וואָלט אפשר ביידע קינדער אויסגעהאָדעוועט, ווי זיי וואָלטן ביידע אירע קינדער געווען, אָבער די כשרע ווײַבער האָבן זיך אַרײַנגעלייגט און געשטערט.

— „פּע, שרהלע, — מוסרט איר די רביצן —, איך וואָלט עס אויף דיר זיך גאָרנישט גערעכנט! ווי הייסט, זי ווייסט נישט, ווער איר מאַמע איז געווען? פריִער, זעסטו, איז דאָס נאָך אַ קנאַפּע עוולה געווען. די מאַמע אירע, עליה

השלום, איז דאָרט גענוג פאַרנומען געווען מיט זיך אַליין בײַ דעם דין וחשבון פאַרן בית דין של מעלה. ווען האָט זי געקענט צײַט האָבן צו טראַכטן וועגן איר יתומהלע דאָ, אין דער נאַרישער וועלט? איצט אָבער איז זי שוין אויסגעלײַטערט און זיצט שוין דאָרט געווים מיט די אמהות אין גן־עדן; איצט טראַכט זי און דערמאָנט שוין געווים איר קינד און איר איז דאָרט אוודאי אַ חרפּה אַ גרויסע, אַז זי דערהערט, ווי איר קינד רופט דיך „מאַמע״... (77).

מען לאָזט נישט, ווי מיר זעען, אַז דאָס קינד זאָל לעבן ווי אַ קינד. עס אַרט נישט, וואָס די נשמה פון דעם קינד ווערט פאַר דער צײַט צעטרייסלט ווערן און נישט קענען צוריק קיין גלײַכגעוויכט געפינען, קיין רו, קיין פרייד, וואָס איז פאַר דעם קינד ווי זון, ווי לופט, ווי שפּיל.

און אוודאי ווערט צעשטערט דעם קינדס לעבן, ווען דער טאַטע, דער אַלמן, האָט ווידער חתונה און נעמט־אַריין די שטיפמוטער אין שטוב, און נאַטירלעך נעמט ער אָפּ זײַן בעקעלע. קען מען צו אים האָבן אַ טענה? ניין. דאָס קינד, צי במזיד, צי בשוגג, פאַרלירט מיטאַמאָל איר וועלטל און קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. בפרט, אַז דאָס איז אַ קינד מיט אַ צאַרטער נשמה. דינעזאָן שילדערט זי ווי אַ פילעוודיקע, וואָס קען דעם מינדסטן ליגן נישט פאַרטראָגן. פונקט ווי מייטשיק, אַזוי איז בעקע אויסגעווייקט אין צער, ווען מ׳וויל זיי „צוליב די אומשטאַנדן״ צעשיידן.

„זײַנען אַוועק — דערציילט דינעזאָן — נאָך עטלעכע שווערע טעג און בעקע ווייסט שוין, אַז עס זײַנען דאָ דרײַערליי מאַמעס אויף דער וועלט: אַ מאַמע, וואָס טראָגט און האָט, וואָס זויגט, האָדעוועט און האָט ליב דאָס קינד, ווי אַן אויג פון קאָפּ, און הערט נישט אויף צו זײַן אַ מאַמע, ווי לאַנג זי לעבט, און בלייבט אַ מאַמע פאַרן קינד אַפילו נאָך איר טויט, אַזוי לאַנג ווי דאָס קינד לעבט.

— ... און נאָך אַ מין מאַמע איז פאַראַן — האָט איר די באָבע דער־קלערט — ווען די ערשטע, די אמתע און געטרײַע מאַמע שטאַרבט, און דער טאַטע האָט נאָך אַ מאָל חתונה, דאָס הייסט, ער ברענגט אַרײַן צו זיך אַ פרעמד מיידל אָדער ווײַבל, רופט־צו זײַן קינד צו זיך און זאָגט:

— אָט זאָלסטו רופן מאַמע! ...

— אַזאַ מאַמע, מײַן קינד — נישט וויסן זאָלסטו און אַלע גוטע קינדער פון איר — איז גאָרנישט קיין מאַמע און טייל מאָל איז זי אַ סך ערגער פאַר אַ פרעמדער פרוי... אַ דם שונא איז אָפט אַזאַ מאַמע דעם קינד, און ווייסט

77) „צוויי מאַמעס״, ז׳ 12.

אליין נישט פאַרוואָס עס פאַרגינט דעם קינד נישט, וואָס עס עסט, וואָס עס איז געזונט און וואָס עס לעבט אויף דער וועלט... אזא מאַמע רופט מען „שטיפ־מאַמע" אָדער „שטאָכמאַמע" (78).

בעקע איז גראָד אַזאַ טיפּ קינד, וואָס האָט זיך בעסער פון אַנדערע אַריינ־געפּאַסט אין דער נייַער סיטואַציע. אָבער דערפאַר — פירט אויס דינעזאָן — איז „אין איר ביסלעכווייַז אַפּגעשטאָרבן דער געדאַנק, אַז זי איז אַ קינד פון דעם הויז"...

נאָר דאָ איז דינעזאָן שוין נישט דער שרייַבער, וועלכער פאַרפלייצט דעם לייענער מיט טרויער. אדרבה, פון דער בענקעניש ברענגט ער גאָר אַרויס אַ שטראַל ליכט.

עס צעשיידן זיך די קינדער. אָבער עס צינדט זיך אין זיי אָן אַ פונק פון יוגנט־ליבע.

„אַז די היימישע מענטשן, קוקנדיק אויף זיי, האָבן זיך איבערגעשעפּ־טשעט:

— יאָ, דאָס וואַקסן חתן־כלה... מען מעג כאָטש איצט שרייַבן תנאים....

זיי וועלן נישט קענען לעבן איינער אָן דעם אַנדערן.

און די היימישע מענטשן האָבן מיט הנאה געשמייכלט" (79).

„צוויי מאַמעס", וואָס הייבן־אָן מיט אַ סצענע פון טויט, ענדיקן מיט שמייכלען און הנאה פון לעבן.

בייַם פּאָרווייַנטן דינעזאָן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

*

דאָס לעבן, וואָס ברענגט אומגליק, האָט אין „צוויי מאַמעס" געבראַכט אויך גליק צו דעם אומגליק. דאָס לעבן גופא.

אין „אַלטער" ווייַזט אונדז אָבער דינעזאָן, ווי דאָס לעבן גופא איז גוט, דער מענטש וואָלט אויך געקאָנט זייַן גוט, אָבער די מעשה איז, וואָס איבער דער פּרנסה און אונטער דער פּאַטאַלער ווירקונג פון געלט ווערן מענטשן אַ תל און זיי מאַכן פון לעבן אַ תל.

אַלטער, אַ יונגער בחור, פּאַריתומט, וויל ווייַטער פירן דעם טאַטנס חדר. נאָר כל־זמן ער האָט קיין ווייַב נישט און קיין באָרד נישט, ווילן די עלטערן צו

78) ד"ז, זז' 101—104.

79) ד"ז, ז' 114.

אים נישט שיקן זייערע קינדער. ווערט פון אים אַ שרײַפל פון דער מאַשין, וואָס האָט געהייסן ייִדיש לעבן...

אַ מלמד איז ער געוואָרן נישט ווײַל ער האָט געוואָלט, נאָר ווײַל דער טאַטע, ר׳ עוזר דער מלמד, איז אַ לענגערע צײַט געלעגן קראַנק — האָט ער אים פאַרטראָטן אין חדר. „און די קינדער האָבן אים ליב געהאַט — דערציילט אונדז די־נעזאָן, באַניצנדיק דערוויַל אַ שיינעם ליטעראַרישן פאַרגלײַך און ארויסשטעלנדיק אַ נייעם פּעדאַגאָגישן פּרינציפּ — ווײַל דעם קאַנטשיק פלעגט אַלטער באַניצן, נישט צו שלאָגן, נאָר ווי עס באַניצט אַ קאַפּעלמײַסטער דאָס שטעקל זײַנס, בעת דער אָרקעסטער שפּילט" (80).

אַ קאַנדידאַט אויף חתונה האָבן איז ער געוואָרן. נישט ווײַל ער האָט געוואָלט האָבן אַ ווײַב, נאָר ווײַל אָן אַ ווײַב האָט ער נישט געקענט קריגן קיין תלמידים אין חדר. אַ מלמד האָט באַדאַרפט האָבן אַ באָרד און אַ ווײַב...

מיט דעם אַלעמען וואָלט אַלטער צום ווערשײַנלעכסטן געבליבן אַן אַלטער בחור, ווען עס וואָלט נישט געווען דער שדכן. ר׳ פישל, דער שדכן, דאַרף האָבן פּרנסה, און דורכפירן אַ שידוך איז פאַר אים פּונקט אַזאַ מסחר ווי פאַרקויפן אַ קאַץ, אַן אינדיק. פון דער אַנדערער זײַט זײַנען דאָ גוטע אויפּזעערס איבער אים, דעם טאַטנס טרײַע שכנים, רייזל און שמואל. זיי ציטערן איבער זײַן לעבן און זוכן פאַר אים אַ תכלית. און תכלית מיינט פאַר זיי: חתונה האָבן און פּטור אַן עסק! ליבע, שמיבע... פאַר כשרע ייִדן איז דער עיקר: האָבן אַ שטוב, מגדל זײַן קינדער צו תורה און חופּה וקידושין... ווייניק?

איז אָבער דאָ אַזאַ זאַך ווי געלט, וואָס מאַכט אַ תל אויך פון דער ייִדישער וועלט.

דער זעלביקער פּײַוול, וואָס איז פריִער געווען זייער צופרידן פון ריידן זײַן שיינער און געראָטענער חנהלע אַ שידוך מיט אַלטערן, ווערט איינס און צוויי אַן איבערגעקערטער, ווי נאָר ער מאַכט אַ גוט געשעפטל, בײַ וועלכן ער שפּאָרט־אָפּ אַ גראָבן טײַסטער מיט געלט. און אַז ער מאַכט עטלעכע גוטע געשעפטלעך, און אָרדנט־איין אַ קאַנטאָר, שעמט ער זיך נישט אפילו פאַר אַלטערן, דערקענט אים צומאָל נישט, ווען ער זעט אים. און מוז ער אים יאָ קוקן אין פּנים אַרײַן, נעמט ער בכיוון זיך פאָרען אַרום דעם טײַסטער, כדי דער אָרעמער בחור זאָל זען, אַז הונדערטערס זײַנען בײַ אים ווי בלאָטע...

צוליבן געלט איז דער למדן ר׳ פישל גרייט צו דרייען מיטן שידוך אַהין און צוריק. פאַרשווײַגט ער, וואָס שײַך פּריזיוו, ווען ער האָפט צו באַקומען באַ־

80) „אַלטער", ז׳ 7.

צאָלט. נאָר וויל אים אַלטער נישט נאָכקומען אָדער קען אים נישט געבן וויפל ער וויל, אַזוי שטעלט דער זעלביקער ר' פישל אונטער אַ פיסל און מאַכט קאַליע דעם שידוך מיט דער שיינער חנהלע און פאַרשאַכערט אים נאָך צו זלאַטקעס פּאַרזעסענער טאָכטער, וועלכע איז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער, און וועגבע ער, אַלטער, קען נישט אָנקוקן . . .

און די גוטע רייזל, כאָטש חנהלע געפעלט איר בעסער, איז אויפגעטראָגן אויף אַלטערן, הלמאי ער קען זי נישט פאַרגעסן, בעת ער איז אַ חתן מיט אַן אַנדערער. ס'טייטש ?

— „און ווי איז, אַז איך קאָן זי אָבער פאָרט נישט פאַרגעסן ? –– פרעגט אַלטער, זײַן גאַנץ האַרץ כאָטש איין מאָל פאַר רייזלען עפענענדיק.

— ביסט אַ ייִד, אַלטער ?

— וואָס דען בין איך ?

— ביסט אַ ייִד, —דערקלערט רייזל איר פראַגע —, מוזסטו קענען, כאָטש דו קענסט נישט ! וואָס טו איך, אַז איך קאָן נישט פאַסטן ? פאַסט איך דען נישט מיט מסירת נפש תשעה־באָב און יום־כיפור ?

— רייזל, הונדערט תעניתים וועל איך פאַסטן, און חנהלען קאָן איך נישט פאַרגעסן ! — רעדט אַלטער אַרויס מיט אַ פײַערלעכן טאָן, און דורך דעם וואָלקן, וואָס פאַרדעקט זײַן געזיכט, הייבן זיך אָן שיטן פײַערדיקע בליצן פון זײַנע אויגן.

— ביסטו פון זינען אַראָפּ ! צו מײַנע שונאימס קעפּ, צו זייערע הענט און פיס ! — שרײַט אויס רייזל" (81).

דאָך האָט ער חתונה און זי האָט חתונה — יעדער איינער נישט מיט דעם, וואָס דאָס האַרץ האָט געוואָלט. דער חילוק איז נאָר, וואָס חנהלע האָט זיך אונ־טערגעוואָרפן דער טראַדיציע און איז אַ גוטע מאַמע געוואָרן, כאָטש זי קען די ליבע נישט פאַרגעסן; בעת אַלטער, דער מלמד, ווי פרום ער איז, דריקט־אויס זײַן פּראָטעסט אין דעם, וואָס ער לאָזט זײַן ווײַבל זיך אַרומדרייען אַן איינ־זאַמע, כאָטש אין תוך איז זי גאָר נישט שולדיק . . . וואָס איז זי שולדיק, אַז אַלטער איז פון דאָך אַראָפּגעפאַלן און אַ פּוס צעבראָכן, ווען ער האָט זיך פאַר־קוקט אויף חנהלען, וואָס איז אויף דער גאַס אונטערגעקומען ? זי איז דאָך גלאַט אַ קרבן, אַן אַ פאַרוואָס . . . פאַראַן אָבער מענטשן, וועלכע זײַנען יאָ שול־דיק אין די דאָזיקע אומגליקן. אַלטער ווייסט. ער זאָגט:

— „גראָבע מענטשן, נישט קיין קלוגע מענטשן ! אַ פּוס נאָר, מיינען זיי,

---

81) ד"ז, ז"ז 130—131.

קאָן צעבראָכן ווערן און ווי טאָן; אז עס קאָן אויך א האַרץ צעבראָכן ווערן און נאָך מער ווי טאָן, פאַרשטייען זיי גאָר נישט... נאַרישע מענטשן! ווערט א פּוס צעבראָכן, קאָן מען אים איינגיפּסן און גאַנץ מאכן. ווערט אָבער א האַרץ צעבראָכן, איז שוין קיין רופא און קיין רפואה נישטאָ!..." (82).

אַלטער, דינעזאָנס מלמדל, איז א יידישע טראַנספאָרמאַציע פון ווערטערס ליידן, וווּ חוץ צער פון ליבע איז דאָ א קאָנפליקט צווישן דורות, צווישן תקופות.

82) ד"ז, ז' 202.

די אַלטע היים און אַמעריקע אין „פּאַליק און זיין הויז", און „דער קריזיס" פון שטאָטישע יידן

דורות, תקופות. — פּאַליק, דאָס קליין מענטשעלע פון קליינעם שטע־טל, לאָזט זיך נישט אַרויסשטויסן. — פאַרוואָס נישט עמיגרירן קיין אַמעריקע?—די אַמביציע פון שוואַכן קעגן וואַקסנדיקן באַלעבאָס. —„דער ווילן ניט צו פאַרשווינדן". — די ליבע צום חורבן הויז ווי צום אַלטן ווייב. — „צוליב אַ היטל פאַרקויפט נאָך אַ מענטש זיין קאָפּ נישט'.— אין דער אַלטער היים פאראייביקט, אין אַמעריקע שנעל אַ פאַרגעסענער. — דער פאָלקסייד מיט טיפע, גראָבע וואָרצלען. — „מען טאָר נישט נויטן דעם אַנדערן". — דינעזאָן אַ פּיאָנער פון דער טעמאַטיק וועגן „דאָ און דאָרט". — קינסטלערישע מאָמענטן אין „קריזיס". — לעבעדיקע שילדערונגען פון דער סוחרישע סביבה, פון קאָרטנשפּיל, פון שמענ־דריקעס וואָס שעמען זיך מיט זייערע יידישע נעמען און פון דערוואַק־סענע קינדער, וואָס ליגן אויפן טאַטנס פּלייצעס. — הלל אַבעלמאַן, דער איידעלער סוחר וואָס בעט רחמים, אַז דאָס פייער זאָל נישט איינגעלאָשן ווערן. — געלט שטויסט-אַרויס ערלעכקייט. — פון טרערן אַריבער צו שמייכל און פון שמייכל צו איראָניע.

דער קאָנפליקט צווישן דורות, וואָס זיינען באַזונדערע תקופות פון יידישן לעבן, קומט צום שטאַרקסטן ביי דינעזאָנען צום אויסדרוק אין זיין ראָמאַן „פּאַליק און זיין הויז" (83). אויף אַ פיינעם, פאָלקסטימלעכן אופן, אָן קונצן, ווערן פאָרגעשטעלט דריי טיפן מענטשן, וואָס זיינען פאָרשטייערס פון דריי פאַרשיידענע שטרעמונגען.

83) צום ערשטן מאָל געדרוקט אין „פריינד" אין 1904, פאַרן טויט באַ־אַרבעט פון דינעזאָנען אַליין, אָבער נישט פאַרענדיקט די לעצטע שורות,

פאליק, א שניַידער, א לאטוטניק, קען זיך נישט זעגנען מיט זײַן שטוב אין קליינעם שטעטל, איבערהויפּט ווײַל ער זעט קעגנאיבער אים אויסוואקסן שעיה מילנערם הויז. ער, דאָס קליינע מענטשעלע, וויל זיך נישט לאָזן פאַר־שלינגען פון דעם אונטערנעמער, פאַר וועמען די וועלט איז קליין. מהאי טעמא וויל ער זיך נישט אונטערגעבן די קינדער, וואָס ווינען אין אמעריקע און וועלכע רופן אים צו זיך, הייסן אים פאַרקויפן די שטוב און זיך באַזעצן אין דער נײַער וועלט. וואָס הייסט? אין שטעטל איז ער באַלעבאָס און דאָרטן — וואָס? דאָס קליינע מענטשעלע וויל זיך נישט לאָזן אַרויסשטויסן . . . פּונקט ווי דער אײַנגע־זעסענער וויל זיך נישט לאָזן אַרויסרײַסן פון זײַן אַלטער היים.

ער זאָגט דאָס אויך דעם זון אין שטעטל גופא, ווען ער רעדט אים צו, צו פאַרקויפן די חורבה. ס'הייסט: ווערן אוים באַלעבאָס!?

— „איך האָב מורא, אַז דאָס איז נאָך אַלץ איצט אַזוי, כל־זמן איך האָב נאָך מײַן אייגענע היים, און וויל איך, קום איך צו דיר אַרײַן, וויל איך נישט — קום איך נישט. גאָר אַנדערש, מײַן קינד, קאָן ווערן, און מוז ווערן, ווען איך וועל שוין מײַן אייגענע היים נישט האָבן, און וועל שוין מוזן זיצן נאָר בײַ דיר... קינדער בײַ עלטערן ווערן קיינמאָל נישט איבערדריסיק; עלטערן אָבער בײַ זייערע קינדער ווערן צו לאַסט און איבערדריסיק, בפרט ווען זיי מוזן נאָך צו זייער לאַסקע אָנקומען" (84).

פאַליק באַגרײַפט שוין מיט זײַן שניַידערשן קאָפּ די גרויסקייט, וואָס שטעקט אין בויען און פאָרן אין דער וועלט אַרוים, און האָט פאַר דעם גרויס דרך־ארץ, אָבער נישט ווייניקער מורא. דערפאַר ציט אים כסדר צו כאַפּן אַ קוק, ווי שעיה מילנער מויערט, כאָטש ער שרעקט זיך פאַר דער גרויסער זאַך, וואָס שטעלט זיך קעגן אים און וואָס וועט אים סוף כל סוף אַרויסשטויסן פון זײַן אייגענער שטוב. לויפט ער אויף די רושטאָוואַניעס, בעת דער שכן איז נישטאָ, און פאַר־ענטפערט זיך פאַרן ווײַב, וואָס קען אים נישט פאַרשטיין:

— „דו מיינסט, מאַטלע, אַז שניַידערײַ אַליין איז אַ מלאכה? — כאַפּט ער זיך פאַרט אַרוים מיט אַ וואָרט — זײַ ווייסן, אַז אויסמויערן אַ הויז נאָך אַ פּלאַן איז אויך אַ מלאכה. אַ גרויסע מלאכה, זאָג איך דיר... און עס ליגט אין דעם

און אַט אַזוי איז דער ראָמאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון פאַרלאַג „אחיספר" אין 1929, צען יאָר נאָכן מחברס טויט.

84) „פאַליק און זײַן זון", ז' 17.

א שכל גדול. און די טבע פון אַ שכל גדול איז: עס ציט, עס ווילט זיך פּשוט אַלץ זען און בעסער פאַרשטיין" (85).

און וואָס מער ער פאַרשטייט די גרויסקייט אין יענעמס אויפטו, ווי אַ מענטש וואַקסט מיט זײַן עשירות, מיט זײַן גדולה, מיט זײַן קוראַזש צו בויען, אַלץ מער וואַקסט אין אים, דעם קליינעם מענטשעלע, דער ווילן נישט צו פאַר־שווינדן, ניט איבערצולאָזן זײַן אייגנס, ווי אָרעם און קליין עס איז.

— „זע, מאַטלע, — ווײַזט ער איר מיט דער האַנט — אָן דאָרט, אונטערן דאַך, נעבן בוידעם־פענצטערל, זע איך נאָך טשוועקעס, וואָס איך האָב מיט מײַנע אייגענע הענט אַרײַנגעשלאָגן, בעת מיר זײַנען נאָךביידע יונג געווען, און דו האָסט זיך געריכט געלעגן צו ווערן מיט אונדזער ערשטן קינד" (86).

ער לעבט מיט דעראינערונגען. די זכרונות פאַרייניגערן אים, גיבן אים אַרײַן חשיבות, שטאָלץ, ער ווערט גליקלעך מיט דעם, וואָס ער האָט. זײַן ייִדענע באַ־נעמט עס נישט געוויינטלעך — גיט ער איר דערפאַר אַזאַ בײַשפּיל, על פּי וועלכן דער ענין זאָל אפילו איר, דער ייִדענע, ווערן אַלײנפאַרשטענדלעך:

— „שטעל דיר פאָר, מאַטלע, ווען עס קומט איינער צו אונדז, ווי מיר זיצן דאָ אַזוי אַלט און שוואַך, און זאָגט: הער־צו, פאַליק, איך לייג דיר דאָ אַוועק אַ מיליאָן רובל מזומנים, און טרעט מיר אָפּ דײַן אַלטע, אײַנגעהושכטע מאַטלע...? " (87).

אין דעם אַלטן פאַליק איז פאַרקערפּערט די אייגנוועדע, פאַר וועלכער דער ייִד איז גרייט זיך אײַנצושטעלן. „נישקשה, צוליב אַ היטל, וואָס פעלט צום קאָפּ, פאַרקויפט נאָך אַ מענטש זײַן קאָפּ נישט... איז נאָר דאָ אַ קאָפּ, וועט שוין ווערן אַ היטל צום קאָפּ..." (88).

*

דינעזאָן איז געווען אפשר דער ערשטער פון די ייִדישע שרײַבערס אין רוס־לאַנד, וואָס האָט געשילדערט דעם טיפּ ייִד, וועלכער וויל די אַלטע היים נישט פאַרלאָזן, כאָטש ער לײַדט אין איר אָן אַ שיעור. פאַרוואָס וויל ער נישט פאַר־לאָזן דעם „דאָ" צוליבן „דאָרט"? ווײַל:

85) ד"ז, ז' 50.

86) ד"ז, ז' 98.

87) ד"ז, ז' 101.

88) ד"ז, ז' 103.

„דאָ בין איך — איך: איטלעכער קען פאַליקן און פאַליק קען דאָ איטלעכן. דאָ האָב איך מיר מײַן הויז; טאַקע מיט אַן אַלטן, צעריסענעם דאַך, אָבער פאָרט מײַן אײגנס. דאָ פאַרנעם איך אַ שטיק פּלאַץ אין מײַן שטאָט, און אַפילו נאָך מײַן טויט, ווער עס וועט פאַרבײַגײן פאַרבײַ מײַן קבר אויפן היגן בית־עולם, וועט וויסן, אַז דאָ ליגט פאַליק דער שנײַדער, וואָס איז דאָ אין שטאָט געבוירן געוואָרן, געלעבט, ערלעך זײַן חיונה פאַרדינט, און קײנער וועט, חלילה, נישט האָבן וואָס שלעכטס מיר נאָכצוזאָגן. וואָס אָבער וועל איך דאָרטן אין אַמעריקע זײַן? אַן אָפּגעריסן בלאַט פון ערגעץ אַ ווײַטן בוים, וואָס אַ ווינט האָט עס פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ פרעמדן וואַלד אַרײַן, צווישן אַנדערע ביימער, צווישן גרינגערע און יינגערע בלעטער... ווער וועל איך דאָרט זײַן? ווער און וואָס וועט מײַנס דאָרט זײַן? לעבעדיקערהייט: אַ פרעמדער, אַ פאַרוואָגלטער, און טויטערהײַט — אַן עלנטער, אַ פאַרגעסענער... מיט דער צײַט וועט דער ווינט מײַן קבר פאַרווייען און קײנער וועט גאָר נישט וויסן, אַז עס האָט געלעבט אַ מאָל אַ פאַליק, און עס איז געשטאָרבן דער פאַליק...” (89).

די דאָזיקע רירנדיקע שורות זײַנען עדות פון דער אינטויִציע, וואָס דינעזאָן — אַ שרײַבער אין רוסלאַנד — האָט פאַרמאָגט. אין אַמעריקע, אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור, איז דאָס געוואָרן אַ טעגלעכער מאָטיוו. אַרעמטום האָבן זיך אַרומגעדרייט טויזנטער אַזעלכע ייִדן ווי פאַליק, וואָס האָבן זיך געפילט עלנט אַפילו צווישן זייערע אייגענע קינדער. דינעזאָן האָט, אַזוי אַרום, זיך געפעדערט מיט דער דאָזיקער טעמאַטיק. ער האָט געזען נישט בלויז דאָס קינד, וואָס איז אומבאַהאָלפן, נאָר אויך דעם אַלטן טאַטן, פונקט ווי ער האָט געזען דעם יוגנגיטשקן אַלטער...

*

פאַליק איז אפשר דער פאַרטיפטסטער טיפּ אין דינעזאָנס פּראָזע. אַנטקעגן שעיה מילנער, דעם פיפיקן סוחר וואָס וויל פאַרנאַרן דעם פּשוטן שנײַדער, אים געווינען דורכן געבן אַ שטיקל אַרבעט און צוואַרפן אַ קאָמפּלימענט, אַבי צו קענען בײַ אים אַרויסקריגן די שטוב, ווו ער וויל זיך אױעקשטעלן מיט זײַן מיל, איז פאַליק אַן ערלעכער פאָלקסייִד, ווי אַ דעמד מיט טיפע, גראָבע וואָרצלען, וואָס איז שווער אַרויסצורײַסן פון באָדן.

רינט אַרײַן אין הויז, זעט פאַליק, אַז ער האָט שוין קײן ברירה נישט; אָבער

89) ד״ז, זזי 76—77.

ווי נאָר עס באַווייזט זיך די זון, פאַרטרייבט ער פון זיך די שרעק פאַרן שטורעם... ווערט ער נישט נתפעל אפילו פאַר די הייסע בריוולעך פון זיין זון, וועלכער שרייבט אים פון אמעריקע:

— „דאָ איז אַ פרייע וועלט, אַ ייִד צי נישט אַ ייִד, אַלע זיינען דאָ מענטשן מיט מענטשן גלייך, און עלטערן, וואָס האָבן דערוואַקסענע קינדער, ברויכן פאַר זייער עלטער זיך נישט שרעקן" (90).

די אַלע גילדערנע גליקן פאַנגען אים נישט. ער ווערט זיך קעגן די אַלע לאָ־קנדיקע רייד. און לסוף געפינט ער אַ דריידל, ווי זיך אַרויסצודרייען פון די קינ־דערס פּלענער.

— טייערע קינדער מיינע, — שרייבט ער זיי, נישט פילנדיק אַז ער האָט צוגעטראַכט די המצאה —, אַז איר האָט אויף אַזוי פיל קיין שכל און קיין איידלקייט נישט געהאַט, און איר שרייבט בפירוש, אַז דעריבער שיקט איר מיר נישט קיין געלט מיין הויז צוצודעקן, כדי דערמיט מיך צו נויטן, קומען צו אייך מיט דער מאַמען אייערער געזונטערהייט, מוז איך אייך זאָגן, אַז מען טאָר נישט נויטן דעם אַנדערן, נישט קיין בת ישראל און נישט קיין בן ישראל, אפילו אַן אייגענעם טאַטן אויך נישט... און אויב אין אַמעריקע רופט מען אַן אַזוינס קלוג און גוט, וועל איך בעסער שטאַרבן דאָ, אין מיין געבוירן־היים, אַ נאַר!..." (91).

דאָ האָבן מיר גאָר אַ נייע ווענדונג: אַנשטאָט קינדער זאָלן קומען צו די עלטערן מיט מוסר, אַז „מען טאָר נישט נויטן דעם אַנדערן", קומט גאָר דער טאַטע מיט דער דאָזיקער טענה צו די קינדער.

אַנשטאָט די קינדער זאָלן לערנען די עלטערן די תורה פון פריי זיין — לערנט גאָר דער אַלטער טאַטע „אַז מען טאָר נישט נויטן"!

דער אַלטפרענקישער טאַטע פון קליינעם שטעטל איז מענטשלעכער פון די גוטע און געטרייע אַמעריקאַניזירטע גרויסשטאָטישע קינדער.

אין „פאַליק און זיין הויז" איז יעקב דינעזאָן אַ פּיאָנער פון דער פּראָבלע־מאַטיק וועגן עמיגראַציע, אַמעריקע, „דאָ און דאָרט" אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור.

*

דינעזאָנס טעמאַטיק און שרייבקונסט איז אָבער צום שענסטן און צום

---

90) ד"ז, ז' 73.

91) ד"ז, זז' 105—106.

ברייטסטן אפשר געקומען צום אויסדרוק אין איינעם פון זיינע קירצסטע ראָ־מאַנען: „דער קריזיס". די דאָזיקע בלעטער פּראָזע זיינען אויך פאַרן היינטיקן לייענער פון די פרישסטע ביי דינעזאָנען.

צום ערשטן מאָל אין בוכפאָרעם דערשינען אין 1905, איז „דער קריזיס" געשריבן געוואָרן אונטערן רושם פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, וואָס האָט צעטרייסלט די עקאָנאָמיק אין לאַנד. דינעזאָן שילדערט וואַרשעווער יידישע מאַ־נופאַקטור־סוחרים, ווי זיי ראַנגלען זיך נישט צוזאַמענצוברעכן. אין אַזאַ שווערער לאַגע געפינט זיך דער ערלעכער און בכבודיקער סוחר הלל אַבעלמאַן, ביי וועמען די אָנגעשטעלטע שטייען מיט פאַרלייגטע הענט און די טעג זיינען ביי זיי לאַנג ווי דער גלות. „וואָלט דער בעל־הבית אין קראָם נישט זיין, וואָלטן זיי שוין וויסן וואָס צו טאָן. אַז ער איז נישטאָ, שפּילט מען אַ דאָמינע אָדער אַ דאַמקע, מען ראַנגלט זיך, מען טרייבט קאַטאָוועס, אין ערגסטן אופן — קריכט מען, זיך ביי־טנדיק, אונטער אַ פּאַק סחורה אַרונטער און מען כאַפּט אַ דרעמל, אַ מחיה...

צום אומגליק איז דער בעל־הבית אין דער לעצטער צייט כסדר אין קראָם, פאַר־געסט זיך אַ מאָל אפילו צו גיין צו דער צייט אויף מיטאָג" (92).

דינעזאָן שילדערט געשמאַק, ווי אויסגעהונגערט די מענטשן זיינען צו לייזן געלט און ווי קונציק עס איז דער הענדלער, ווען ער וויל אַרויסרופן אַ חשק צום קויפן. דאָס מיידל, וואָס קומט אַריין אויסביטן אַ הונדערטער, טראַכט גאָר נישט פון קויפן, אָבער דער בעל־הבית און די אָנגעשטעלטע אַרבעטן אַזוי מעשים, פאַרבלענדן זי אַזוי מיט פאַרשיידענע מוסטערן און העפלעכקייט, פאַררעדן איר אַזוי מיט המצאהלעך, אַז דאָס מיידל קומט דעם אַנדערן טאָג מיט נאָך קונים און קויפט טאַקע.

„— וואָס לייגסט דו זיך נישט צו אויף אַ רגע? — האָט אים דאָס ווייב אַ מאָל געפרעגט.

— אַז עס ברענט, טאָר מען נישט שלאָפן! — האָט ער איר אָפּגעענטפערט. און געמיינט האָט ער: נישט עס ברענט, חלילה, אַ הויז אָדער אַ קראָם אין שטאָט, נאָר עס ברענט די גאַנצע מסחר־וועלט, און מען מוז שטענדיק וואַך זיין, גרייט זיין זיך צו ראַטעווען איידער דאָס פייער וועט צו אים צוקומען... מען מוז וואַסער אָנגרייטן... „וואַסער", מיינט ער: מזומן געלט" (93).

און דאָ, אַז מען איז אַ בכבודיקער סוחר, דאַרף מען האַלטן פּאַסאָן. קומט

---

92) „דער קריזיס", דערציילונג פון סוחרישן לעבן, פאַרלאַג י. לידסקי, וואַרשע. 1905. — ז' 3—4.

93) ד"ז, ז' 16.

ר׳ ישראל עפשטיין, דעם ראבינערס שוועד, און פארלאנגט זיך איינשרייבן מיט א סומע צו העלפן נויטליידנדיקע, וועלכע קלאפן־אפ די שוועלן פון דער אינסטי־טוציע. קען ער נישט אפקומען אבי־ווי. ס׳טייטש?

— „גאט איז מיט אייך! אז איר וועט זיך אזוי ווייניק פארשרייבן, וועט דער אנדערער אזוי ווייניק אויך נישט פארשרייבן! איר פארשטייט דען נישט, אז דער קליינער בעל־בית קוקט אויף דעם גרעסערן?" (94).

*

עד־היום קען „דער קריזיס" פאררעכנט ווערן צו די לעבעדיקסטע שילדע־רונגען פון דער יידישער סוחרישער סביבה. אז מ׳לייענט, פארגעסט מען מאמענטנווייז, אז דאס איז פון דער אמאליקער ווארשע, ווייל ס׳פאסט זיך פונקט אזוי אריין צו וועלכער ס׳איז שטאט פון דער וועלט, ווו עס זיינען נאר דא יידן...

— „צו ווען מען זאל נישט אריינקומען אין אוונט, סיי זומער, סיי ווינ־טער, געפינט איר תמיד א מנין, צום ווייניקסטן — א מזומן יידן זיצן ביים טיש שטארק אריינגעטאן אין קארטנשפיל. מען שפילט... עס האט א שיעור וויפל נעמען די דאזיקע טומאה האט? עס שפילט דער מאן דער קרעמער, דאס ווייב די קרעמערקע, עס שפילן זין און טעכטער, איידעמס און שניר, די בעלי־בתים שעמען זיך אפילו נישט צו שפילן מיט זייערע אייגענע פריקאשטשיקעס, און מען שפילט נישט ווי חנוכה ביז די חנוכה־ליכטלעך וועלן אויסברענען — מען שעמט זיך נישט ביז א פאר שעה נאך האלבער נאכט צו שפילן. און וואס קומט דערפון ארויס?" (95).

*

הלל אבעלמאן האט שוין פארזוכט דעם טעם פון אויסגעשטודירטע קינ־דער. זיי האבן געענדיקט אוניווערסיטעטן, אבער אפילו נאך דער חתונה דארפן זיי אנקומען צום טאטן, ווייל א לעבן קענען זיי נישט מאכן. ווערט ער נישט נתפעל, וואס מ׳דרייט מיטן צינגל אויף גויִיש, כאטש ער איז נישט קיין אלטמאָ־דישער מענטש. דינעזאן ווייזט אין אבעלמאנען דעם נייעם מין ייד, וואס פאר־

94) ד״ז, ז׳ 24.

95) ד״ז, זז׳ 76—77.

טראָגט נישט, הלמאי מישעמט זיך מיטן ייִדישן נאָמען. דער פאַרזיכערונג־אַגענט, טאַבאַחאָוו, וואָס האָט מעשה שמענדריק צעקרימט זײַן נאָמען, לאָזט אים נישט רוען, ווי עס לאָזן אים נישט רוען זײַנע קינדער, וועלכע פאַרגזייִשן אויך זייערע נעמען. רעדט ער זיך אַראָפּ פונעם האַרצן פאַר זײַן ווײַב:

— „אַזוי, ווײַל די מאָדע איז זיך צו שעמען מיט אַ ייִדישן נאָמען. „ברכה" איז אַ ייִדישער נאָמען, וועט זיי נישט אָנשטיין. וועלן זיי דעם נאָמען „ברכה" איבערלייגן אויף „בערטאַ". אין ברכה איז דאָ אַ „ב" מיט אַ „ר" און אין בערטאַ איז אויך דאָ אַ „ב" מיט אַ „ר". געגנוג כאָטש אָן אות פון אַ ייִדישן נאָמען... וואָס אָבער טוסטו זיי, אַז זיי גיבן דעם קינד אַ נאָמען „סטעפאַנידאַ" אָדער גאָר „קאַראָלינאַ"? מיינסט, אַז אַזעלכע נעמען גיבן זיך נישט ייִדישע קינדער? טאָמער ווייסטו, אדרבה, ווי פאַרטײַטשט מען אין ייִדישן: נאַפּטאָל טערענטיעוויטש טאַבאַחאָוו?

— טפּוי זאָל אַזאַ ייִד ווערן! — שפּײַט זי אויס.

— שפּײַ נישט, מײַן ווײַב! ווי זאָגט מען: האָסטו קינדער אין די וויגן, לאָז לײַטן צופרידן ליגן. דו ווייסט נאָך נישט, וואָס פאַר אַ קאַרטלעך דײַנע אייניקלעך וועלן זיך לאָזן אָפּדרוקן" (96).

דינעזאָן, זעען מיר, דערוויַיטערט זיך דאָ פון די משכילים, פאַר וועלכע עס איז געווען אַ כבוד צו געבן זיך נעמען, וועלכע זאָלן „גוט קלינגען" אין דער לאַנדשפּראַך. דינעזאָן שלאָגט־אָן טענער, וואָס זײַנען היימישע געוואָרן פאַר דער עכט־נאַציאָנאַלער אָריענטאַציע אינעם ייִדישן לעבן, וואָס איז געגאַנגען אונטערן צייכן: צוריק צו זיך.

*

הלל אַבעלמאַן, וועלכער וויל זײַן דער בכבודיקער ייִד אין אַלע פּרטים, איז נישט קיין קעמפער אנטקעגן אַנדערע, אָבער ער קעמפט יאָ מיט זיך אַליין. ער וויל נישט פאַלן. ער בעט, עס זאָל טרעפן אַ נס... און ווען ס'רייסט אים אויף פון שלאָף די בשורה, אַז די גאַס ברענט, זעט ער בפירוש דעם נס, ווי ער קען בלײַבן אַן ערלעכער מאַן:

— „איין פונק קען אים ראַטעווען. און פונקען פליִען ווי אַ האָגל פון הימל..." וואָס טוט מען אָבער, אַז די פײַערלעשערס דערשטיקן די פונקען? אָ, „איצט, דאַכט זיך אים, וועט זיך אַרײַנכאַפּן אַ פונק און וועט פאַרריכטן אַלץ, וואָס די פײַערלעשערס האָבן קאַליע געמאַכט... און ער וואַרט, עס זאָל דער

96) ד״ז, זזי 122—123.

ווינט זיך א דריי טאָן אָדער אזוי פון א ווינקל דאַך זאָל ארויסשפּרינגען א פלאַם און ראַטעווען אים — ראַטעווען פון בזיונות, פון באַנקראָט, ראַטעווען אפשר דאָס לעבן זײַנס, וואָס האַלט זיך איצט אין זײַן לײַב אויף איין האָר פון עגמת־נפש" (97).

דינעזאָן שלאָגט דאָ אָן, זייער איידל, מיט לירישע אַקצענטן, טענער פון טראַגיקאָמישע סצענעס, וועלכע רײַסן בײַם האַרצן. אבעלמאַן קוקט, ווי די פּײַער־פייערלעשערס גיסן וואַסער, און ער פילט ווי זיי וואָלטן אים אָפּגעבריט.

„גזלנים, רוצחים, וואָס ווילט איר פון מײַנע יאָרן? — שרײַט דאָס האַרץ זײַנס צו די לעשערס: וואָס אַרט אײַך, אז עס וועט ברענען?... און אָט פאַר־לעשט זיך אינגאַנצן. אוים! אויסגעלאָשן גאָר אָן רחמנות דעם לעצטן פונק האָפענונג..." (98).

טאָמער איז דאָס ווייניק, קומט ס'ווײַב מיט אירע חלומות: זי האָט בפירוש געזען, אז אין זכות פון אירע הייליקע טאַטע־מאַמע וועט קיין בייז נישט געשען, ווײַל זיי זײַנען געשטאַנען איבער זייער שניטקראָם מיט אויסגעשפּרייטע הענט „און לאָזן נישט צו דאָס פײַער"...

דאָ האָט דינעזאָן אַרויסגעוויזן חוש צו באַניצן זיך מיט אַן אנעקדאָט אזוי חנעווודיק, אז עס זאָל זײַן ווי אַרויסגעוואַקסן פון דער האַנדלונג. מיט אבעל־מאַנס רייד ווערט אזוי פאַרענדיקט „דער קריזיס":

— „טאָמער מאַכט זיך שוין יאָ א מאָל א נס אפילו, וואָס קען פון אלע צרות אַרויסראַטעווען, קומט א זכות אָבות, וואָס מישט זיך אַרײַן און מאַכט קאַליע..." (99).

דינעזאָן איז פון ווײַנען אַריבער צום שמייכל און דערגאַנגען צו איראָניע. „דער קריזיס" איז די איראָניע איבערן סוחר, וואָס ווערט א באַנקראָטשיק קעגן זײַן ווילן — באַניצט ער זיך אויך מיט יענע שטיקעלעך, וואָס ער אַלײַן האָט אַפּריִער געהאַסט.

געלט, הייסט עס, שטויסט־אַרויס די ערלעכקייט פון מענטשן. זאָל מען נישט געפּרוּווט ווערן צו שטיין פאַרן נסיון פון געלט...

יעקב דינעזאָן האָט נאָך „יאָסעלע" ערשט געוויזן נײַע פאַזעס פון זײַן דער־ציילערישן טאַלאַנט דורך נײַע מאָטיוון, וועלכע זײַנען א וויכטיקער צושטײַער פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

---

97) ד"ז, ז' 129.

98) ד"ז, ז' 128.

99) ד"ז, ז' 133.

אַ וווּנדערלעכער בײַשפּיל פֿון פֿרײַנדשאַפֿט

דער דינעזאָן־פּרץ־ראָמאַן: אַ בלאַט ליטעראַטור־געשיכטע. — ווידער־שפּרוכן. — פֿאַר און קעגן. — דער צו־ערנסטער — אַן אָביעקט פֿאַר קיבעצערס. — פֿאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן און וועלטן: מתנגד און חסיד. — דינעזאָן דער באַרימטער און פּרץ דער דעבוטאַנט. — דער ברייטהאַרציקער זשעסט פֿאַרן ערשטן ביכל. — צוזאַמען רעדאַקטאָרן, צוזאַמען גרייט צו עמיגרירן. — די קעגנזייטיקע פֿאַרהעלטענישן אינעם ליכט פֿון הירשביין, מוקדוני, לעווין, טרונק, הירשקאַן, קאַגאַנאָווסקי, אַנ־סקי, מייזל, פּרץ־לאַקס, ציטראָן און נאָמבערג. — קאָנפֿראָנטירונג פֿון סתּירות און קאָרעספּאָנדענץ. — דער „פּאַסיווער" וואָס גרייפֿט־אָן. — דער „איגנאָרירטער" וועמען פּרץ פֿאָלגט. — דער קמצן וואָס צעטיילט „מתּן בסתר". — דינעזאָן, די מאַמע פֿאַר יונגע שרײַבערס, און זײַנע צוזאַמענשטויסן מיט פּרצן. — ווי „אַן אַלט פּאָר־פֿאָלק" — פּרצעס באַציִונג צו דינעזאָנען דעם שרײַבער. — „מײַן רוח הקודש". — פּרץ קויפֿט 3 קבֿרים און דינעזאָן בייט זיך מיט דער פּרויס קבֿר. — דער רירנדיקסטער בריוו וועגן אַ פֿרײַנד און זײַן ווײַטזיכטיקייט. — די זאָרג פֿאַר דער ירושה און דער פּלאַן פֿון פֿאָלקס־מוזיי. — די טאַטע־מאַמע פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

אויך די פֿרײַנדשאַפֿט, וואָס איז פֿאַרקניפּט געוואָרן צווישן יעקבֿ דינעזאָנען און י. ל. פּרצן, איז אַ וויכטיק בלאַט פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור.

נישט פֿאַר אַלעמען איז דאָס קלאָר. בײַ אייניקע האָט זיך גאָר געשאַפֿן אַ פֿאַרקערטע מיינונג. „אין ליטעראַרישע קרײַזן האָט מען אָפֿט אַרויסגעבראַכט די מיינונג, אַז י. ל. פּרץ האָט אינגאַנצן אײַנגעשלונגען יעקבֿ דינעזאָנען", און אַז „די פּרצעס האָבן דינעזאָנען געמאַכט פֿאַר דער באַלעבאָסטע בײַ זיך אין שטוב", כאָטש „דאָס איז געווען אַ טעות" (100). פֿאַראַן אויך אַ מיינונג, אַז „דינעזאָנס איבערגעגעבנקייט האָט פֿיל מאָל פֿאַרפֿירט פּרצן אין אַ בלאָטע" (101).

---

100) פּרץ הירשביין — „אין גאַנג פֿון לעבן", זכרונות, נ"י, 1948, ז' 274.

101) ד"ר אַ. מוקדוני — „אין וואַרשע און אין לאָדזש", זכרונות, ב"א, 1955, ב' 1, ז' 143.

און ס'איז דאָ אַ מיינונג, אַז פון דער גאַנצער מחנה פריינד, וואָס פּרץ האָט גע־האַט און וועלכע פלעגן קומען צו אים אין הויז, איז ער געווען דער איינציקער נאָענטער מענטש „און חוץ דינעזאָנען — קיינער נישט! " (102).

אינעם ליכט פון די אַלע פאַקטן, וואָס ווערן געבראַכט צו אילוסטרירן די־אָ מיינונגען, דערשיינט דינעזאָנס געשטאַלט היפּש פאַרנעפּלט. דאָס נעמט זיך, צום וואָרשיינלעכסטן פון זיין אייגענער נאַטור. דער גוטער, באַשיידענער, אָרנטלע־כער מענטש, וואָס לאָזט זיינס איבערגיין, קען גרינג באַרעדט ווערן. אַזוי איז די־נעזאָן, פונקט ווי פאַר זיין ליטעראַרישן שאַפן, נישט ריכטיק פאַרגעשטעלט גע־וואָרן וואָס שייך זיין פריינדשאַפט מיט פּרצן. ער איז אַפילו געוואָרן אַ צילבערעט פאַר באַהעמישע קיבעצערס, פאַר וועלכע אַ שטילער און איידעלער מענטש, וואָס קען זיך נישט אויף קונצן, זעט־אויס אַלטמאָדיש און פּראָווינציעל...

אוודאי איז חוזקן מער „מאָדערן" ווי עניוות.

*

דינעזאָן האָט בכלל פיינט געהאַט דאָס מין חוזקן.

„פּרץ האָט זיך קיינמאָל נישט דערלויבט דעם מינדסטן שפּאַס אויף דינע־זאָנס חשבון, און פּרץ האָט דווקא ליב געהאַט צו מאַכן שפּאַס איבער אַזעלכע ווי דינעזאָן. און קיינער פון פּרצעס פריינד האָט נישט געוואַגט אין פּרצעס קעגנ־וואַרט זיך אַ וויצל טאָן איבער דינעזאָנען" (103).

דינעזאָן איז געווען צו־ערנסט. אַזאַ ערנסט האָט ער געפונען אין פּרצן. דאָס האָט אים זיכער באַגייסטערט. ווייל פּרץ, אַפילו ווען ער האָט געשפּאַסט און איראָניזירט, איז געווען ערנסט. ער פלעגט אַריינפאַלן, פּרץ, אין קינדערשע התפעלות, טאַקע ווייל ער האָט אַלץ גענומען הייליק ערנסט. פּאַטעטיש. מיט אַזאַ ערנסט איז געווען באַהויכט זיין חסידישער ברען און רבישער שטעל, וואָס דער לצנות־טרייבערישער שלום עליכם און דער איראָניזירנדיקער דוד פרישמאַן האָבן אָנגענומען פאַר אָנשטעל. עס איז דערפאַר געווען נאַטירלעך, אַז נישט בלויז צווישן זיי ביידן און פּרצן זאָל יאָרנלאַנג אָנגיין אַ ברוגז און אַ רוגז, נאָר אַז אויך דינעזאָן זאָל אויף זיי טראָגן אַ האַרץ... אין דעם האָט דינעזאָן נישט באַ־דאַרפט נאָכגיין פּרצן — גיכער פאַרקערט.

---

102) ש. אַנ—סקי — „געזאַמלטע שריפטן", 10טער ב', זכרונות, וואַרשע 1922, ז' 165.

103) ד"ר אַ. מוקדוני, זכרונות, ב' 1, ז' 142.

יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ

עס איז בכלל איבערגעטריבן, וואָס אייניקע מקורבים, פּרצעס, האָבן גע־שריבן, אַז דינעזאָן איז נאָכגעגאַנגען זײַן גרויסן פֿרײַנד ווי אַן אומבאַהאָלפֿן, פֿאָלגנדיק קינד. ס'פֿעלן נישט קיין עפּיזאָדן, וואָס ווײַזן, אַז פּרץ האָט אויך אין ליטעראַרישע פֿראַגעס נישט איין מאָל געשטעלט אויף דינעזאָנס מבינות.

כאָטש געווען זײַנען זיי מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע וועלטן. פֿאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן. מיט פֿאַרשיידענע אײַנשטעלונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט.

דינעזאָן איז געווען אַ מתנגד. אַ טיפּישער ליטוואַק. משכיליש־באַלעבעסל־דיק. אין ליטעראַטור — דורכויס נאַטוראַליסט.

פּרץ איז געווען אַ חסיד. אַ טיפּישער פּוילישער ייִד. רעוואָלוציאָנעריש און באָהעמיש. אין ליטעראַטור — בעיקר ראָמאַנטיקער.

אַזעלכע קעגנזעצלעכע נאַטורן און פֿון דעסטוועגן האָבן זיי זיך אַזוי וווּנ־דערלעך צונויפֿגעלעבט אַ פֿערטל יאָרהונדערט!

*

דינעזאָן איז געווען מיט 4 יאָר ייִנגער פֿון פּרצן, אָבער געלעבט האָט ער פּונקט ווי פּרץ: 63 יאָר.

און פּונקט ווי פּרץ האָט ליב געהאַט אײַנצושטעלן זיך פֿאַר יונגע ייִדישע שרײַבערס, זיי זאָלן אַרויסגיין אויפֿן ברייטן שליאַך פֿון דער ייִדישער ליטעראַ־טור, אַזוי האָט דינעזאָן זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר פּרצן.

אין 1888, ווען פּרץ האָט דעבוטירט אין ייִדיש מיט „מאָניש" אין שלום עליכמס ערשטן באַנד „יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטהעק", האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דעם רעדאַקטאָר, וועלכער האָט צעממיתט זײַן באַלאַדע פֿאַרן דרוקן זי...
אָבער אויך דאָס, וואָס איז געבליבן פֿון פּרצן אין „מאָניש" אונטער שלום עליכמס רעדאַקציע, איז געגנוג, אַז דינעזאָן זאָל פֿון איר ווערן אַטציקט.

אין 1889 שרײַבט פּרץ זײַן ערשט בריוול צו דינעזאָנען. קורץ. אין טעלע־גראַפֿישן סטיל. אָן בקשות.

אין יענער צײַט האָט מען אין ש. ל. ציטראָנס קרײַז איבערגעלייענט פּרצעס קורצע „בעקענטע בילדער", וואָס קיין שום פֿאַרלעגער האָט נישט געוואָלט אַרויס־געבן. דינעזאָן איז פֿון זיי אַנטציקט.

דינעזאָן איז דער אָנערקענטער, פּאָפּולערער, באַליבטער ראָמאַניסט, באַ־קאַנט פֿאַר קינד און קייט. פּרץ איז אין ייִדיש אַן אָנפֿאַנגער. דינעזאָן איז אַלט־מאָדיש און פּרץ איז אולטראַמאָדערן. פֿון דעסטוועגן באַשליסט דינעזאָן אַליין אַרויסצוגעבן די „בעקענטע בילדער", אויף זײַן אייגענעם חשבון. ער גיט אויך

צום ביכל א הקדמה, ווּ ער זאָגט, אַז „פּרץ שרײַבט נישט צו חנפענען דעם גראָבן געשמאַק פון די נידעריקע קלאַסן לייענער, פאַרקערט, ער וויל אים פאַרפײַנערן און אויסבעסערן" (104). און ער שיקט־אַוועק די גאַנצע אויפלאַגע פון פּרצעס בוך — צום מחבר גלײַך אין שטוב אַרײַן! דאָס איז געווען אין 1890.

דער דאָזיקער פאַקט אַליין איז גענוג, אַז מ'זאָל באַקומען אַ בילד פון דינעזאָנס פּערזענלעכקײַט.

ווען מ'גיט נאָך צו, אַז אין זײַנע בעסטע יאָרן איז דינעזאָן קיין נגיד נישט געווען, און טאָמער האָט ער יאָ געהאַט אַ פּאָר רובל, איז דאָס געווען אין זכות פון זײַן אַלט־בחורישער טבע, קאַרגשאַפט, ווײַל ער אַליין האָט געלעבט אָרעם, אין אַ באַזונדערן צימער, אין זײַן שוועסטערס הויז אין וואַרשע, אָפּגעלאָזט, זיך אַליין נישט פאַרגונען אויסצוגעבן אַן איבעריקע קאָפּיקע — ווערט נאָך בולטער, וואָס עס האָט געמיינט דינעזאָנס אַרויסגעבן אויף זײַן אייגענעם חשבון אַ בוך פון אַ שרײַבער אַן אַנפאַנגער, דערצו פון גאָר אַן אַנדערן סטיל און נוסח ווי ער.

דורך זײַן פרײַנדשאַפט מיט פּרצן האָט דינעזאָן געוויזן, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַזאַ חוש און אָריענטאַציע, וואָס אַנדערע, מיט אַ סך גרעסערע פּרעטענזיעס, האָבן נישט פאַרמאָגט.

ווען מ'זעט, ווי שלום עליכם און דוד פרישמאַן האָבן געזינדיקט קעגן פּרצן און האָבן ערשט אויף דער עלטער באַגריפן זײַן ווערט און ווערק, פאַרשטייט מען, אַז יעקב דינעזאָן איז ווײַט געווען פון זײַן סתם אַ נאָכגייער און נאָכזאָגער.

*

אין 1891 גיט דינעזאָן אַרויס צוזאַמען מיט פּרצן צוויי בענד „אידישע ביבליאָטעק". שלום עליכם — ווי מיר דערוויסן זיך פון זײַנע בריוו צו דינעזאָנען (105) — איז געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף פּרצן, הלמאי ער האָט אַרויסגעגעבן ענלעכע זאַמלביכער צו זײַן „יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק", בפרט נאָך אַז דער נאָמען איז געווען אַן ענלעכער. פּרצעס אַ מקורב דערציילט אָבער, אַז די „אידישע ביבליאָטעק" האָט פּרץ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן מיט דינעזאָנס

---

104) י. ש. (ד"ר יעקב שאַצקי) — „אַן אומבאַקאַנטע הקדמה צו פּרצעס באַקאַנטע בילדער", אין „פּנקס", 1928, ב' 1, נ' 4, י. ש. פאַררופט זיך אויף ד"ר אַ. אַ. ראָבאַקס פעסטשטעלונג וועגן דעם.

105) „ייוואָ־בלעטער", ווילנע, 1932, נ' 4—5, זז' 347—349.

איניציאַטיווע" (106). שלום עליכמען האָט דאָס מסתמא גאָר נישט געקאָנט אײַנפאַלן: אַז דער שטילינקער דינעזאָן זאָל זײַן אַזאַ אויפטוער...

אין 1892 ווערט בײַ די פרײַנד אַקטועל דער פּלאַן אויסצוואַנדערן קײַן אַרגענטינע. פּרץ וווינט אין וואַרשע און דינעזאָן אין קיעוו. זײַנען פּרצעס בריוו די בעסטע עדות, אַז צו דינעזאָנען געהערן די איניציאַטיוועס. פּרץ זאָגט, אַז ער איז אומבאַהאָלפן, ווען ער דאַרף פאַר זיך אַליין עפּעס טאָן — טוט פאַר אים דינעזאָן. רעדט, פאַרהאַנדלט, שרײַבט און פּלאַנירט. פּרץ אויטאָריזירט אים: „איך דערלויב דיר — שרײַבט ער — אויך מיטן גאַנצן האַרצן צו ריידן אין אונדזערביידנס נאָמען" (107).

שפּעטער, אַז ער באַזעצט זיך דעפיניטיוו אין וואַרשע, בלײַבן נישט פון די ביידע פרײַנד קיין אייגנהענטיקע פאַרצייכענונגען וועגן זייער צוזאַמענאַרבעט. דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף מעמואַריסטן, וועלכע זײַנען נישט זעלטן צו־נאָענט צו זיך און צו־ווײַט פון די, וועלכע זיי באַשרײַבן...

*

זײַנען געווען צווישן פּרצעס מקורבים יונגע שרײַבערס, וועלכע האָבן געקוקט קרום אויף דעם דאָזיקן „זיווג".

„די פרײַנדשאַפט צווישן פּרצן און דינעזאָנען — זאָגט אַפילו איינער פון זיי — איז נישט געווען קיין געזונטע, ווײַל עס איז געווען אַ פרײַנדשאַפט צווישן צוויי ווײַט נישט־גלײַכע מענטשן. די פרײַנדשאַפט האָט מיט דער צײַט טאַקע דער־גענערירט אין משרתערײַ מצד דינעזאָנען, אין אַ פּאַטעטישער, אָבער אַ נישט־נאַטירלעכער געטרײַקייט און איבערגעגעבנקייט פון איין צד, פון דינעזאָנס צד... דאָס אומאָנגענעמסטע פאַר פּרצן איז געווען דאָס, וואָס דינעזאָן האָט פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזט, אַז פּרץ זאָל אים מיט עפּעס אָפּדינען אָדער מהנה זײַן... דינעזאָן פלעגט אַ חוץ שטאָפּן פּאַפּיראָסן פאַר פּרצן אויך שרײַבן בריוו פאַר פּרצן. ער פלעגט עס טאָן מיט אַ גאָר גרויסער הנאה; דינעזאָן איז געווען ממש אַ לײַדנשאַפטלעכער בריוושרײַבער. ער פלעגט שרײַבן לאַנגע, סענטימענטאַלע בריוו צו די לייענערנס זײַנע, אָבער די לייענערנס זײַנען אויסגעשטאָרבן; קיין נײַע לייענערס האָט ער נישט געהאַט, ווײַל ער האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט שרײַבן. דינעזאָן האָט זיך ממש אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט צו שרײַבן בריוו

---

106) ד״ר גרשון לעווין — „פּרץ, אַ ביסל זכרונות, וואַרשע 1919, ז׳ 61.

107) „בריוו און רעדעס", ז׳ 81 (איבי).

פאר פרצן. אָבער דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער קיין גרויסע טובה נישט געטאָן; די ייִדישע ליטעראַטור האָט אַנשטאָט פּרצעס בריוו באַקומען בירושה דינעזאָנס בריוו". און נאָך עפּעס: „פּרצן איז געווען שטאַרק נישט אָנגענעם דינעזאָנס אַבסאָלוטע פּאַסיוויקייט אין פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט בכלל".

דערפאַר אָבער פלעגט ער שטענדיק „אַראָפּדינגען" ביי פּרצן, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן געלט, ספּעציעל פאַר אַנדערע. „אַ מאָל פלעגט זיך אַ באַדערפטיקן שרייבער איינגעבן צו לייען ביי דינעזאָנען עטלעכע רובל", אָבער ער „פלעגט כסדר אַראָפּדינגען... די פאַרלאַנגטע סומע פלעגט איינגעשרומפּן ווערן אַזוי, אַז זי האָט כמעט קיין ווערט נישט געהאַט און דער שרייבער איז פון איר נישט געהאָלפן געוואָרן" (108).

מיט וואָס־זשע קען מען אָבער דערקלערן, וואָס דער זעלביקער מקורב, פּרצעס, דערציילט שפּעטער, אַז אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט" אין וואַרשע האָט דורכגעפירט אין 1910, האָט דינעזאָן „זיך געבעטן רחמים: — לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון פּרצן, עס קען אַרויסקומען, חלילה, אַן אומגליק, פּאָליאַקן וועלן, ערשטנס, נישט געבן די „פילהאַרמאָניע", און אַז זיי וועלן שוין יאָ געבן, וועלן זיי באַפאַלן די פאַרזאַמלונג און, גאָט ווייס, וואָס עס קען אַרויסקומען"? (109).

און מיט וואָס קען מען דערקלערן, וואָס דער זעלביקער מקורב דערציילט נאָך דעם, אין שייכות מיטן שפּילן פון דער פּרץ הירשביין־טרופּע אין וואַרשע, אַז „אויף אַ צוזאַמענקום פון „אייגענע" מענטשן ביי פּרצן האָב איך געהאַט אויסצושטיין שווערע אַטאַקעס מצד דעם ווייכהאַרציקן י. דינעזאָן, וועלכער איז געווען ווייט פון טעאַטער און האָט געטענהט, אַז מען דאַרף זיין מילד צו דער טרופּע"? (110).

באַווייזן די דאָזיקע פאַקטן „דינעזאָנס אַבסאָלוטע פּאַסיוויקייט"?

*

דערציילט אַן אַנדער מקורב פון דער פּלעיאַדע יונגע שרייבערס:

„מען האָט אין ליטעראַרישע קרייזן אָפט געפרעגט: — ווי אַזוי וואָלט עס י. ל. פּרצן געגאַנגען אין לעבן, ווען דער פּראַקטישער יעקב דינעזאָן שלאָגט זיך

---

108) ד"ר אַ. מוקדוני — זכרונות, ב' 1, ז' 139—143.

109) ד"ז, ב' 2, ז' 197.

110) ד"ז, ז' 218.

זיך נישט אָן אויף זײַן װעג?... װען י. ל. פּרץ האָט געדאַרפֿט ערגעץ קריגן אַ פּאָר צענדליקער רובל, מיט דעם אַרויסצוהעלפֿן אַ יונגן שרײַבער, װאָס איז געװען אין נויט — האָט ער דעם סוד דינעזאָנען פֿאַרטרויט. אַ סך מאָל האָט יעקב דינעזאָן פֿון זײַן אייגענער קעשענע אַרויסגענומען און עס איבערגעגעבן י. ל. פּרצן. דינעזאָן האָט געהאַלטן פֿון „מתן בסתר" (111).

אַזוי איז איינער סותר דעם אַנדערן.

דערציילט איינער פֿון דער זעלביקער פּלעיאַדע קרעפֿטיקע שרײַבערס, אַז „אַלצדינג װאָס איז אַרויס פֿון פּרצעס פּעדער איז אין דינעזאָנס אויגן געװען לויטער גאָלד" (112). און אַ צװייטער דערציילט: „פּרץ טיילט זיך תּמיד מיט דינעזאָנען װעגן זײַנע ליטעראַרישע פּלענער און טעמעס, נאָר אַז דינעזאָן װאָגט אַרײַנצוזאָגן עפּעס אַ קריטיש װאָרט — שטעלט אים פּרץ גלײַך אָפּ: — װאָס פֿאַרשטייסטו, יאַנקל..." (113).

איז אָבער כדאי צו קאָנפֿראָנטירן די דאָזיקע צװיי מיינונגען, װאָס זײַנען איינס, מיט דעם װאָס עס דערציילט פּרצעס אַ ידיד און אַ לאַנגיאָריקער שותּף אין קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע אימפּרעזעס.

„פּרץ — גיט ער איבער — האָט פֿאָרגעלעזן דעם ערשטן קאַפּיטל פֿון אַ ראָמאַן — ער האָט דורכויס געװאָלט אויפֿשרײַבן אַ גרויסן ראָמאַן. דער קאַפּיטל איז געװען אויפֿגעשריבן זייער שיין, ס'איז אָבער שוין געװען אַ גאַנצע זאַך, אַזוי װי פּרץ דער נאָװעליסט איז געװוינט געװען צו שרײַבן; ס'איז שוין כמעט נישט געבליבן מער, װאָס צו אַנטװיקלען. דינעזאָן האָט אים דערויף געמאַכט אויפֿמערקזאַם.

„הער אויס — האָט ער אים געזאָגט — אין דעם ערשטן קאַפּיטל איז שוין דאָ דער קונפּטיקער חתן, די קונפּטיקע כּלה און אַ צװייטער יונגערמאַן, װאָס ליבט זיך אין איר, ס'זײַנען שוין אַפֿילו דאָ די עלטערן פֿון די יונגע מענטשן, װאָס פֿירן צװישן זיך מחלוקת. װאָס־זשע קען נאָך זײַן װײַטער?"

פּרץ האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרקלערט און זאָגנדיק, „דינעזאָן, ביסט גערעכט", האָט ער גענומען דעם שופֿלאָד פֿונעם שרײַבטיש און האָט דאָרט אַרײַנגעװאָרפֿן דעם מאַנוסקריפּט. ער האָט שוין, פּרץ, פֿונעם ראָמאַן נישט גערעדט" (114).

---

111) פּרץ הירשביין — „אין גאַנג פֿון לעבן", זז' 275—277.

112) י. י. טרונק — „פּוילן", בוך 5, „פּרץ", ניו־יאָרק 1949, ז' 69.

113) צבֿי הירשקאַן — „אונטער איין דאַך", װאַרשע 1931, „דער פּרץ־דינעזאָן־ראָמאַן", ז' 50.

114) ד"ר גרשון לעװין — „פּרץ", זז' 44—45.

און אנטקעגן דעם, וואָס „אויב פּרץ איז געווען צו עמיצן קאַלט, איז אויך דינעזאָנס באַציִונג געווען אַ קאַלטע" (112), איז כדאי צו קאָנפֿראָנטירן די דאָזיקע באַהויפּטונג מיט אַן עפּיזאָד, ווי פּרץ פּלעגט אַן אָנפאַנגער האסטיק אָפּזאָגן דאָס שרײַבערשע לעבן...

„נאָך עטלעכע שורות שטעלט אים פּרץ אָפּ:

— געגנוג... איר האָט נישט קיין טאַלענט...

דער יונגערמאַן איז געשחטן... אָבער שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זיך געפונען בײַ דער זײַט דער אַלטער יעקב דינעזאָן, וואָס האָט זיך שטיל מיט זײַנע קינדערשע טריטלעך צוגעשאַרט צו דעם געשחטענעם און אים שטיל אַ זאָג געטאָן:

— גייט אַהיים, שרײַבט אַן אַנדערע זאַכן... אפשר וועלן זיי זײַן בעסער...

דערנאָך פלעגט זיך פּרץ פאַרענטפערן און זיך שפּאַרן מיט דינעזאָנען:

— מען טאָר נישט אין די פאַלן זײַן מילד... מען מוז אָפּשנײַדן מיטאַמאָל... ווען נישט, צעברעכט מען יענעם דאָס לעבן... בײַ ליטעראַטור דאַרף מען צו אָנפאַנגער נישט זײַן קיין מאַמע, נאָר אַ — טאַטע... אַ מאַמע פאַרדעקט די שלעכטע געגג פונעם קינד און מיינט, אַז זי טוט אים אַ טובה..." (115).

דינעזאָן, זעען מיר, האָט נישט סתם נאָכגעבאַמקעט פּרצן.

ווי היים פאַרליבט ער איז געווען אין פּרצן, איז דינעזאָן אַלץ געבליבן דינעזאָן — די מאַמע.

*

„עס איז דאָ אַ פאָלקס־אויסדרוק וועגן דער העכסטער פאָרעם פרײַנדשאַפט און ליבע צווישן צוויי מענטשן: „איין נשמה אין צוויי גופים". וועגן פּרצן און דינעזאָנען האָט מען געקאָנט דאָס זעלבע ווערטל זאָגן פאַרקערט: „צוויי נשמות אין איין גוף"... אַזאַ אינטימען צוזאַמענבונד טרעפט נאָר בײַ אַן אַלטן פאָרפאָלק" (116).

פּרצעס ליבשאַפט צו דינעזאָנען זעט מען אפילו אין שרײַבן בריוו. פּרץ

115) אפרים קאַגאַנאָווסקי — „אידישע שרײַבער אין דער היים", לאָדזש 1949, ז' 13.

116) ש. אנ־סקי — זכרונות, ב' 10, זז' 164—165.

האָט זיך געפּוילט צו שרײַבן בריוו. און פּלעגט ער אָנשרײַבן, האָט ער פאַרגעסן זיי אוועקצושיקן. אָבער צו איין מענטשן האָט ער זיך נישט געפּוילט צו שרײַבן, אַפילו ווען ער איז פון אים געווען געשיידט בלויז אויף עטלעכע טעג, און דער מענטש איז געווען דינעזאָן. צו אים האָט ער די גרעסטע צאָל בריוו אָנגעשריבן, פּאָסטקאַרטלעך מיט גראַמען, מיט המצאהלעך; אַזעלכע זײַנען אַזש 90 לערך צונויפגעזאַמלט געוואָרן. וואָלט דינעזאָן נישט אָנגעהאַלטן פאַר זיך ניט די קאָרעספּאָנדענץ מיט פּאַרלאַגן, שרײַבערס, אינסטיטוציעס, וואָלטן מיר בלי שום ספק געהאַט ווייניקער אויפטוען פּרצעס אויף אַלע פעלדער, וואָס ער האָט צע־אַקערט. הינטער דעם צעפלאַמטן פּרץ איז געשטאַנען דער שטילערהייט־אָרגאַני־זירטער דינעזאָן, וועלכער האָט נישט געלאָזט פאַרלוירן גיין אַ סך מעגלעכקייטן, וועלכער האָט אים באַרויקט נאָך זײַנע שטורעמס און, ווי אַ רואה ואינו נראה, מיטגעהאָלפן, ווו און ווי ער האָט נאָר געקענט.

פּרץ וויל מיט שלום עליכמען נישט אָנהאַלטן פּערזענלעך קיין פאַרבינדונ־גען. טוט עס פאַר אים דינעזאָן. יונגע שרײַבערס האָבן נישט דעם טאָג איבער־צולעבן און פּרץ מוטיקט זיי צו בלײַבן דווקא אין וואַרשע. אָבער ווי אַזוי? פאַר־ענטפערט דינעזאָן די „קשיא" און אַ סך מאָל גייט עס אויף פּרצעס קאָנטע... פּרץ איז אימפּולסיוו און טרײַבט־אָפּ אַזאַ אָדער אַנדערן אָנפאַנגער. שטעלט זיך דינעזאָן פאַר אים אײַן און איז אים מקרב.

דינעזאָן האָט גלײַך פון אָנהייב דערזען אין פּרצן אַ גרעסערן פון זיך, אַ מער באַרופענעם, אַ וואָרטזאָגער מיטן שווונג פון אַ וועגווייזער — גיט־אָפּ די־נעזאָן פּרצן אַלע כיבודים.

„ער האָט געפירט שטילע „ליבעס" מיט אַ ריי ייִדישע שרײַבער, אָבער זײַן אמתע און שטענדיקע ליבע, מיט וועלכער ער האָט צענדלינגער יאָרן געלעבט, איז געווען פּרץ" (117).

„אַ מאָל אין אַן אָוונט זאָגט פּרץ צו אים: „דינעזאָן, ווי וואָלט איך גע־לעבט אָן דיר?..." — דינעזאָן שמייכלט צופרידן... אין קעגנטייל צו פּרצן, וועלכער איז געווען אין זײַן לעבנסאַרט פרײַ און כסדר געזוכט ענדערונגען — איז דינעזאָן געווען צוריקגעהאַלטן און טרײַ די אַלטע טראַדיציעס. פּרץ האָט אין דער הינזיכט דינעזאָנען נישט געשווינט און פּלעגט אָפט לײַכט אָפּלאַכן פון אים" (118).

---

117) נחמן מײַזיל — „יצחק לייבוש פּרץ און זײַן דור שרײַבער", נ"י 1951, ז' 255.

118) ר. פּרץ־לאַקס — „אַרום פּרצן", וואַרשע 1935, ז' 61 און ז' 66.

ער אַרבעט מעשים, דינעזאָן, צו פאַרזיכערן פּרצן אויף דער עלטער. מיט דער מאַדאַם פּרץ לייזט ער אַ סך מאָל שווערע מאַטעריעלע דאגות. זעט ער, אַז זיין גרויסער פריינד קריגט אַ שווער אָטעמען, כאַפּט זיך פאַרן האַרץ, מאַכט ער אָפּ מיט דער פרוי אַריבערצוגיין אין אַ לופטיקערער דירה, ווייט פון דער **יידישער** געגנט, וואָס פירט צו דעם, אַז פּרצעס הויז זאָל ווערן אויס טעגלעכער אַדרעס פאַר יידישע שרייבערס, קינסטלערס און קולטור־טוערס.

ברעכט־אויס די ערשטע וועלט־מלחמה, פרוווט דינעזאָן אַליין אַנטלויפן פון וואַרשע, אָן פּרצן. (ווייל פּרץ האָט נישט געוואָלט פאָרן). ס'דויערט ווייניק און ער קומט צוריק: נישט געקאָנט זיין אָן אים.

אויף זיי איז טאַקע געזאָגט געוואָרן דער פּסוק פון „הנאהבים והנעימים": איינער אָן דעם אַנדערן האָט נישט געקאָנט לעבן.

*

און נישט גערעכט זיינען יענע מעמואַריסטן, וועלכע שטעלן־פאַר דינעזאָ־נען בלויז ווי פּרצעס „באַלעבאָסטע", בפרט נאָך ווען זיי גיבן־צו: „קיינמאָל נישט געהערט, אַז פּרץ זאָל ווען עס איז ריידן וועגן דינעזאָנס שאַפונגען; משמעות האָט ער וועגן זיי נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג" (119).

איז אַוודאי פּרץ געווען פון גאָר אַן אַנדערער איינשטעלונג וועגן ליטעראַ־טור. אָבער גענוג צו ציטירן, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו דינעזאָנען סוף 1893 פון וואַרשע קיין קיעוו:

— „פאַרוואָס שרייבסטו גאָרנישט? — האָט ער צו אים געהאַט טענות און פאַרגעוואָרפן — דו באַהאַלטסט זיך, און דיין קול באַהאַלטסטו, און דיין פעדער האָסטו אָפּגעהאַקט... און דו שטייסט פונדערווייטן. איך קען נישט פאַר־שטיין דיינע דרכים און דיינע מעשים, וואָס מיט דיר איז געוואָרן? צי קאָן אַ פרוי פאַרגעסן איר קינד? און דו האָסט די ליטעראַטור אַוועקגעוואָרפן הינטער זיך? שרייב מיר, וואָס דאָס באַדייט" (120).

עס קומען יאָרן, ווען מ'זוכט פון נאָרד־אַמעריקע, אַז יידישע שרייבערס פון רוסלאַנד זאָלן מיטאַרבעטן, און מ'לייגט־פאַר נישקשהדיקע האָנאָראַרן. פּרץ דער־ציילט דאָס דינעזאָנען, כדי אַרויסצורופן ביי אים חשק צו מיטאַרבעטן אין אַמע־ריקאַנער בלעטער. און פּרץ שרייבט דאָך אין 1903: „עס איז זיך שווער פאַר־

---

119) י. י. טרונק — פּרץ", ז' 69.

120) „בריוו און רעדעס", ז' 86.

צושטעלן אַ ייִדישן לעזער, וואָס זאָל דינעזאָנס זאַכן נישט קענען" (121). נאָר דינעזאָן האָלט זיך בײַ זײַן אַלטער טעאָריע: פון שרײַבן איז שווער זיך אָפּגעוווינען, אָבער נישט פון דרוקן. מיט דער צײַט האָט ער זיך אָפּגעוווינט אויך פון פּאָרלייענען זײַנע אייגענע שריפטן און אַפילו פון דערציילן, אַז ער שרײַבט אָדער אַז ער האָט עפּעס אָנגעשריבן... אַזוי האָט מען נאָך זײַן טויט געפונען בײַ אים מאַנוסקריפּטן פאַר אַ האַלבער טוץ נײַע ביכער.

ער האָט זיך באַפרײַט פון שרײַבערזוכט.

אַ נחבא אל הכלים איז ער געווען.

*

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד פון פּרצעס אַ באַזוך אין אַ שטאָט, וווּ עס האָט אים באַגלייט דינעזאָן. נאָך דער לעקציע, פּרצעס, האָבן די אָרטיקע שרײַבערס אײַנגעאָרדנט אַ באַנקעט און אין רעדעס באַזונגען פּרצן. דינעזאָנען האָט קיינער נישט דערמאָנט. דערפאַר אָבער האָט פּרץ, ענטפערנדיק און דאַנקענדיק, באַמערקט די רעדנערס, אַז זיי האָבן פאַרגעסן צו דערמאָנען אַ הויפּטזאַך: זײַן רוח הקודש...

„אַלע אָנוועזנדע האָבן אָנגעקוקט פּרצן שטאַרק פאַרוווּנדערט.

— מײַן רוח הקודש איז אָט דער... אָט דער... — און פּרץ האָט בשעת־מעשה אָנגעוויזן אויף דינעזאָנען.

דינעזאָן, דער גרויסער עניו, האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן פון אָרט און אויסגערופן:

— ניין, ניין, חברים! גלויבט אים נישט; דער רוח הקודש איז ער, ער, נאָר ער אַליין; איך אויף קיין פאַל נישט..." (122).

*

דערפאַר מעג חידושן, וואָס אַ מקורב, אַ פּראָמינענטער ייִדישער וואָרטזאָגער, האָט געשריבן: „איז געשטאָרבן דינעזאָן... געווען, אַז עפּעס אַ פאַרווייַנט מענטשל, וואָס פאַרקערט זיך שטאַרק אַרום גרויסע נעמען, זאָל זיך אָנרופן: „מען דאַרף אים באַגראָבן נעבן פּרצן", און קיינער זאָל זיך נישט קעגנשטעלן" (123).

---

121) „ליטעראַטור און לעבן", ז' 136.

122) ש. ל. ציטראָן — „דרײַ ליטעראַרישע דורות", ב' 1, ז' 104.

123) ה. ד. נאָמבערג — „י. ל. פּרץ", ב"א 1946, ז' 78.

זעט אוים מאָדנע אָט־די מעשה מיט „עפּעס אַ פּאַרוויינט מענטשל”. ווײַל נישט קיין אַנדערע, ווי פּרצעס אַ קרובה, וואָס האָט געוווינט אַ ריי יאָרן בײַ אים אין שטוב, דערציילט אַז „פּרץ האָט געהאַט געקויפט פּלעצער פאַר דרײַ קברים — פאַר זיך, זײַן פרוי און דינעזאָנען”, און אַז „דינעזאָן האָט פאַרן טויט גע־בעטן בײַ דער פרוי פּרץ, זי זאָל זיך בײַטן מיט אים די ערטער, ער זאָל ליגן נענטער צו פּרצן”, און „די פרוי פּרץ האָט מסכים געווען” (124).

ס'איז דעריבער כאַראַקטעריסטיש דער דערשיטערנדיקע בריוו, וואָס דינעזאָן האָט געשיקט גלײַך נאָך פּרצעס טויט צו ש. אַנ־סקי, ווען ער רופט־אָן „טייערסטער, ליבסטער און נאָך אונדזער זעליקן פּרצן שוין מײַן איין־איינציקער פרײַנד”:

— „איך שעם זיך — האָט דינעזאָן געשריבן — וואָס איך לעב נאָך... אָבער מײַן לעבן וואָלט ווירקלעך אַ שאַנד געווען, ווען איך זאָל אַזוי שלעכט זײַן ווי אַלע אַנדערע און גלייבן ווי זיי, אַז פּרץ, אונדזער ביידנס, און באַזונדערס מײַן פּרץ, איז באמת געשטאָרבן! איך הייב נישט אָן אין דעם צו גלייבן... ווען איך שטיי נעבן זײַן קבר, שטייט ער אַ לעבעדיקער בײַ מײַן זײַט און לייענט צוגלײַך מיט מיר דאָס קליינע דערוויַיליק מצבה־ברעטל... און קײַקלט זיך מיר אַרויס אַ הייסע טרער פון מײַנע אויגן, באַמערקט ער עס באַלד, און מיט זײַן אויפמונטערנדן שמייכל לאַכט ער פון מיר, וואָס איך האָב אַ טבע פון אַ ייִדענע באַלד צו וויינען. נו, וואָס וויינסטו? — פרעגט ער. וואָס זאָגן דיר די פאַר ווערטער דאָ אויפן מצבה־ברעטל? נאַרישער מענטש, זיי האָט דאָך אויפגעשריבן דײַן קברות־ייִד, וואָס ווייסט ווענן לעבן און טויט נישט מער פאַר אַ טויטן! פאַר אים איז אפשר יצחק לייבוש פּרץ געשטאָרבן, פאַר דיר אָבער לעבט ער דאָך”! (125).

און דינעזאָן, ווי צעוווּנדיקט ער איז געווען, האָט גלײַך אויף דער הייסער מינוט באַנומען די צוויי דרינגענדיגע אויפגאַבן, פאַר וועלכע פּרצעס טויט האָט אָנגעוועקט: 1) „פּרץ האָט אַ זון... אָבער נישט מער ווי אַ זון אַ יורש, וואָס צו אים געהערן די אַלע רעכטן אויף אַלץ, וואָס איז געבליבן פון זײַן גרויסן פאָטער, וועלכע ער, דער יורש, האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַרשטיין און קענען אין לעבן און נאָך וויניקער נאָך זײַן טויט...”; 2) „ציִ איז נישט מעגלעך ווי עס איז צושטאַנד צו ברענגען, אַז פּרצעס אַרבעט־צימער מיט אַלץ, וואָס איז אים ליב און טײַער געווען זאָל אָפּגעקויפט ווערן פאַרן

---

124) ר. פּרץ־לאַקס — „אַרום פּרצן”, ז' 68.

125) „לעבן”, רעדי משה שאַליט, ווילנע, 1920, נ' 3—4.

יידישן פאָלקס־מוזעאום גלײַכפיל ווי ער וועט זיך גרינדן, צי אין פּעטראָגראַד, צי אין ווילנע. נאָר פּרצעס אַרבעט־צימער, אין וועלכן ער האָט פאַרן יידישן פאָלק אַזוי פיל שיינע און שאַצבאַרע אוצרות געשאַפן, אַזוי טריי און ערלעך פאַר דער יידישער ליטעראַטור געאַרבעט, וויל איך, זאָל בלייבן אַ פאָלקס־אייגנ־טום (126).

יעקב דינעזאָן איז נישט צופעליק געווען י. ל. פּרצעס לעבנספרײַנד. ער האָט באַנומען זיין גראַנדיאָזיטעט ווי אַ קינסטלער און זיין אָרט פאַר דער יידי־שער ליטעראַטור. האָט דערפאַר דינעזאָן, פּונקט ווי בײַם לעבן, אויך נאָכן טויט זיך געפונען ביי זיין זייט אין „אוהל פּרץ".

פּרץ — דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור; דינעזאָן — די מאַמע.

---

126) ד"ז.

דער מיטגרינדער פון קינדערהיימען — פאַר זיינע העלדן

דינעזאָן: די מאַמע פון די יידישע פאָלקשולן. — דער קוראַטאָר פון די ערשטע קינדערהיימען אין וואַרשע. — „אַן איבערראַשונג". — קאַסיר פון רחמים און ליבע פאַרן יידישן קינד.—נאָמבערג, פאַט, מענדעלסאָן און קאַזדאַן וועגן דינעזאָנס שולטועריי. — דער דערציילער, וואָס האָט דאָס גרעסטע אָרט אָפּגעגעבן פאַר יתומים. — פון דער אייגענער דער־פאַרונג אין חדר. — דאָס קינד איז בכלל געווען פאַריתומט. — דער בריוו צום ייד' נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד אין 1913. — דינעזאָן, דער פּיאָנער פון יידישיסטישע שולן, דער יסוד פון „ציש״אָ". — דער סקאַנדאַל מיט 20,000 דאָלער, וואָס פאַרבשטיין האָט אויסבאַהאַלטן פון דינעזאָנען. — „מיינע קינדערהיימען און שולן". — פאַרוואָס די־נעזאָן האָט נישט געלאָזט אָנרופן די ערשטע קינדערהיים מיט פרצעס נאָמען. — אַ מבין אויף לערערס און אַ קינד צווישן קינדער.

יעקב דינעזאָן, פּונקט ווי ער האָט געשפּילט די ראָלע פון דער מאַמע אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט אויך געשפּילט די ראָלע פון דער מאַמע אין די יידישע פאָלקשולן.

דער דאָזיקער שטילינקער, צוריקגעצויגענער, אויבנאויפיק־פּאַסיווער מענטש, וועלכער איז געווען דער איניציאַטאָר פון אַ ריי וויכטיקע אַרבעטן, וואָס פאַר־נעמען אַן אָרט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, בעיקר אין שייכות מיט י. ל. פּרצן, איז אויך געווען דער פּיאָנער, וואָס האָט מוט געהאַט זיך איינצושטעלן פאַר די ערשטע יידישע קינדערהיימען אין פּוילן, פון וועלכע עס איז באַשאַפן געוואָרן די נעץ פון די יידישע וועלטלעכע שולן, אָרגאַניזירטע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטערן נאָמען „ציש״אָ".

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זייערע אויגן נישט געגלויבט, ווען זיי האָבן געזען דינעזאָנען ביי דער נייער אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן בשותפות מיט פּרצן, אָבער אין גיכן געבליבן ביי איר אַליין און זי פאָרגעזעצט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. „ווען עמעצער וואָלט פאַר דער מלחמה נביאות זאָגן, — איז זיך

אפילו מודה איינער פון די מקורבים —, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען דער שטיל־ליבער און שטיל־ליבנדיקער יעקב דינעזאָן וועט ווערן אַ מענטש פון דער עפנטלעכקייט, אַ קוראַטאָר פון אַ נעץ שולן, אַ קעמפער פאַר דער פאָלקזאַך — וואָלט מען אים אויסגעלאַכט. דינעזאָן אַליין וואָלט געשמייכלט... און אָט איז געקומען די מלחמה, און דינעזאָן איז געוואָרן אַ פאָטער פון אַן ערך טויזנט קינדערלעך, אַ פאַרטרעטער פון אַ געוויסער סיסטעם, אַ קעמפער פאַר דער ייִדי־שער פאָלקסטימלעכער שול... אומגעריכט פאַר אים אַליין איז ער אַרײַן אין דער ראָלע. אין די שווערע, ביטערע טעג, ווען דער שטראָם היימלאָזע האָט זיך געלאָזט קײַן וואַרשע, און די ערשטע ייִדישע פאָלקסטימלעכע קינדערהיים איז געגרינדעט געוואָרן, האָט אים פּרץ גענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט: „דינ־עזאָן, זײַ אַ קוראַטאָר!”... און דינעזאָן האָט געמוזט דערפילן דעם דאָזיקן „קאַפּריז” פון גרויסן ייִדישן דיכטער... און די דינעזאָן־שולן זײַנען געוואָרן אַ פאַרקערפּערונג פון אַן אידייע... און יעקב דינעזאָן איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער — און דער ערשטער צווישן די פּאַרטיזאַנער... אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר דער ייִדישער פאָלקשול וועט דינעזאָנס נאָמען פיגורירן צווישן די ערשטע און טעטיקסטע... אין זײַן נײַער ראָלע איז יעקב דינעזאָן, פאַר זיך און פאַר אונדז אַלע, באמת — אַן איבערראַשונג” (127).

פאַר אַנדערע, אָרגאַניש פאַרבונדענע מיט דער ייִדישער שול אין פּוילן, איז אָבער גאָר נישט געווען קיין „איבערראַשונג”, וואָס דינעזאָן איז געווען צווישן די ערשטע בויערס פון דעם נײַעם ייִדישן שולוועזן, אַרויסגערופן דורך דער ביטערער קריג־נויט. אדרבה, פאַרקערט. „עס איז אינטערעסאַנט און וויכטיק — אַלס פאָרזיצער פון דער ערשטע ייִדישער קינדערהיים אין פּוילן ווערט אויסגעקליבן י. ל. פּרץ און אַלץ קאַסירער יעקב דינעזאָן. זיי ווערן ביידע שולטוערס, אָרגאַניזאַטאָרן, פינאַנץ־זאָרגערס. דער מחבר פון „יאָסעלע”, דאָס בוך פון צער פון פאַריתומטן ייִדישן קינד, דאָס בוך פון רחמים און ליבע — יעקב דינעזאָן איז דער קאַסיר” (128).

און ווירקלעך: דורך די ערשטע ייִדישע קינדערהיימען און פאָלקשולן האָט

---

127) ה. ד. נאָמבערג — „מענטשן און ווערק”, וואַרשע 1930, זז׳ 69—71.

ייִדישער דערציִונג”, „וועלט־צענטער פאַר דער ייִדישער שול בײַם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס”, נ׳ 3, נ״י 1950.

128) יעקב פּאַט — „י. ל. פּרץ און די ייִדישע שול”, אין „בלעטער פאַר

יעקב דינעזאָן צווישן די קינדער פון דער יידישער שול אין וואַרשע אויף קאַרמעליצקע 29, אין 1918

(פאָטאָגראַפיע פון ייוואָ-אַרכיוו אין ניו-יאָרק)

יעקב דינעזאָן אײַנגעקאַסירט רחמים און ליבע פאַר דעם פאַריתומטן ייִדישן קינד.

ווער נאָך האָט דאָס עלנטע ייִדישע קינד מיט אַזוי פיל האַרץ פאָרגעשטעלט, ווי יעקב דינעזאָן אין זײַנע ראָמאַנען און דערציילונגען?

*

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז נישטאָ נאָך איין ייִדישער דערציילער, וועלכער זאָל פאָרשטעלן אין זײַנע ראָמאַנען און נאָוועלן אַזוי פיל יתומים, שטיף־קינדער, שטיף־ברידער און שטיף־שוועסטערס, אַזוי פיל „שטאַכמאַמעס" און שטיף־טאַטעס. „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" פאַרפינצטערט דאָס לעבן זײַן שטיף־שוועסטער ראָזע. אין „אבן נגף" זײַנען די העלדן־קרבנות — יתומים: אַזוי משהלע, ווי רחלע. אין „הערשעלע" איז קודם מירעלע אַ יתומה. אין „יאָסעלע" איז דאָס קינד אַ יתום נאָך איידער דער טאַטע שטאַרבט. אין „צוויי מאַמעס" איז בעקע אַ יתומה גלײַך נאָכן געבוירן ווערן. „אַלטער" איז די דראַמע פון ייִדישן ייִנגל, אַ יתום: מחמת דעם טאַטנס טויט ווערט ער אַ מלמדל, מחמת דעם זעלביקן טעם לאָזט ער זיךריידן אַ שידוך און — קיין איין רגע לעבט ער נישט זײַן לעבן, נאָר ווײַל ער איז אַ יתום.

דאָס, וואָס דינעזאָנען האָט אַזוי געצויגן פאָרצושטעלן די דראַמע פון יתומים, נעמט זיך געוויס פון דעם, וואָס ער אַליין איז זייער יונג פאַריתומט געוואָרן. ער אַליין איז טאַקע ניט געבליבן אויף דער גאַס. מ'האָט אים אָבער גלײַך צוגענומען פון זײַן היים אין זשאַגער און איבערגעשיקט קיין מאָהילעוו בײַם דניעפּער. ער, הייסט עס, האָט אויך נישט געלעבט זײַן לעבן. דאָס קינד איז אין אים פאַרטג געוואָרן פאַר דער צײַט אויס קינד. און נאָך איידער ער איז אַ יתום געוואָרן, האָט דער חדר אים געלאָזט פילן, אַז אַ ייִנגל איז אין חדר געגליכן צו אַ יתום. והא ראיה:

„— ווי האָט מען עס אַזאַ האַרץ פון אַ טאַטער? ממש פון אַ טאַטער, אַזוי אַ קליין קינד צו שלאָגן! — האָט דער טאַטע געשריִען — גאָר קיין גאָט אין האַרצן האָט איר נישט. איר מעגט אײַך פרום זײַן, איך גיב אָבער פאַר אַזאַ פרומקייט קיין שמעק טאַבאַק נישט!... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, מען זאָל מאַכן אַ קינד ברוינע און בלויע צייכנס איבערן גאַנצן לײַבעלע; און מען זאָל נאָך האָבן אַזאַ העזה צו קומען צום טאַטן פון קינד, פאַרלאַנגען אפשר צו לאָזן

דאָס קינד ווײַטער גיין אין חדר, דער תליון זאָל האָבן ווײַטער וועמען צו שלאָגן!..." (129).

יעקב דינעזאָן האָט געזען די מוראדיקע אָפּגעשטאַנענקייט פון חדר, אי־בערהויפּט וואָס שייך זײַן מורה־דרך, לערער, דערציִער.

דאָס ייִנגעלע אין חדר — האָט ער געזען — איז אַזוי אויסגעשטעלט אויף הפקרות, ווי דער יתום אין שטוב, אויף דער גאַס, אין דעם שלעכט־אָרגאַ־ניזירטן כלל־לעבן.

דינעזאָנס צושטיין צו די ערשטע ייִדישע קינדערהיימען און שפּעטער צו די ערשטע ייִדישע פאָלקשולן דאַרף, בכן, נישט זײַן „אַן איבערראַשונג", נאָר אַ קאָנ־סעקווענטע פאַרבינדונג. עס וואָלט גיכער באַדאַרפט זײַן „אַן איבערראַשונג", ווען דינעזאָן וואָלט יאָ געהאַט די מעגלעכקײַט צו העלפן אַנטוויקלען ייִדישע פאָלקשולן — ווו מ׳זאָל אויסבעסערן די פעלערן פון חדר און פון דער אומגע־רעכטער ייִדישער געזעלשאַפט — און ער וואָלט זיי נישט געהאָלפן...

האָט דאָך יעקב דינעזאָן נאָך אין 1913 געשריבן צום „ייִדיש־נאַציאָנאַל' אַרבעטער־פאַרבאַנד" אין ניו־יאָרק, לכבודן אַרויסגעבן אַ ריי ביכער און ביכלעך פון י. ל. פּרץ, שלום עליכם, אַנ—סקי, שלום אַש א"אַ, ספּעציעל פאַר קינדער־ליטעראַטור: „איר, קינדער, ליבע, שיינע ייִדישע קינדער, איז זײַט אונדזער צו־קונפט. זײַט ייִדן און זײַט שטאָלץ אויף אײַער ייִדישקײַט! לערנט ייִדיש און ייִדישקײַט, וועט איר איבערצײַגט ווערן, אַז איר מעגט מיט זיך שטאָלץ זײַן" (130).

*

באַשערט געווען, אַז גראָד אין דער צײַט פון דער גרעסטער פאַרוואָרלאָזט־קײַט זאָל אויפקומען די נײַע ייִדישע פאָלקשול. דאָס איז געווען אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די ערשטע שול מיט ייִדישער אונטעררריכט־שפּראַך אויף דער טעריטאָריע פון פּוילן, די 3קלאַסיקע פאָלקשול „חינוך ילדים", האָט גע־צאַנקט: פון זיבן לערערס איז געבליבן נאָר איינער (131). דעמאָלט איז אין וואַרשע געוואָרן אַן אָנגעלאָף פון היימלאָזע קינדער, טייל פון זיי — פון היימ־

129) י. ד. — „עראינערונגען", אין ווילנער יאָרבוך „דער פּנקס", תרע"ב, קאָלום 159.

130 ייִנאָ"פ, זאַמלבוך, 1910—1946, נ"י, ז׳ 370.

131) ח. ש. קאַזדאַן — „די געשיכטע פון ייִדישן שולוועזן אין אומאָפּ־העניגיקן פּוילן", מעקסיקע 1947, ז׳ 21.

לאזוע עלטערן, אנדערע — יתומים און אזעלכע וואָס האָבן פארלוירן זייערע על־טערן אויף די וואנדערונגען, בשעת די עוואקואַציעס. דעמאָלט עפענען די אָנ־הענגערס פון יידישער דערציִונג אויף יידיש — דעם 23סטן מאַרץ 1915 — די ערשטע יידישע קינדערהיים (קינדערגאָרטן), וואָס איז געוואָרן דער פונדאמענט פאַרן יידישן וועלטלעכן שולוועזן אין פוילן. מיט דער צייַט איז קלאָר געוואָרן, אַז „בייַם וויגעלע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול זייַנען געשטאַנען: פון איין זייַט די אַרבעטערשאַפט, פון דער צווייטער זייַט י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן. די דאָזיקע צונויפּפאָרונג איז נישט קיין צופעליקע. פון איין זייַט איז די שול גע־וועץ אָנגעלאָדן מיט ברוויזנדיקער דרייסטקייַט, מיט אָרגאַנישער באַהאַפטנקייַט פון סאָציאַליזם מיט נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, פון דער אַנדערער זייַט — פּרציאַנישער גלויבן אין דער לעבנס־פעיִקייַט און לעבנסנייטיקייַט, אין דער יום־טובדיקייַט פון דער מאָדערנער יידישער קולטור" (132).

דאָס זייַנען די עקזאַקטע צוויי ווערטער: „לעבנס־נייטיקייַט" און „לעבנס־פעיִקייַט". דינעזאָן האָט, פּונקט ווי פּרץ, אין דעם געגלויבט. און ווי דאָס זאָל פאַר סקעפּטיקערס אויסזען ווי „אַן איבעררעשונג", האָט דינעזאָן אַרויסגעוויזן, חוץ גלויבן, הייליקע אמונה, אין דער לעבנס־נייטיקייַט און לעבנס־פעיִקייַט פון דער יידישער שול, אויך קוראַזש אייַנצושטעלן זיך און קעמפן. דער שטילער דינעזאָן איז דערשינען ווי אַן ערשטקלאַסיקער פּאַרטיזאַנער. „און ווירקלעך, במשך די יאָרן 1915—1919 איז דינעזאָן געוואָרן די צענטראַלע פיגור אין דער שולאַרבעט פון וואַרשע און שפּעטער אויך פון פוילן" (133).

*

די ערשטע קינדערהיים איז געגרינדעט געוואָרן פון אַ צענדלינג מענטשן. אין אַ קנאַפּן חודש קוים נאָך דער עפענונג טרעפט אַ גרויס אומגליק: בייַ פּרצן פּלאַצט דאָס האַרץ, בעת ער שרייַבט אַ ליד פאַר דער קינדערהיים... פאַלט די גאַנצע אַרבעט אויף דינעזאָנען.

„סוף 1915. אין וואַרשע פונקציאָנירן שוין דרייַ קינדער־היימען אין דער

---

132) שלמה מענדעלסאָן — „זייַן לעבן און שאַפן", נ"י 1949, „דאָס יידישע שולוועזן אין פוילן", ז' 235.

133) ח. ש. קאַזדאַן — „פון חדר און „שקאָלעס" ביז ציש"אָ (דאָס רוס־לענדישע יידנטום אין געראַנגל פאַר שול, שפּראַך, קולטור), מעק־סיקע 1956, „קולטור און הילף", ז' 414.

יִדישער שפּראַך. דינעזאָן איז זייער קוראַטאָר. ער באַמיט זיך צו שאַפן די נייטיקע מיטלען. אַליין באַליבט און אַן אַרײַנגייער אין רײַכערע יִדישע הײַזער, ציט דינעזאָן אַרײַן אַט די עלעמענטן אין דער הילפס־אַרבעט. אָבער די נויט אין שטאָט איז אומגעהייער גרויס. דינעזאָן איז ממש פאַרצווייפלט". שרײַבט ער רירנדיק צו שלום אַשן, ער זאָל ווירקן אויף די אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן נישט לאָזן די קינדערהיימען אונטערגיין. „אַט אַזוי איז אויף דעם שטילן, באַשיידענעם דינעזאָנען אויסגעפאַלן די גרויסע שליחות צו ווערן דער מליץ־יושר און שליח־ציבור פון דער נײַער שול־באַוועגונג. די שולן זײַנען געוואָרן אידייִשע, יִדישיסטישע; דאָס יִדישע בירגערטום האָט זיי נישט סובל געווען, און דינעזאָנען איז אויסגעקומען זיך צו שטעלן אין צענטער פון אַט־דעם אי־דייִשן קאַמף".

זײַן קאַמף האָט זיך באַזונדער צעפלאַקערט, ווען די פאָלקסהילף־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק האָט אויף שלום אַשס אינטערווענץ גלײַך באַשטימט און איבער־געשיקט קײַן וואַרשע 20,000 דאָלער בפירוש „ענטשפּרעכנד די דינעזאָן־שולן", אָבער אַזוי ווי דער פירער פון „הילפספאַראיין" אין וואַרשע, פּאַרבשטיין, צו וועמען דאָס געלט איז אָנגעקומען, איז געווען אַ קעגנער פון די פאָלקשולן, האָט ער אויסבאַהאַלטן דעם דאָקומענט און „נישט דינעזאָנען, נישט וועמען פון זײַנע קינדערהיימען אַפילו נישט צו וויסן געגעבן וועגן דעם גאַנצן ענין". אין דער זעלביקער צײַט פלעגט דינעזאָן לויפן צו אַט־דעם פירער „בעטן, אויב נישט בעטלען, בײַ אים הילף פאַר די קינדערהיימען", אָבער „פּאַרבשטיין האָט דינע־זאָנען קיין וואָרט נישט געזאָגט, אַז פאַר זײַנע קינדערהיימען איז אָנגעקומען געלט פון אַמעריקע". ווען די מעשה איז באַקאַנט געוואָרן, איז ה. ד. נאָמבערג אַרויס מיט אַ פּלאַמיקן פּראָטעסט־אַרטיקל (אין „וואַרשעווער טאָגבלאַט" פון 25סטן פעברואַר 1916). אין ניו־יאָרק האָבן אַרבעטער־טוערס פון „פּיפּעלס רעליף" אויפגעהויבן אַ ליאַרעם; און אַזוי ווי דער „דזשאָינט" האָט נישט גע־וואָלט פאַרריכטן די עוולה און זיך אײַנשטעלן פאַר די פאָלקשולן, האָבן די אַר־בעטער־פירערס זיך געפעדערט און אויסגעלייגט 10,000 דאָלער, וואָס זיי האָבן איבערגעשיקט קײַן וואַרשע, אָבער נישט צום פריִערדיקן קאָמיטעט, נאָר אויף דרײַ נעמען, וועלכע האָבן געבילדעט דעם ווײַטערדיקן שולן־קאָמיטעט: יעקב דינעזאָן (אין נאָמען פון די יִדישע שרײַבערס), וולאַדימיר מעדעם („בונד") און ישראל רייכמאַן („פּועלי־ציון"). די ערשטע זיצונג פון דעם קאָמיטעט איז פאָר־געקומען דעם 7טן פעברואַר 1917 און „אַלס פאָרזיצער און קאַסיר ווערט באַ־שטימט ה' דינעזאָן". דער קאָמיטעט פלעגט אויך געוויינטלעך אָנגערופן ווערן: „דינעזאָן־קאָמיטעט". פּונקט ווי די שולן זײַנען גערופן געוואָרן: „דינעזאָן־

שולן". אזוי ביז יולי 1921, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די „צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע" (צישאָ).

דאָס איז נישט געווען קיין סתם כיבוד, וואָס מ'האָט צוגעטראָגן, נאָר אַ רע־זולטאַט פון אַן אומפאַרגלײַכלעכער איבערגעגעבנקײַט. אין יענע יאָרן, ווען ער האָט מער נישט געהאַט נעבן זיך פּרצן, האָט ער אַפילו בשתיקה אויפגעהערט שרײַבן. „איך בין די לעצטע יאָרן — ענטפערט ער אויף אַ פאַרבעטונג מיטצו־אַרבעטן אין זאַמלבוך געהייליקט דעם אָנדענק פון קדוש א. ווײַטער — אַזוי ווײַט אָפּגעריסן פון מײַן שרײַבטיש, אַז איך האָב פשוט קיין צײַט און קיין כוח נישט זיך צוריקזעצן נעבן אים. מײַנע קינדערהיימען און שולן, און נאָך אַלערליי געזעלשאַפטלעכע ענינים, אַרויפגעוואָרפענע און אַליין אַרויפגעפאַלענע אויף מיר, נעמען צו נישט נאָר מײַן צײַט, אָבער אויך מײַן האַרץ און מוח, און דאָס שרײַבן, וואָס איך וויל און האָב נאָך צו שרײַבן, לייג איך אַלץ אָפּ אויף שפּעטער, שפּע־טער, גלײַך ווי איך וואָלט באמת זיכער זײַן, אַז איך וועל נאָך לעבן און לעבן לכל הפּחות גאַנצע מאה ועשרים שנה" (134).

אַנדערש האָט ער נישט געקענט: אויב זיך יאָ אָפּגעבן, איז מיט לײַב און לעבן. ער האָט פײַנט געהאַט די געזעלשאַפטלעכע „פּאָליגאַמיע", וואָס אַ סך האָבן זייער ליב, אַרומפלאָנטערדיק און אַרומזשומענדיק, ווי די טאָג־פליגן...

*

עס איז אינטערעסאַנט, אַז דינעזאָן האָט זיך קענגנגעשטעלט, מ'זאָל אָנרופן די ערשטע קינדערהיים מיט פּרצעס נאָמען, ווי נאָר זײַן פרײַנד איז געשטאָרבן. „כל זמן — האָט ער געטענהט — איר עקסיסטענץ איז נישט געזיכערט, לאָמיר לאָזן צו רו פּרצן, מען טאָר נישט קלאַפּן אין פּושקע מיט פּרצן" (135). פון אַזאַ „קלאַפּן אין פּושקע" וואָלט דאָך בכלל דער גאַנצער ענין געוואָרן פאַרנעפּלט. סײַ די פּראָבלעם פון דער פאָלקשול וואָלט בײַ טייל מענטשן געוואָרן אַ צוטשעפּע־ניש, סײַ פּרץ וואָלט בײַ אַנדערע באַדאַרפט ווערן מער חשוב נישט מיטן יחוס עצמו. ווי טײַער דינעזאָנען איז געווען די קינדערהיים, איז אים אָבער געווען נישט ווייניקער ליב דער געדאַנק צו פאַראייביקן פּרצן דורך זײַן ליטעראַרישן שאַפן, דורכן מוזיי וואָס ער האָט פּלאַנירט, און ער האָט טאַקע געוואָלט פאַר־

134) „לעבן", נ' 1, ווילנע 1920, „פון דינעזאָנס לעצטע בריוו" (גע־שריבן צו מענדל עלקין).

135) ח. ש. קאַזדאַן — „פון חדר און „שקאָלעס" ביז צישאָ", ז' 411.

זאָרגן די אלמנה פּרץ, זי זאָל קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט, אַז עס זאָל דורך־דעם, חס וחלילה, נישט געמינערט ווערן די חשיבות פון גרויסן דיכטער...

דינעזאָן, דער בעל־רחמים, האָט זײַן רחמים־געפיל פאַרבונדן מיט אידייען. „עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דינעזאָן האָט געהאַט אין זינען נאָר די פילאַנטראָפּישע זײַט פון די קינדער־אינסטיטוציעס. זאָרגנדיק פאַרן גוף פון קינד, האָט ער אויך געדענקט וועגן דער נשמה פון קינד און וועגן פּרצעס גײַסט". אַז פּרץ האָט געלעבט, האָט ער די פּראָגראַמאַטישע זײַט פאַר אים איבערגעלאָזט. אָבער אַז זײַן לעבנספרײַנד איז מער נישט געווען, האָט ער אויך די דאָזיקע אַר־בעט איבערגענומען. און „דינעזאָן — שרײַבט אַ פּראָמינענטער שולפירער און פּעדאַגאָג — איז געווען אַ גוטער מבין אויך אויף די לערערס און אויף די לערנ־ביכער. האָט אַ לערער גערעדט אַ שלעכטן, נישט־נאַטירלעכן יידיש, נישט קיין פאָלקסטימלעכן ייִדיש, האָט דינעזאָן שטאַרק מקפּיד געווען אויף דעם: איך בין איר מוחל איר פּעדאַגאָגיק, זאָל זי בעסער ריידן ייִדיש ווי איר מאַמע האָט גע־רעדט... און נאָך... די איצטיקע כרעסטאָמאַטיעס טויגן נישט... „אַ סך פון אונדז פאַרשטייען נישט, אַז אויך גײַסטיק טאָר מען נישט שפּײַזן די קינדער מיט מיסט! אַ פערד דאַרף מען אויך געבן ריינע וואַסער!"... ער פלעגט זיך שפּילן מיט די קינדער, אָפּטמאָל אַרײַנגיין אין ראָד, זיך נעמען פאַר די הענט־לעך, גיין מיט די קינדער אַ טאַנץ. ער האָט געדענקט דאָס קינד, וואָס איז נעכטן אומעטיק געווען, און אויב הײַנט איז עס שוין פריילעך געוואָרן, איז עס בײַ אים געווען אַן אמתע שמחה" (136).

יעקב דינעזאָן האָט דעם סענטימענטאַליזם און אידעאַליזם פון זײַנע ראָמאַ־נען אַריבערגעפירט אין די ייִדישע קינדערהיימען, ווו עס זײַנען געמאַכט געוואָרן די פּיאָנערישע עקספּערימענטן פאַר די מאָדערנע ייִדישע פאָלקשולן, באַשטראַלטע מיט י. ל. פּרצעס גײַסט.

---

136) ד"ז, זז' 416—417.

דינעזאָן דער אָפּגעשאַצטער און דער נישט-דערשאַצטער

די מאַמע צווישן אונדזערע קלאַסיקערס. — די מורא פֿאַר אַנאַליז. — נישט אין פּרעמדע זכותים: ווי איז דער אונטערצי? — דער גורל פֿון פֿאָלקשרייבערס. — „דער מאָדערנער לעזער“. — אַלע ווילן זיין פּרץ... — דאָס שעמען זיך מיט פֿאָלקס-ליטעראַטור. — צענדלינגער יאָרן זיינען דורך דער קריטיק באַעוולהט געוואָרן רייזען, ראָזענבלאַט, סעגאַלאָוויטש. — די געשיכטע מיט אַקסענפעלדן און עטינגערן. — די רעוויזיע פֿון אַ טעות. — שלום עליכם און דינעזאָן אין 1901 און 1913. — ש. ניגערס סכעמע פֿאַר אַ פּאָרטרעט. — דער אידעאַלער פֿאָלקשרייבער. — שטריכן צו דער קריטישער שאַצונג: אַלמי, קעניג, מייזיל, שווייד, בעל-מחשבות, ליטוואַקאָוו, קאַציזנע, אויסלענדער, דאָברושין, גאַטיש, קראַנץ. — אין אַ שווערער סביבה. — מעדעמס און רייזענס באַלייכטונגען: פֿון צוויי עקס-טרעמען. — מיט אמונה אין אַ וועלט פֿון אַחוות-עינים. — די מזל-ברכה פֿון אַליין שאַצן.

יעקב דינעזאָן איז, אין אונטערצי, די מאַמע צווישן די קלאַסיקערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. אין כּלל גענומען, נישט אַריינגייענדיק אין פּרטים, דיסקוטירט קיינער נישט, אַז עס קומט אים אַן אָרט צווישן אונדזערע קלאַסיקערס און פּיאָנערן פֿון דער נייַער ייִדישער שעפֿערישקייַט. גייט מען אָבער אַריַין אין פּרטים, פֿאַרוואָס עס קומט אים דאָס אָרט בייַ דער מזרח-וואַנט, קען מען הערן די קעגנזעצלעכסטע מיינונגען וועגן זייַן ווערק און ווערט. טייל מייַדן-אויס צו ריידן וועגן זייַן באַדייַט פֿאַר דעם הייַנטיקן לייענער. זיי דערמאָנען „הנאהבים והנעימים“ און „אבן נגף“ ווי באַלזאַמירטע עקספּאָנאַטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דער שוועל פֿון רענעסאַנס. און דאָס איינ-ציקע בוך, וואָס ווערט רעקאָמענדירט צום לייענען און לערנען, איז „יאָסעלע“ (איבערהויפּט דורך דער שול). ווייַטער קומען אַלערליי זכותים. קיינעם פֿאַלט נישט איַין אָוועקצונעמען דינעזאָנען פֿון דער מזרח-וואַנט, נאָר בעיקר און ס׳רוב נישט אין זכות פֿון ליטעראַטור... עס ווערט אַרייַנגעגעבן אין נדן פּרצעס

זכות, אַז אַנדער מאָל — די ערשטע קינדערהיימען, און דאָ און דאָרט דערמאָנט מען זײַ טרײַ דינען די יונגע ליטעראַטן ... „עס איז אָפּט דער אײַנדרוק, אַז ער געהערט נישט צו דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר צו די ייִדישע ליטעראַטן ... אַנשטאָט צו זײַן אַ כהן איז ער געוואָרן אַ שמש אין דעם „היכל" פון דעם ייִדישן וואָרט ... דער מאָדערנער לעזער, וועלכער קאָן שוין מער קיין הנאה נישט האָבן פון לייענען דינעזאָנס שריפטן, קאָן האָבן נוצן, שטודירנדיק זיי" (137).

עס איז שוין אָבער די העכסטע צײַט צו שטעלן די פראַגע: צי איז ווירקלעך „דער מאָדערנער לעזער" דער באַגלייבטסטער געניסער? צי דאַרף דער געשמאַק און די מאָס, וואָס עס האָט „דער מאָדערנער לעזער", טאַקע דינען ווי דער געשמאַק און די מאָס פאַר דעם ייִדישן שרײַבער? צי איז עס בכלל אַ טובה פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס „דער מאָדערנער לעזער" איז געוואָרן איר קאָמפּאַס און צילברעט?

*

אַז מען טראַכט זיך אַרײַן אין יעקב דינעזאָנס לעבן און שאַפן, מוז מען זיך דערטראַכטן צו דער פּראָבלעם און גורל פון ייִדישע פאָלקשרײַבערס אינעם 20סטן יאָרהונדערט.

פאָלקשרײַבערײַ, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ ברכה פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט מען אָנגעהויבן באַנעמען ווי אַ „שארית הפליטה" פון דער פּרימיטיווער מאַסע, פון דעם 19טן יאָרהונדערט, פון פאַר מתן תורה ...

„דער מאָדערנער לעזער" איז געוואָרן דאָס געצערטלטע קינד פאַר די מערסטע נײַצײַטיקע ייִדישע שרײַבערס.

אַלע ווילן זײַן פּרץ ...

„דער מאָדערנער לעזער" איז אַזוי ווײַט אַרײַן אין דער מאָדע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, איז געוואָרן אַזאַ יחסן, אַז אויף אים קוקנדיק, כדי אים צו געווינען, האָט די ייִדישע קריטיק פאַרקוקט און כמעט ווי איגנאָרירט אַ סך פון יענע ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס האָבן נישט אַפּעלירט צו דער פײַנשמעקערישקײַט פון מאָדערנעם לייענער.

יעקב דינעזאָן איז צוליב דעם געפאַלן דער גרעסטער קרבן.

אונדזער קריטיק, מאַנסבילש געשטימט, ס׳רוב מיטן כתב פון ישיבה־בחו־

---

137) ש. ניגער — „יעקב דינעזאָן", אין „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 11טן אָקטאָבער 1929, נ׳ 284.

רים, האָט זיך פּשוט אונטערגעשעמט מיטן דערציילער, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביי פרויען... דערפאַר דאַרף מען נישט אין דינעזאָנען זוכן די סיבה, הלמאַי די אָנערקענונג אַרום אים האָט זיך אָפּגעגרענעצט אויף „יאָסעלע": נישט דינעזאָן איז אין דעם שולדיק, נאָר די יידישע ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־געשיכטע.

די טעאָריע, אַז די הויכע קוואַליטעט פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור איז איר בעסטער שומר, איז פון איין זייט אַ גרויסע סגולה פאַר איר אַנטוויקלונג; די דאָזיקע טעאָריע פירט אָבער, פון דער אַנדער זייט, צום גרינגשאַצן דעם מאַסע־לייענער און די פאָלקס־ליטעראַטור, אַ דאַנק וועלכע אונדזער וואָרטקונסט האָט באַוויזן אויפצושטייגן, כאָטש נאָר פון קליינינקע קרייזן פאַרשטאַנען, אָבער אָפט, נישט פאַרשטאַנענערהייט, אַרומגערינגלט מיט התלהבות פון דער פאָלקסמאַסע.

*

אונדזער קריטיק, אויפגעקומען אויף דער שוועל פון 20סטן יאָרהונדערט, איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון וואָרט־פּקחות און קונסט־מכשפים, אַז זי האָט אָפּט ממש זיך געשעמט אומצוקוקן אויף עכטע פאָלקשרייבערס, וועלכע פאַנגען די הערצער פון דער מאַסע מיט כשרע מיטלען.

נאַטירלעך, אַז די קריטיק האָט נישט געהאַט בדעה צו שעדיקן די פאָלקס־ליטעראַטור; מיטן פאַרזען די פאָלקשרייבערס איז זי בלויז אויסן געווען צו פאַרבעסערן די קוואַליע פון דער אינטעליגענץ, הייבן דעם ניוואָ פון דער יידישער וואָרטקונסט און אויסטרעטן אַ שליאַך פאַר וואָרטמייסטערס, וועלכע קענען נישט בדרך כלל אויסשטעלן אויף אַ מאַסע. דאָס איז יושרדיק. עס איז אָבער גלייכצייטיק באַגאַנגען געוואָרן איין עוולה נאָך דער אַנדערער קעגן גרויסע פאָלקשרייבערס.

יעקב דינעזאָן איז נישט דער איינציקער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער איז פון אונדזער קריטיק באַעוולהט געוואָרן. דאָס האָט בלי שום ספק אויף אים אַזוי געווירקט, אַז אפילו ווען ער האָט ווייטער געשריבן, האָט ער זיך מיט זיין שרייבן אויסבאַהאַלטן — געשריבן און אַריינגעלייגט אין שופלאָד... פאַר זיך! אין פּרצעס ד' אמות האָט מען שוין געקוקט אויף מעטערלינקן, באָדלער...

אַזוי איז צענדלינגער יאָרן באַעוולהט געוואָרן פון אונדזער קריטיק אברהם רייזען.

אזוי איז אויך צענדלינגער יאָרן מינימיזירט געוואָרן זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, כאָטש עס איז געווען באַקאַנט, אַז ער איז געווען דער געלייענטסטער ראָמאַניסט אין פּוילן.

און אַפילו דער מאָדערנער ה. רויזנבלאַט האָט טייער באַצאָלט פאַר זײַן פאַרליבטקייט אין פאָלקסטימלעכע מאָטיוון.

בײַ אזא באַציִונג, וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן, איז נישט שייך געווען „אויסצוגראָבן” און ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט די ווערק פון דעם באַ־דײַטנדיקן ייִדישן ראָמאַניסט ישראל אַקסענפעלד (1789—1868).

און עס איז ממש אַ ווונדער, וואָס עס האָט אָנגעהויבן לעבן דער זאַפטיקער שרײַבער פון משלים, עפּיגראַמען און קאָמעדיעס, שלמה עטינגער (1803־1856). קען זײַן, אַז מ'האָט אים אויפגעדעקט און שפּעטער אויסגעפּאַרשט גיכער ווי אַלץ אַ דאַנק די קוריאָזן אין זײַן לעבן און אַרום זײַנע יורשים...

יעקב דינעזאָן, וועלכער האָט פאַר אומצייליקע געהאַט עלנבויגנס, נאָר נישט פאַר זיך, איז טאַקע אומגערעכט אוועקגעשטויסן געוואָרן. און אויב מ'רופט־אָן זײַן נאָמען בנשימה אחת מיט די נעמען פון אונדזערע קלאַסיקערס און גראַנדיעזע פּיאָנערן־ווערק, האָבן טאַקע אייניקע דעם אײַנדרוק, אַז דאָס איז נישט צוליב אים גופא, נאָר ווײַל ער האָט זיך אַרײַנגערינגלט אין דער גילדענער קייט פון אונדזערע ראשונים.

פון דעם טעות, וואָס איז נוגע אַ סך נעמען און ווערק, דאַרפן מיר זיך באַפרײַען.

*

„נאָך מײַן מיינונג קומט אויס — האָט שלום עליכם געשריבן צו דינעזאָ־נען, נאָכן איבערבעטן זיך, אין 1901 — אַז איר זײַט צו אַן ערלעכער מאַן; איר האָט באַדאַרפט געבוירן ווערען אָדער פריִער מיט אַ יאָר 50, אָדער שפּעטער מיט אַ הונדערט (אויב מיר וועלן גלייבן, אַז מיר גייען אין דער עטיק פאָר־ווערטס)... וואָס זענט איר אַזאַ עניו! — האָט צו אים שלום עליכם טענות אין אַ שפּעטערדיקן בריוו, אין 1902 — איר זענט דאָך עפּעס בײַ אונדז פון די חלוצים, אײַער נאָמען איז דינעזאָן, און קיין צוויי דינעזאָנס האָט נישט אונדזער אָרעמע יונגע פאָלקס־ליטעראַטור” (138).

דאָס האָט ש"ע געוואָלט זיך דערוויסן, ווען מ'וואָלט געקאָנט פײַערן די־נעזאָנס אַ יובילי, און דינעזאָן האָט אים נישט געוואָלט אויסזאָגן דעם סוד...

---

138) „ייִוואָ־בלעטער”, ווילנע 1932, ב' 3, זז' 350—352.

מיט אַזעלכע הייסע געפילן פון ליבשאַפט האָט דינעזאָן געענטפערט שלום עליכמען, ווען ער איז געווען שווער קראַנק, אין 1913. דינעזאָן שרײַבט צו אים: „געדענקט־זשע, זעט וואָס גיכער פולקאָם געזונט צו ווערן. — און דינעזאָן באַווייזט זיך ווידער מיט זײַן „שוואַכקײַט" צו איניציאַטיוועס — עס האָלט בײַם געבוירן ווערן בײַ מיר אַ פּלאַן. מיר, דאָס איז טײַטש: איר, פּרץ און איך, זאָלן מיר פאָרן קיין ארץ־ישראל, אַ קוק טאָן און אַ דערציילן טאָן פון דאָרט אַלץ, וואָס מיר וועלן מיט אונדזערע אויגן דאָרט זען בחוש און מיטן האַרצן דורכפילן, טרעטנדיק אויף דער ערד, פון וועלכער מיר שטאַמען, אין וועלכער עס זײַנען באַהאַלטן אַלע אונדזערע גײַסטיקע וואָרצלען, און צו וועלכער אונדזערע תפילות און האָפענונגען זײַנען געווענדט... מאַ זײַט־זשע בעסער געזונט, כאָטש מיר און פּרצן צוליב" (139).

די דאָזיקע האַרציקע צונויפגעבונדנקײַט איז נישט קיין הוילער צופאַל. פאַראַן אין דער דאָזיקער ליבשאַפט אַזאַ שותפותדיקער קערן און וואָרצל, וואָס האָט זיי צונויפגעהאַלטן. דער דאָזיקער קשר הייסט: יידישע ליטעראַטור — אונדזער נשמה, אונדזער גורל.

*

עס איז דערפאַר אומגעהייער־וויכטיק און טרעפלעך, וואָס ש. ניגער האָט סינטעטיזירט צו דינעזאָנס 10טער יאָרצײַט: „יעקב דינעזאָן וואַרט אויף אַ פּען־קינסטלער, וואָס זאָל מאָלן זײַן אינעווייניקסטן פּאָרטרעט. ער וואַרט אויף איי־נעם, וואָס זאָל נישט מיינען, אַז ער קען אים אָפּפּטרן מיט אַ פּאָר איינפאַכע שטריכן, אָדער יוצא־זײַן מיט אַ גראָטעסק־ליניע. דינעזאָן איז גאָר נישט געווען אַזוי פּראָסט און פּשוט, ווי אַ סך גלייבן. ער האָט נאָר אויסגעזען אַזוי, נאָר פון אויבנאויף איז ער געווען אַן „אַלט קינד", ווי עס זאָגן אייניקע מיט סימ־פּאַטיע, אָדער „אַ נישט־דערוואַקסענער", ווי אַנדערע חוזקן. ער איז געווען אַ סך מער, ווי דאָס, הגם דאָס איז ער אויך געווען. דערמאָנט זיך: ער איז געווען אַ תלמיד פון אײַזיק־מאיר דיק און אַ חבר פון יצחק לייבוש פּרץ — איז אָט די סתירה אַליין נישט גענוג צו ווײַזן, אַז ער איז גאָר נישט געווען אַזאַ גלאַטער מענטש? דיק און פּרץ — דאָס זײַנען דאָך צוויי וועלטן. דיק איז די אַלטע — פּרץ די מאָדערנע יידישע וועלט. דיק איז דער פאָלקסמענטש, דער פּרימיטיוו;

---

139) „אַלע ווערק פון שלום עליכם", נ״י 1919, „אַ וואָך מיט י. ל. פּרצן", ז׳ 73.

פּרץ — די אינטעליגענציע, די קאָמפּליצירטקייט... ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז דער זעלביקער יעקב דינעזאָן, וואָס אין זיין שרייבן האָט ער פאַרסערפערט דעם מוסר־עלעמענט פון דער אַמאָליקער השכלה־באַוועגונג, זאָל מיט אַנדערע מעשים זיינע העלפן אויפהייבן זיך דעם פּאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור? ... דינעזאָן איז נישט געווען אַזאַ איינפאַכער כאַראַקטער, ווי אַ סך מיינען... ער איז אויך נישט געווען אַזאַ עניו, אַזאַ באַנטשע שווייג, ווי עס האָט זיך געקאָנט דוכטן. ער איז, פאַרקערט, געווען זייער אַמביציעז. אָט האָט איר אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט. ווען די באַציִונג פון דעם לעזער־עולם אָדער די באַציִונג פון די קאָלעגן־שרייבערס האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט, האָט ער... אויף זיין איינגאַרטיקן שטיינער פּראָטעסטירט. ער האָט אויפגעהערט צו פאַרעפנטלעכן זיינע ווערק" (140).

דאָס דאָזיקע דריבנינקע יידעלע — וואָס איז גרוי געוואָרן פאַר דער צייט, געווען איינגעשרומפּן, געגאַנגען שטיל „ווי אין זאָקן", אָפּט געבויגן פון זאָרגן, און האָט ער געשמייכלט, איז זיין שמייכעלע געווען אומבאַהאָלפן, און נאָר ווען ער איז ביי פּרצן געשטאַנען האָט די שכינה אויף אים גערוט, ווי ביי אַ מאַמע וואָס איז גליקלעך קוקנדיק אויף איר וווּנדער־קינד — איז אין תוך געווען אַ געזונטער פאָלקסמענטש, אין תוך געהאַט אַ פעסטן כאַראַקטער, אין תוך אויפגעהיט געזונטע פּרינציפּן פון אַן איידעלן משכיל, מאָדערניזירט דורך די נאַציאָנאַלע אידעאַלן פון אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. ער איז געווען דער אידעאַלער פאָלקשרייבער, וואָס האָט געגעבן אַ ביישפּיל פון אַן אידעאַלן מענטשן. אויסגעמיטן פּרסום. נישט געוואָלט זיך אַרויסשטעלן. אָבער שטענדיק גרייט געווען צו טאָן, וואָס קען ברענגען נוצן פאַרן כלל, אין די ראַמען פון זיינע שרייבער־אינטערעסן.

דינעזאָן האָט אָבער נישט געהאַט אַרום זיך קיין סביבה. פּונקט ווי פּרץ האָט זי נישט געהאַט. „שטענדיק אין צענטער פון דער זיך שאַפנדיקער יידישער ליטעראַטור, כמעט פון דער גאַנצער נייער יידישער קולטור — **איז פּרץ געווען** שרעקלעך עלנט... האָט פּרץ נישט געהאַט קיין סביבה, נישט געפילט קיין באָדן אונטער די פיס, אַלץ האָט זיך געפונען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד, נישט רייף, נישט אָרגאַניזירט, גרייט פאַרשטערט צו ווערן, צו פאַרשווינדן" (141).

טאָ וואָס־זשע איז דער חידוש, וואָס דינעזאָן איז פאַררוקט געוואָרן אין אַ ווינקל?

---

140) „יעקב דינעזאָן", ל"ב 1929, נ' 284.

141) ש. אַנ—סקי — „זכרונות, זז' 165—166.

„מוז מען זיך דערמאָנען אין דער גרויסער עוולה, וואָס אונדזער ליטעראַ־טור־קריטיק איז באַגאַנגען און באַגייט לגבי די פּיאָנערן פון גרויסן ייִדישן ראָמאַן... ספּעקטאָר און דינעזאָן... דינעזאָנס ראָמאַנען זײַנען פול מיט אייר־דעלע, נעבעכדיקע מענטשן... יתומים, עלנטע, וואָס רופן אַרויס רחמנות און טרערן; אפילו זײַנע רשעים האַלטן זיך קוים אויף די פיס... דאָך... ווער דערמאָנט זיי, אַט־די צוויי גרויסע שריפטשטעלערס? נישט מען פראַוועט זייערע יאָרצײַטן, נישט ס'איז דאָ אַ מאָנאָגראַפיע וועגן זיי. כסדר די דרײַ: מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ. די דרײַ ריזן פאַרדינען אַלע מאָנומענטן אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער — ספּעקטאָר און דינעזאָן — פאַרדינען זיכער נישט אַזוי פאַרשווינגן צו ווערן" (142).

דינעזאָן האָט געהאַט השגה. נישט אין איין פראַגע האָט ער אַ סך וויי־טער געגרייכט ווי אַנדערע גרויסע, און גרעסערע, שרײַבערס פון זײַן צײַט. אַז ער האָט גערעדט וועגן דער שפּעפערישקײַט אין ייִדיש, האָט ער זיך ניט באַגרע־נעצט (ווי אַנדערע) אויף שרײַבערס פון זײַן אַרום, נאָר זיך פאַררופן אפילו אויף אליה בחור און זײַן „בבא". ווי אומגערעכט ער איז געווען אין 1888, אָנערקענט מען, „אַז די קריטיק דינעזאָנס איבער מענדעלען איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע, זיך און צײַט אַנטפּלעקנדיקע, אין אונדזער ליטעראַטור" (143). ער האָט נאָך אין קאַיאַר דערזען פּרצעס גראַנדיאָזיטעט און זיך פאַר איר אײַנגעשטעלט קעגן שלום עליכמס קיבעץ און דוד פרישמאַנס חוזק (144). ווען מ'האָט געוואָלט אַרויסגעבן צו פּרצעס ערשטן יובילײַ זײַנע געזאַמלטע שריפטן, האָט זיי אפילו פּרץ נישט געהאַט, „אָבער דינעזאָן האָט אומדערמידלעך גע־זאַמלט, האָט אַ יאָר נאָכאַנאַנד געזוכט אין פאַרגעסענע ייִדישע זאַמלביכער, האָט געבלעטערט אין זשורנאַלן און צײַטונגען מיט אָפּגעבליאַקעוועטע אותיות, האָט צוזאַמענגעלייגט שורה צו שרה, בלעטל צו בלעטל" (145). נאָר אַ מענטש פון אַ ווײַטן קוק האָט בײַם אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט געקענט אַזוי ברייט באַנעמען ווערטן און ווערק. נאָר מיטן באַוווסטזײַן, מיט דער אַמביציע און מיט אמונה איז מעגלעך געווען צו זײַן אַזוי פאַרעקשנט — אַליין.

„י. דינעזאָן איז דער אָפּטימיסט אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור... ער

---

142) אַ. אַלמי — „מאָמענטן פון אַ לעבן", ב"א 1948, זז' 178—179.

143) לעאָ קעניג — „פאָלק און ליטעראַטור", לאָנדאָן 1947, ז' 44.

144) נחמן מײַזיל — „פּרץ און שלום עליכם", אין „פילאָלאָגישע שריפטן" פון ייִוואָ, ווילנע 1926, ב' 1, זז' 268—269.

145) מאַרק שווייד — „טרייסט מײַן פאָלק", נ"י 1955, ז' 238.

איז כמעט דער איינציקער, וועלכער האָט ליב די מענטשן, וועלכע ער שילדערט אין זײַנע ראָמאַנען... און ער איז בטוח, אַז דאָס גוטע וועט שטענדיק מנצח זײַן" (146). אַזוי דערשײַנט ער אין זײַנע ראָמאַנען און דערציילונגען; אַזוי דערשײַנט ער אין זײַנע טויזנטער און טויזנטער בריוו... „אין יעקב דינעזאָנס שאַפונגען קרײַצן זיך איבער די וועגן, וואָס פירן פון אַ. מ. דיקן און שאָמער'ן, זיי פאַרקירצן דעם ווײַטערדיקן מהלך צו מענדעלען און שלום עליכמען" (147). דער דאָזיקער וועג איז נישט פאַרשאָטן. אויך הײַנט איז ער דאָ. אַ מאַסע לייענערס זוכט אויך הײַנט, אויף דעם דאָזיקן וועג, אירע שרײַבערס. אַ געזונטע מאַסע און ערלעכע שרײַבערס. און אַז נישט קיין „מאָדערנע" — דאַרפן מיר זיי נישט האָבן? דאַרפן מיר זיי פאַרלירן?

*

אַרײַנטראַכטנדיק זיך, קען אַפילו דער שבמאָדערנער קומען צום אויספיר: „אָט דער דאָזיקער שוואַכער דינעזאָן, דער רך־לבֿ מיט אַ ווײַבערשער נשמה — ער האָט עס פאַרמאָגט דעם אמתן, דעם „סטאַביליזירטן" פאָלקסקרעדיט. ער איז געווען דער אמתער פאָלקשרײַבער. נישט די גאַס האָט אים געלעזן, נאָר טאַקע, דאָס פאָלק. פרומע מאַמעס, פאַרחלומטע טעכטער, בערדיקע טאַטעס — משפּחותווײַז האָט מען אים געלעזן... מיצקעוויטש האָט געבענקט נאָך דעם — דינעזאָן האָט עס דערגרייכט... צוויי אמתע פאָלקשרײַבערס האָבן מיר געהאַט: דינעזאָן און שלום עליכם. עס פאַלט קיינעם נישט אײַן די דאָזיקע צוויי שריפטשטעלערס אַוועקשטעלן אויף איין ברעט. דאָך איז עס אַזוי: אין דעם הויפּטטאָן פון זייער אַרטיזם זײַנען זיי קעגנזעצלעך־ענלעך. דינעזאָן איז דער בעל־בכיה און שלום עליכם דער לץ. ביידע ווירקן מיט דעם זעלביקן טעאַטראַלישן מיטל, ביידע קנייטשן זיי דאָס פּנים פון פאָלק און צווינגען אים מיטצושפּילן. דער ערשטער — צום געוויין, דער צווייטער — צום געלעכטער. שליסט נישט אויס די סענטימענטאַליטעט פון דער קונסט. עכטע סענטימענטאַליטעט איז פּונקט אַזוי באַרעכטיקט, ווי עכטער הומאָר. ביידע מיטלען זײַנען פּרימיטיווע ווירקונגסמיטלען... איר וועט זיך פּונקט אַזוי נאַטירלעך צעוויינען בײַ דינעזאָנען, ווי נאַטירלעך איר צעלאַכט זיך בײַ שלום עליכען. דאָס פאָלק האָט פײַנט צו פאַרבלײַבן גלײַכגילטיק... צי וואָלט נישט געווען אַ וועג, אַ מעגלעכקײַט, אַריבער־

146) בעל־מחשבות — „געקליבענע שריפטן", ב׳ 1, ז׳ 116.

147) מ. ליטוואַקאָוו — „אין אומרו", ב׳ 2, מאָסקווע 1926.

צוואַרפֿן דעם קערן פֿון אינדיווידועלן העכערן אמת, דעם קערן פֿון קונסט, אַריבער די קעפּ פֿון פֿײַנשמעקערס אין שמאָלן אָדער ברייטערן לעזער־קרייז — דירעקט צו די אמתע, צו אינטויִטיווע געשוואָרענע ריכטערס, דירעקט צום פֿאָלק ? " (148).

דאָס איז נישט בלויז אַן אויסגעמוטשטע שאלה. געווינען דעם לייענער איז נישט קיין קלייניקייט. „איינציקע שרייבערס... קערן זיך אום צוריק צו די טענדענצן און מעטאָדן פֿון אײַזיק־מאיר דיק און יעקב דינעזאָן. וועלן זיי און זייערע לעזערס אפשר ווידער אַ מאָל געפֿינען נוצן און חן אין דעם נאַיוון ראָמאַן ? " (149).

*

און אוודאי ברענגט דינעזאָן נוצן און האָט חן בײַ יענע שרײַבערס, וועלכע זוכן אין ליטעראַטור שטאָף פֿאַר סאָציאַלע רעגונגען. „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" איז אַ טיפּישער פֿאָרשטייער פֿון מענדעלעס „קנופּיע"־פֿאַרשווינען... דער מאַסע־לייענער פֿון די 70ער יאָרן האָט געהאַט דאָס פֿולע רעכט צו זען אין דינעזאָנס ראָמאַן אַ ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָגראַם, מיט וועלכער מענדעלעס „ריכטונג" איז געקומען אין דער ליטעראַטור. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אַט דער לייענער האָט באַשאָנקען דינעזאָנען מיט דער זעלבער סימפּאַטיע, וועלכע ער, דער מאַסע־לייענער, האָט דעמאָלט נישט איין מאָל דעמאָנסטרירט אין זײַן באַציִונג צו מענדעלעס ווערק" (150). דערפֿאַר האָט אַ רעוואָלוציאָנערער קריטיקער, בײַם אײַנרײַסן מיטן עבר, זיך אויסגעדריקט: „די יִדישע סענטימענטאַלע ליטעראַטור איז, ווי יעדע סענטימענטאַלע ליטעראַטור — אַן עכט־לעזעריש, אַ געברויכערישע פֿאָרעם־אַנטפֿלעקונג... די דינעזאָןשאַפֿונג האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די בריוונשטעלערישע קולטור... דינעזאָנס „צאינה וראינה"ש פֿאַרהיימישט וואָרט האָט טרײַ אָפּגעשפּיגלט די עלעמענטאַרע

148) אַלטער קאַציזנע — „דאָס פּראָבלעם — „דינעזאָן", אין „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע 1924, נ' 22.

149) ש. ניגער — „פּופּציק יאָר נאָך יעקב דינעזאָנס „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", אין „די צוקונפֿט", נ"י 1928, נ' 5.

150) נ. אויסלענדער — „מענדעלעס מיטגייער אין די 60ער—70ער יאָרן", אין „מענדעלע און זײַן צײַט", מלוכה־פֿאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1940, ז' 115.

זיטלעך־משפּחהדיקע געפיל־באַדערפעניש פון יענע באַדייטנדיקע לעזערישע קרייזן, וואָס האָבן אים געגעבן, אייגנטלעך, פּאַרטיקן סענטימענטאַלן שטאָף" (151). דער סך-הכל: „דער השכלה־קאַמף, וואָס איז ביי אַזוינע שרייבערס ווי מענדעלע און לינעצקי געווען אַ פּאַרביסן־קאָנסעקווענטער, איז ביי דינעזאָנען געווען: קאָמפּראָמיס" (152).

דער קאָמפּראָמיס איז געווען, נישט מחמת שוואַכקייט, ווי אַ סך מיינען, נאָר גראָד צוליב מענטשלעכער פעסטקייט און חשיבות.

*

„אינמיטן פון דעם קליינלעכן טומל פון לעבן, אינמיטן פון דעם רוישיקן ליטעראַטן־וועלטל, וואָס איז נאָך מער שרייענדיק, ליאַרעמדיק און חוצפּהדיק, ווי דער גאַנצער רעשט, איז ער געבליבן שטיל, ריין און איידל. אַ ווייסע טויב צווישן די שוואַרצע קראָען און אָנגעבלאָזענע פאַלשע פּאַוועס" (153). דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון אַ מענטשן, וועלכער האָט יעקב דינעזאָנען אַ צייט לאַנג געקענט פון טאָג־טעגלעכער צוזאַמענאַרבעט און וועלכער איז גאָר נישט געווען גרינג אויף לויבן. איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז אַן עקזאַלטירטער, סענטי־מענטאַלער מענטש, וואָס האָט יאָ ליב צו שענקען קאָמפּלימענטן, זאָל ביים דער־מאָנען דינעזאָנס האַרציקע קאָרעספּאָנדענץ זאָגן: „פון כל טוב... האָפענונ־גען... טרייסטווערטער... סתם קלוגע רייד... פול מיט גוטמוטיקע איינפאַלן, פול מיט האַרציקן הומאָר... באַקומען פון דינעזאָנען אין פאַרלויף פון אַ קור־צער צייט דרייסיק פּאָסטקאַרטלעך... אייניקע פון זיי האָב איך געקענט אויף אויסווייניק... ער האָט געשריבן מיט התלהבות" (154).

---

151) י. דאָברושין — „געדאַנקענגאַנג", קיעוו 1922, קאַפּ׳ אין „אי־דישע ליטעראַטור", קיעוו 1928, ז׳ 151.

152) מיכאל נאַטיש — „עלעמענטן פון דינעזאָנס פּערזענלעכקייט", אַריינפיר אין „אַ יאָר אַרבעט אין דער אַספּיראַנטור" ביים ייוואָ, ווילנע 1937, ז׳ 31. מענדל עלקין, ביבליאָטעקאַר פון ייוואָ אין ניו־יאָרק, האָט מיר אינפאָרמירט (1956.9.11), אַז צווישן די אָפּגעראַ־טעוועטע מאַטעריאַלן געפינט זיך נאַטישעס כתב־יד, לערך 500 זייטן, „געשריבן אויף שטיקלעך און ברעקלעך פּאַפּיר".

153) וו. מעדעם — „פון מיין נאָטיץ־בוך", וואַרשע 1929, ז׳ 129.

154) אברהם רייזען — „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", ווילנע 1929, 1טער טייל, זז׳ 29—32.

צענדליגער טויזנטער בריוו — טויבן — האָט דינעזאָן צעשיקט איבער דער וועלט. אַ סך פון זיי האָבן שרײַבערס און קולטור־טוערס אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה.

„אַ ייִד, וואָס קען העברעיִש און שרײַבט זשאַרגאָן — האָט דינעזאָן געזאָגט אין 1907 אין זײַנעם אַ בריוו צו פּיליפּ קראַנצן — איז אַמאָל פאַררעכנט געוועזן ערגער ווי געשמדט" און דערפאַר „איז נאָר דאָ איין געזעץ, איין פּרינציפּ אין אונדזער צײַט: נאָר שטאַרק צו זײַן (155). אויב עס איז ריכטיק, וואָס פּיליפּ קראַנץ האָט דערציילט, אין זײַן סעריע אַרטיקלען, וועגן „יוננערמאַנטשיק", אַז „לויט דינעזאָנס ווערטער האָט זיך דער דאַזיקער ראָמאַן פאַרקויפט אין 200 טויזנט עקזעמפּלאַרן אין משך פון עטלעכע יאָר צײַט" (156), האָט מען טאַקע באַדאַרפט זײַן דער גרעסטער גבור, אַז מען זאָל נאָך אַזאַ פאַנטאַסטישן דערפאָלג אָפּמאַכן בײַ זיך מער זיך נישט צו דרוקן, און האַלטן וואָרט 13 יאָר!...

*

יעקב דינעזאָן איז ווײַט נישט געווען קיין מהיכי תיתיניק, אויב ער האָט אין 1907 געשריבן, באַציִענדיק זיך צום שטיל „הערשעלעס לידער": „די טבע פון ייִדישע שרײַבער איז — וואָס זאָלן מיר דאָ לייקענען — אַ סך לאַרם און געפּילדער... מען זאָל מײַנען עס דונערט, און דער עולם, דער תם זאָל גלײַך אַ ברכה מאַכן: עושה מעשה בראשית אָדער שכחו וגבורתו מלא עולם" (157).

ער האָט געהאַט קוראַזש אָנצושרײַבן „שמשון שלמה מיט זײַנע **פערד**", וואָס פאַר אַזאַ דערציילונג איז מען אין צאַרישן רוסלאַנד געווען אײַנגעשטעלט מיט לעבן (158).

---

155) משה שטאַרקמאַן — „פּיליפּ קראַנצס ליטעראַרישע באַגעגענישן", אין „פילאָלאָגישע שריפטן", 3טער באַנד, ווילנע 1929, זז' 70—72.

156) ד"ז, ז' 68.

157) „ביכער־וועלט", וואַרשע 1922, נ' 3, „פון יעקב דינעזאָן צו יצחק קאַצענעלסאָן".

158) „דיזע מערקווירדיגע פעריאָדע — זאָגט זיך אין דער הקדמה צו דער נ"י אויסגאַבע, אין 1909 — האָט אויף געקאָכט גאַנץ רוסלאַנד . . . און מען כאַפּט דאָס וויא מצה־וואַסער".

און ער — וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געזוכט די פריַינדשאַפט פון אַלע יידישע שריַיבערס — האָט זיך נישט געפילט געשטערט אָנצושריַיבן די מעשה וועגן ר׳ לייבעלע דעם וויַינהענדלער, וואָס איז אַ משל און אַ נמשל אויף יענעם סאָרט פון דערפאָלגריַיכער שריַיבעריַי, ביַי וועלכער די שריַיבערס זיַינען געגליכן צום הענדלער, וואָס האָט בסך־הכל איין מין אָרעמען וויַין, אָבער פאַרן עולם, הייסט עס, פאַרמאָגט ער אַלע מינים וויַינען פון דער וועלט — נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל ביַי אים נישט זיַין: פאָנטאַק, באָרדאָ, מאָדערנע, כרמל־וויַין... אָבער דער אמתער אמת: „עס איז נאָר דאָ אמונה, אַ פעסטע אמונה אין זיך, אין פעסל, און אין יענעמס עם־הארצות.... אמונה איז זיך, אמונה אין טינטער, אמונה אין עם־הארצות פון לעזער, וואָס ווייסט נישט די נפקא־מינה צווישן פאָנטאַק, באָרדאָ, כערעס, מאַדערע און טאָקאַיער... ווי קאָן מען אַזוינס, פלעג איך זיך פרעגן, אָן אחיזת־עינים?... מען טאָר אַ רגע אין ספק נישט זיַין, אַז יענער, וואָס טרינקט דעם וויַין, אָדער דער וואָס לייענט די ליטעראַטור, איז אַ מבין אויף די זאַכן: וואָס איז וויַין און וואָס איז ליטעראַטור...״ (159).

יעקב דינעזאָן האָט געטרויט דעם לייענער. דאַרף דער לייענער באַרעכטיקן דעם צוטרוי: אַליין שאַצן און אָפּשאַצן.

---

159) „אחיזת־עינים״ („זכרונות און בילדער״), זז׳ 209—210.

נעמען־רעגיסטער

אויסלענדער, נ. — 23, 126.
אליה בחור — 52, 124.
אלמי, א. — 124.
אנ־סקי — 28, 29, 96, 103, 107, 113, 123.
אקסעלראָד — 30.
אקסענפעלד, ישראל — 121.
אש, שלום — 113, 115.
באדלער — 120.
בוכבינדער — 56.
בעל מחשבות — 8, 125.
בערנשטיין — 18.
גאָלדפאָדען, אברהם — 72, 73.
גאָרדאָן, מיכל — 14.
גלאַזערמאַן, שמואל — 68.
גרעץ, היינריך — 18, 45, 46, 48, 51.
דאָברושין, י. — 127.
דובנאָוו, שמעון — 15, 30, 34, 47, 52, 53.
דיק, אייזיק־מאיר — 16, 22, 48, 49, 122, 125, 126.
הורוויץ — 30.
הורעוויטש, באַראָנע — 9, 10, 21, 22.
הירש, באַראָן — 71.
הירשביין, פּרץ — 28, 95, 101, 102.
הירשקאַן, צבי — 102.
הערשעלע — 128.
וואָלקענשטיין, ד. — 23.
טרונק, י. י. — 102, 105.
יהואָש — 58.
לוריע, נ. — 23.
ליטוואַקאָוו, א. — 125.
ליליענבלום — 31.
לינעצקי, יואל — 7, 39, 127.
לעבענזאָן, אָדום הכהן — 22.
לעווי, ישראל — 42, 45.
לעווין, גרשון — 100, 102.
מוקדוני, א. — 95, 96, 101.
מייזיל, נחמן — 44, 53, 57, 71, 73, 104, 124.
מיצקעוויטש — 125.
מעדעם, וולאַדימיר — 115, 127.
מעטערלינק — 120.
מענדעלסאָן, שלמה — 114.
מענדעלע מוכר ספרים — 7, 24, 33, 41, 47—54, 124, 126, 127.
נאַטיש, מיכאל — 127.
נאָמבערג, ה. ד. — 106, 110, 115.
ניגער, שמואל — 11, 12, 14, 15, 24, 70, 119, 122, 126.
סאָקאָלאָוו, נחום — 19.
סלאָנימסקי, חיים־זעליג — 31.
סמאָלענסקין, פּרץ — 16, 31, 32, 48.

סעגאלאָוויטש, זוסמאַן — 121.
ספּעקטאָר, מרדכי — 47, 51, 52, 124.
סקאָמאָראָווסקי, שלמה — 45, 46.
עטינגער, שלמה — 121.
עליאשעוו, אייזיק — 18.
עלקין, מענדל — 111, 116, 127.
פּאַט, יעקב — 110.
פּרץ, י. ל. — 8, 12, 15, 16, 18, 19, 34, 47, 53-57, 69, 70-75, 78, 95-110, 113, 114, 116-120, 122, 123, 124.
פּרץ־לאַקס, ר. — 104, 107.
פאַלק, דוד — 71.
פאַרבשטיין — 115.
פייגענזאָן — 24.
פיינבערג, דוד — 71.
פין, שמואל־יוסף — 22.
פינינבערג, עזרא — 23.
פרישמאַן, דוד — 96, 99, 124.
צוקערמאַן, אליעזר — 23.
ציטראָן, ש. ל. — 11, 22, 23, 31, 32, 43, 56, 98, 106.
צעדערבוים, אלעקסאַנדער — 42.
קאַגאַנאָווסקי, אפרים — 103.
קאַזדאָן, ח. ש. — 113, 114, 116, 117.
קאַציזנע, אלטער — 126.
קאַצענעלסאָן, יצחק — 128.
קעניג, לעאָ — 124.
קראַנץ, פיליפּ — 128.
ראַבאַק, א. א. — 99.
ראָזשאַנסקי, שמואל — 70.
ראָם, אלמנה והאחים — 9, 11, 22, 24.
רויזענבלאַט, ה. — 121.
ריב"ל — 7.
רייזען, אברהם — 120, 127.
רייזען, זלמן — 23, 76.
רייכמאַן, ישראל — 115.
שאַליט, משה — 107.
שאַצקי, יעקב — 99.
שווייד, מארק — 124.
שולמאַן, קלמן — 22.
שור — 30.
שטאַרקמאַן, משה — 128.
שלום עליכם — 34, 41, 43-47, 49, 51-54, 56, 69, 96, 98-100, 104, 113, 121, 122, 125.
שמ"ר — 30, 56, 125.

*

SAMUEL ROLLANSKY

Jacob Dineson

ENTRE LOS CLASICOS DE LA LITERATURA JUDIA

*

CONFEDERACION PRO CULTURA JUDIA
Buenos Aires
1956

Este libro se terminó de imprimir en Noviembre de 1956 en la
Imprenta "GRAFICON" N. Zielony, Buenos Aires, Pasteur 356 (al fondo) - T. E. 48-8960